# פנקס שצ׳קוצ׳ין
# יזכור בוך

# פנקס שצ׳קוצ׳ין

## שטשעקאטשינער יזכור בוך

### (לעבן און אומקום פון א יידיש שטעטל)

העורך: ישראל שווייצר (בן־אברהם)





חברי המערכת:
מרדכי בן שלמה (גרייפנר)
חנוך בן פנחס ([illegible]באז)
יצחק קופרברג

תל־אביב תש״ך — 1959
הוצאת ארגון יוצאי שצקוצין בישראל

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

# PINKES SZCZEKOCINY

A MEMORIAL TO THE JEWISH COMMUNITY
OF SZCZEKOCINY (POLAND)

דפוס הפועל המזרחי, תל־אביב

# בית הקברות שלנו

נעמוד נא דום בראשים מורכנים, בדאגה ועצבות. אין אנו יודעים היכן הובאו לקבורה קרובינו וידידינו הי"ד שהושמדו בידי הרוצחים הנאצים — ואם בכלל באו לקבר ישראל?

ישמשו נא עלי־זכרון אלה בית־הקברות להם ומצבת אחים כאחד. עיין נא שכול ויתום, וקרא במו עיניך את השמות. השוב נא כי מתהלך הנך בין קבריהם בבית־העלמין

כאן בדפי ספר זה שרויים הם — אביך, אמך, ילדיך, אחיך, ואחיותיך, סבך וסבתך — שנורו, אונסו, חונקו, נשרפו ונקברו בעודם בחיים.

עמוד כאן דום. ירחפו נא לפני עיניך חזיונות הסיוט של הימים המרגיזים ההם.

הצב פעמיך אט־אט ויחיה נא דמיונך לפחות חלק מזה שעבר עליהם. דמה נא בנפשך כי עיניהם מביטות עליך מתוך השורות הפתוחות בספר זה.

מבטיהם תובעים ומזכירים: זכרונו! אל תשכחונו.

נשמותיהם נעשות כאילו רואות במילים הכתובות בספר. הם מזכירות לנו כי באם עלה בידי הגרמנים להחריב את עיירתנו היקרה, הרי הצליחו זאת פיזית, אבל הרוח של בני־עירנו שהושמדו ישארו לעולם ועד בלבותינו.

יהיה נא חרות לעד בנשמתכם זכרונם הקדוש. יישארו נא דפים אלה לדורות הבאים, ככדי שילדיך, נכדיך ונניך יזכרו, כי הספר הזה מהווה מצבה על אבדן של 3000 יהודים אשר הושמדו בצורה האכזרית ביותר והשאירו לדורות הבאים צוואה:

זכרו, אל תשכחונו!

ת. נ. צ. ב. ה.

י. בן אברהם

# אונזער בית־הקברות

בלייב שטיין! מיר ווייסן נישט, ווו אונזערע נאָענסטע און טייערסטע די טראגיש אומגעקומענע דורך די נאצישע רוצחים הי״ד, זיינען געקומען צו קבורה — און אויב זיי זיינען בכלל געקומען צו קבר־ישראל?

זאָלן די געדענק בלעטער פון דעם בוך, זיין זייער בית־הקברות, זייער ברודער מצבה.

קוק צו, איבערגעבליבענער יתום און אָבל, קוק און לייען מיט דיינע אויגן די נעמען און זאָל זיך דיר אויסדוכטן, אז דו גייסט אויף א בית־הקברות צווישן זייערע מצבות.

דאָ, אין די בלעטער פונעם בוך ליגן זיי: דיין טאטע, מאמע, שוועסטער, ברודער, דיין זיידע, באָבע, דיינע אלע קרובים — דערשאָסענע, געשענדעטע, דערשטיקטע, פארברענטע און לעבעדיקערהייט באגראָבענע.

בלייב שטיין און זאָלן פאר דיינע אויגן שוועבן די געשפענסט בילדער, פון יענע טרויעריקע טעג, זאָל דיין פאנטאזיע איבערלעבן כאָטש א טייל פון דעם, וואָס זיי האבן איבערגעלעבט, ווייל אויך דיין גורל, האָט געזאָלט זיין דער זעלבער.

זאָל זיך דיר דוכטן, אז זייערע אויגן קוקן אויף דיר פון די געשריבענע שורות ארויס, זייערע בליקן מאָנען און דערמאָנען; געדענקט אונז — פארגעסט אונז נישט. זייערע נשמות ווערן ווי לעבעדיק אין די ווערטער פונעם בוך — און זיי דערמאָנען אונז, אז אויב די דייטשן, האָט זיך איינגעגעבן צו פארווּיסטן און חרוב מאכן אונזער טייער שטעטל, האָט זי עס נאָר חרוב געמאכט פיזיש — ווייל דער גייסט פון אירע געזונטענע יידישע איינוווינער, וועט אויף תמיד פארבלייבן אין אונזער זכרון, און אין אונזערע הערצער.

קריך איין אויף אייביק אין דיין זכרון זייער הייליקן אנדענק און זאָל דאָס זיין א זכר לדור דורות, אז אויך דיינע קינדער און קינדס קינדער זאָלן וויסן אז דאָס בוך פארקערפערט א מצבה פון בערך 3000 יידישע נפשות, וועלכע זיינען אויף דעם אכזריותדיקן אופן אומגעקומען איבערלאָזנדיק א צוואה פאר די קומענדיקע דורות:

געדענקט! — פארגעסט אונז נישט!

ש. ישראל

# בשער הספר

שנים עברו מאז חוסלה עירנו שצקוצין, ועדיין לא השלמנו עם אבדתנו.

הלב עודנו מתכווץ, בזכרנו מה עוללו לנו המפלצות הנאציות! מאז קום ארגון יוצאי שצקוצין במדינת ישראל משנת 1950, חפשנו דרך איך להנציח את עיירתנו ואת זכר קדושינו ולהציב להם ציון.

כשהחלטנו להוציא ספר „יזכור" לא תארנו לנו שהמשימה תהיה קשה מכל הבחינות.

בשלבים הראשונים של הפעולה התלבטנו בעיקר בהשגת החומר. לא קל היה לשכנע את חברינו שיעלו מזכרונותיהם על הנייר. לא בקשנו מאמרים בעל משקל דווקא. פנינו אל יוצא שצקוצין באשר הם שם, בארץ ובגולה, שיטו שכם למפעל קדוש זה. שום דבר לא היה לנו מן המוכן, לא חומר היסטורי, ולא תעודות ארכיוניות. ובכל זאת עשינו עבודה רבה. החומר איננו שגרתי, אבל הוא משקף את עיירתנו, כתבנו כפי שיכולנו, ספרנו את אשר זכרנו, והצלחנו להנציח את דמות העיירה. הלכנו בתיאורים והצבנו ציון לנפשות היקרות לנו, תארנו את אורח חייהם של עיירתנו, החל מן הדור שעבר. ספרנו על הערכים שעליהם נתחנכנו. נתנו תמונה מקיפה על העיירה, בתי התפילה, החברות, המוסדות, המפלגות, ועל הכל הבאנו את פרשת חורבן שצקוצין מפי שארית הפליטה.

היתה לנו הזכות לטפל בחומר „יזכור", אמנם השפיעו היגון והצער בגביית העדות על חורבן שצקוצין והחסול הטרגי של קדושינו, היו ימים של זוועות ולילות יגונים בעבודה הזאת אך היו גם שעות של התייחדות עם העבר, כאילו חי וקיים עוד הבית בעיירה... לאור הזכרונות קמו דמויות נשכחות כאלו האתמול קם לתחיה...

הופעת הספר „יזכור" מאורע רב ערך ליוצא שצקוצין באשר הם שם.

יבואו על הברכה בני עירנו בצרפת על הגישם לנו עזרה כספית.

במיוחד נתונה תודתנו לכל חברי הועד של ארגון יוצא שצקוצין בארץ שהניחו את היסוד למפעל קדוש זה.

לכם ילדים במדינת ישראל אשר לא הכרתם את העבר של הוריכם נקדיש מלים מספר, עם הופעת ספרנו.

גדלתם בארץ הגאולה והדרור. והגולה הדוויה מדורי־דורות, אינה קרובה אל לבכם וזר הוא לרוחכם העבר על הוריכם.

במפעלנו הקדוש ,הוצאת הספר „יזכור" מלאנו חובה, לא רק לקדושנו ולזכר עיירתנו, אלא גם לכם הצעירים, לא זכיתם ילדים לראות בקרבתכם סבא וסבתא, ולשמוע מפיהם על מעשים וימים שהיו...

תעיינו בספר היקר שלנו, מכל דבר יחידי, זה שנשאר לנו, המגולל את פרשת שצקוצין, ולעניכם תתגלה עיירה יהודית טפוסית אחת ממאות העיירות בגולה, שהיו, ושאינו עוד ולא יהיה להן המשך...

**הספר שלנו — הוא גם שלכם — כבדוהו וקראוהו!!**

בשם חברי המערכת
**חנוך**

# אנשטאט אן הקדמה

דאָס דאָזיקע בוך דאַרף נישט פאַרשטאַנען און אויפגענומען ווערן ווי אַן אויסשליסלעך געשיכטע בוך. איך האָב נישט געהאַט כדעה און בין אויך נישט געווען ביכולת צו גריבלען זיך אין טרוקענער געשיכטע. אפילו ווען איך זאָל וועלן עס טוען, האָבן מיר דער צו אויסגעפעלט די נויטיקע גרונדלאַגן, ווי שטאַטישע און פריוואַטע ארכיוו מאַטעריאַלן, פנקסים פון דער קהלה, חברה־קדישא א.א.וו.

איך האָב זיך באַשרענקט צו שילדערן אין אַלגעמיינע שטריכן אַ געוועזן יידיש שטעטל אין פאַר מלחמהדיקן פוילן אונטערשטרייכענדיק די ספּעציפישע געשיכטלעכע מאָמענטן און אייגנענאַרטיקייט, ווי אויך אַ טייל פון די פּערזענלעכ־קייטן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט שטשעקאָטשין.

איך גיב זיך אָפּ אַ קלאָרן דין וחשבון, אַז דאָס בוך וועט אפשר נישט שטיין אויף דער געהעריקער ליטעראַרישער הויך און ניוואָ; איך גלויב, אַז עס וועט זיכער זיין אַ סך צו קריטיקירן. זאָלן אָבער מיינע ליבע בני־עיר מוחל זיין מיין דרייסטקייט. איך האָב אויף זיך גענומען די שווערע אויפגאַבע נאָכגייענדיק דעם געדאַנק פון אונזערע חז״ל: „במקום שאין איש תשתדל להיות איש״.

צו די דאָזיקע אויפגאַבע, האָט זיך מיר איינגעגעבן, דאָס ווען אונזערע לעבן געבליבענע שרידי שטשעקאָטשין פון עלטערן און יונגערן דור. אַליין דאַרפן באַאורטיילן.

איך האָב ביי דער אַרבעט געהאַט די ריינסטע כוונה אוועקגעבענדיק איר די בעסטע כוחות סיי ביים זאַמלען דאָס מאַטעריאַל, סיי ביים איבערשרייבן און קאָרעגירן דאָס מאַטעריאַל פון די אַלע, וועלכע זיינען מיטבאַטייליקט אינעם בוך.

זאָלן די מיט ליבע און פּיעטעט אָנגעשריבענע בלעטער דינען פאַר אַן אייביקן קדיש. פאַר דער חרוב געוואָרענע יידישע קהלה פון איבער 3000 יידישע פאַרשניטענע לעבענס.

י. ש.

# הספר של קדושה

בחרדה שבלב וברטט של קדושה מייחדים אנו לניצולי עיירתנו דפי הנצחה אלה.

צו מצפון עליון הדריך אותנו בעבודתנו זו. מעטים ניגשנו למלאכת הקודש ומאוחדים בדעה, כי חובה היא להנציח את זכרם של יהודי שצקוצין עיירתנו. את אבותינו, אמהותינו, ילדנו, אחינו, אחיותינו, קרובינו, וידידנו שנרצחו על ידי החיה הנאצית צמאת דמים.

האסון הגדול שפקד את יהודי שצקוצין הביא כליה על שכבת מנהיגינו הרר־חניים, מורינו ורבנינו, אנשי העם וההשכלה, אנשי הלהט והחזון.

מעטים נשארנו, כוחותינו מצומצמים, ואפשרויותינו מוגבלים ואין המקורות העומדים לרשותנו מספיקים להכרת עברה של עיירתנו.

מיסמכים בודדים נמסרו לידידנו הזורקים אור על שצקוצין ואנשיה.

למרות אמצעינו הדלים (המצומצמים) העזנו לקבל על עצמנו הוצאות ספר הזכרון הזה.

ספר זה מוקדש לדורות הבאים אחרינו יותר מאשר לנו. הלך הדור שנולד, גדל והתחנך בעיירתנו. לא ימצא בספר זה חידושים רבים, הוא אולי ירענן את זכרונו בפרקי ההווי של קהילתנו שצקוצין שהיתה, הושמדה, ואיננה עוד.

ומה טרגי המושג — קהלה שהיתה ואיננה עוד?

ילדינו וקרובינו מכירים את שצקוצין מסיפורנו, אולם הדורות הבאים לא יכירוה.

לכן יהיה ספר זה נר זכרון תמיד ליקירינו גם לדורות הבאים.

ילמדו הבאים אחרינו מהפרקים הללו על עיירתנו, ההווי שלה, על מנהגיה, וישישיה, ובניה מוריה, דמויותיהם העממיות ואזרחיה, מפלגותיה ותנועותיה. וחיי הנוער שתסס וקמה להגשמת היעוד הדיוני. ולצערנו ולדאבוננו לא זכו זאת להגשים.

לקטנו ידיעות ועדויות מפי הקומץ הקטן של שרידי שצקוצין היהודית הנמצא אתנו בארץ.

תודתנו בקרב לב נתונה לכל אלה שמסרו לנו חומר לספר זכרון זה וביחוד לחברנו ישראל שווייצר, שנוסף על המצאות החומר גם ערך את הספר הזה.

יהי זכרם של יקירי שצקוצין, שזור ושמור בלבותינו וישמש ספרנו זה גשר לזכרונות נצח על החיים שנפסקו ללא עת.

**בן פנחס**

ישראל שהייצער

# דער פארוואקסענער וועג



איך האב געבענקט נאך דיר מיין שטעטל! זייט דעם 3־טן סעפטעמבער 1939. מיטן מאָמענט ווען כ׳האָב דיך פארלאָזט, האב איך נישט אויפגעהערט צו בענקן.

דער טאָג האט זיך געשטעלט א זוניקער. זעלטן ווען אין סעפטעמבער, זאל האבן אין פוילן די זון אזוי געלויכטן, ווי אין דעם טרויעריקן חודש.

בעת מיינע בליקן, האָבן ארומגענומען דעם מאַרק־פּלאַץ, האב איך נישט געגלויבט, אז איך זע צום לעצטן מאָל דעם ארומיקן ארום, אין וועלכן דורות האָבן פארפלאַנצט א פולבלוטיק יידיש לעבן.

געטראַכט, האב איך דאמאלט, אז מיט עטלעכע טעג שפעטער, וועט זיך אלצדינג ענדיקן און ס׳וועט ווידער ווערן „שנה כתקונה״. אין מיין נאַאיווקייט טראכטן האב איך געגלויבט, אז ס׳וועלן אפשר זיין עטלעכע פארלוסטן, אפשר וועלן זיך „דאָ״ און „דאָרט״ אויסוויינען איינעקע יידישע מאמעס. ביי וועלכע עס איז אויפן מלחמה־מזבח אוועקגעריסן געוואָרן זייערע זין, אדער עטלעכע פרויען, וועלן באקלאָגן זייערע אומגעקומענע אין דער שלאַכט מענער — אפשר וועלן פארניכטעט ווערן איינעקע יידישע הייזער — עס וועלן ליידן עטלעכע פאמיליעס, אבער דערפאר איז עס דאך א מלחמה און דעם איינגענעם באַשטימטן שיקזאל קען קיינער נישט אויסמיידן.

דערפאר אָבער, ווען די מלחמה וועט זיך פארענדיקן, האָב איך דאמאלט פאנטאזירט — וועלן אין דער ערשטע רייע צוריקגעשטעלט ווערן אויף זייערע פיס, די אממערסטענגעליטענע. זיינען מיר דאך יידן אויספּרובירט געוואָרן אין

אלע תקופות און אין אלע צייטן מיט מלחמות, פאָגראָמען, רדיפות און דאָך... „נצח ישראל לא ישקר". אָנהויבענדיק פון פרעהן, המן, נבוכדנצר, טיטוס, גאָטפריד פון בולאָן, לודוויק דער ז־טער, קאָנראַד דער 13־טער, טאַרקוואַמעדאַ, כמיעלניצקי, פעטלורא, האַלער א. אנד. צוזאַמען מיטן בלוטיקן מארטיראָלאָגישן וועג וועלכן מיר זיינען אדורכגעגאַנגען אין אונזער געשיכטע — האָט דאָס ידישע געפיל, געפינען תמיד דעם שליסל צו דער ידישער טאַש — און מיט אימפעט און באַגייסטערונג זיינען פונדאַסניי אויפגעשטעלט און באַנייט געוואָרן צעבראָכענע ידישע לעבענס פּאָזיציעס.

אויך דאָסמאָל, האָב איך פאַנטאַזירט, וועט עס זיך פּאַרענדיקן אַזוי ווי אַלעמאָל אַרויסגייענדיק פון דער הנחה: „וכאשר יענו אותו כן ירבה ויפרוץ". אויפן געדאַנק איז געקומען דער טרעפלעכער ענטפער פון הרב מאיר שפּירא ז"ל, איינער פון די גלתים, וועלכער האָט אַפט ליב געהאַט צו פירן מיטן לובלינער רב דיסקוסיעס וועגן ידענטום האָט אים אַמאָל געפרעגט: וואָס איז די באַדייטונג, וואָס ידן ניצן האַרטע אייער צום סדר? — האָט ער אים געענטפערט: אַז ידן זיינען געגליכן צו אייער: פונקט ווי אייער, וואָס מער מען קאָכט, אַלץ האַרטער ווערט עס, אַזוי איז אויך מיט ידן, וואָס מער מען פּייניקט זיי — אַלץ מער ווערן זיי געהאַרטעוועט.

אָבער דערווייל מוז מען אַנטלויפן! — זאָגט אונטער דער בלינדער אינסטינקט. האָט דאָך די תורה אונז אָנגעזאָגט: „ושמרתם את נפשותיכם" און „והבא לטהר מסייען לו" — און דערפאַר, ווען דאָס לויפן, איז געוואָרן אַ מאַסן־פּסיכאָז, האָט קיין שום לאָגישער אַרגומענט נישט געקענט איבערצייגן דאָס קאַלטע געוויסן און בלית ברירה ביזטו אויך געלאָפן.

אָבער ביים לויפן האָב איך זיך פּרובירט איינרעדן, עס איז נאָר אויף דערווייל, אַ פאַריבערגייענדע דערשיינונג. אַזוי מוז עס זיין און נישט אַנדערש. כ'וועל אַנטלויפן און אויסבאַהאַלטן זיך ערגעץ ווו אין וואַלד „עד שיעבור זעם" און אין אַ 2־3 טעג, העכסטענס אַ וואָך, ווען אַלעס וועט זיין „פאַרענדיקט", וועט מען אויף אַ ניכטערן אויפן קענען צוטרעטן צו אַ ברייט פאַרצווייגטע הילפס־אַקציע, באַמיענדיק זיך צוריקצושטעלן די געזעלשאַפטלעכע און שטאָטישע טעטיקייט אויף נאָרמאַלע רעלסן און היילן אין דער ערשטער רייע די מלחמה־וווּנדן פון די, וועלכע זיינען אַממערסטן געטראָפן געוואָרן.

אַזוי האָב איך דאַמאָלס פאַנטאַזירט. די פאַנטאַזיע, האָט אָדער נישט געקענט דערגרונטעוועט זיך צום געדאַנק, אַז אַנשטאָט אויף 3 טעג, איז דאָס אַנטלויפן גאָר אויף אייביק, — פון שוין נישט צוריקקומען קיינמאָל מער. און אַז ליידן וועלן

נישט א קליינע טייל פון דער באפעלקערונג — נאר די גאנצע יידישע באפעלקערונג: 600 פאמיליעס. בערך 3000 נפשות פון וועלכע עס זיינען על פי נס ניצל געווארן קרוב 200 נפשות. די פאנטאזיע. האט נישט געקענט אויסמאלן זיך, אז דער רוב פון די יידן אין פוילן וועלן ליקווידירט ווערן, אויף אזא אופן, אין וועלכן ס'איז נישטא קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון פעלקער פארניכטונג בכלל און פונם יידישן פאלק בפרט.

אבער דאמאלט דעם 3־טן סעפטעמבער 1939. געווען איז עס זונטיק פרי ווען איך האב מיט א וואליזע אין וועלכע ס'האט זיך געפונען: א ברויט, א קילא צוקער און עטלעכע שטיקלעך וועש ארויסגעלאזט זיך אונטער דער ברוק אויפן וועג קיין סענדזישעוו דער וועג, וועלכער האט געפירט אין דער ברייטער וועלט אריין. אטא דאמאלס, האט גלייך א נאגענדע בענקשאפט ארומגענומען מיין גאנץ וועזן צו אלץ און אלעמען, וואס עס האט מיך פארבינדן מיט דער שטאט שטשעקאטשין און מיט דער יידישער היסטאריע אין און ארום איר.

און א היסטאריע, האט דאס יידישע שטשעקאטשין געהאט ארומפולע: די איינ־געהויקערטע, האלב איינגעפאלענע מצבות פון אלטן „בית־החיים״, האבן עדות געזאגט, אז שטשעקאטשין, איז געווען אן אלטע יידישע קהלה. בענוי אין וועלכן יאר די ערשטע יידן האבן זיך באזעצט אין שטשעקאטשין, איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן, א פאקט איז אבער, אז שוין אין מיטן 18־טן יאר־הונדערט, האט די שטאט געליטן פון אן עלילת־דם בלבול. (געניוערס וועגן דעם, האט דער שרייבער פון די שורות געשריבן אינם פסח־נומער פון „יידישע צייטונג״ אין יאר 1956).

פוילישע היסטאריקער באווייזן, אז בעת דעם פוילישן אויפשטאנד געגן די פרייסן אין יאר 1794, אונטער דער אנפירערשאפט פון פוילישן נאציאנאלן העלד טאדעאוש קאשטשושקא, האבן יידן אנטייל גענומען אין די קאמפן ביי ראצלאוויץ־מאסקאשעוו, 8 קלמ. מזרחדיק פון שטשעקאטשין, אגב, וועגן יענעם קאמף קאשטשושקעס איז פארבינדן א שטיק יידישע לעגענדע.

און זקנים פון דער שטאט, האבן וועגן דעם דערציילט פאלגענדעס: איינמאל, איז קאשטשושקא אנגעגריפן געווארן דורך די פרייסן און ער איז געצווינגען געווען אפצוטרעטן. אנטלויפענדיק, איז ער אנגעקומען קיין שטשעקאטשין. דעם 1־טן מענטש, וועלכן ער האט געטראפן אין מארק, איז געווען א ייד, א פרומער ייד, וועלכער איז געגאנגען מיטן טלית־זאק אונטערן ארעם צום דאווענען. אטא, דעם ייד, האט קאשטשוקא געבעטן אביסל וואסער. דער ייד, האט איילענדיק אים ארויסגעבראכט וואסער און אויך ברויט. וועלענדיק אים באצאלן דערפאר מיט

געלט, האט דער ייד נישט געוואָלט נעמען קיין באצאָלונג און אלס דאנקבארקייט, האט דער פוילישער העלד ארויסגעשלעפט א דעק פון אונטערן פערדס זאָטעל און איילענדיק צוגעוואָרפן דאס דעם ייד, זאָגענדיק: נא, נעם דיר א מתנה פון קאָסטשושקאָן, דער ייד, קומענדיק אין שול אריין, האט אויפגעשפרייט די דעק, וועלכע איז געווען באדעקט מיט דיאמענטן און טייערע איידעל־שטיינער, האט דאס איבערגעגעבן די פרנסי־הקהלה, וועלכע האָבן באשלאָסן צו מאכן דערפון א פרוכת, דאס פרוכת, איז ארויסגעהאנגען געוואָרן אויף דעם ארון־קודש אין די ימים־נוראים און אין די יומא־דפגראס און ס׳איז איבערגעגאנגען לדור דורות אלס היסטאָרישע אנדענק וואס איז מיט פיעטעט און ליבע אָפגעהיטן געוואָרן ביזן לעצטן מאָמענט.

ווי ווייט פארהייליקט און ליב עס איז ביי די שטשעקאָטשינער יידן געווען דאס פרוכת קען דינען דער פאקט, וואָס דער פוילישער מלוכישער מוזעאום, האט עטלעכע מאָל אנגעבאָטן גרויסע געלט־סומען דער שטשעקאָטשינער קהלה, בכדי זיי זאָלן דעם פרוכת איבערגעבן דעם מוזעאום (דער לעצטער פרווו איז געמאכט געוואָרן אין די 30ער יאָרן פונם יאר־הונדערט) — אָבער די קהלה האט ברייט־הארציק אָפגעוואָרפן אלע געלט־פארשלאגן.

איז נאָך דען דאָ א פאָלק אין דער וועלט, וואָס האט זיך געקענט פארגלייכן מיט דער שמחה פון די יידן, בעת זיי האָבן באצירט דער שיינער שול מיט דעם הערלעך שיינעם פרוכת, צי האט אימיצער געקענט אָפשאצן די פרייד פון דעם ? אלע אָן אויסנאם פרנסי־קהלה, האָבן געהאלטן דאס היסטאָרישע פרוכת פאר דער קרוין פון זייער קהלישן אייגענטום. און וויפל, האָבן די שטשעקאָטשינער יידן שטאָלצירט מיט זייער שול ? די שול, וועלכע, האט געהערט צו די שענסטע אין פוילן, געבויט אין פאָרמאט פון א פעסטונג מיט א גרויסן פאָליץ און חצר, געפונענדיק זיך ס״ה 30 מעטר פון אלטן „בית־החיים״, איז געווען פארבינדן מיט א שטיק היסטאָריע.

און אזוי האָבן זקנים דערציילט :

די פוילישע פריצישע משפחה פון די ראדזשיוויל, האָבן געוואָרפן אָן אויג אויף דעם פעסן באָדן און געדיכט באוואָקסענע פרוכטן סעדער ארומגערינגעלט מיט מאָסנאווע וועלדער, וועלכע האָבן ווי מיט א קרוין באצירט דעם שטח פון קיעלצער קאנט — און זיי האָבן באַשלאָסן צו באזעצן זיך אויף דעם באָדן, אָ פוילישע פריצה פון דער משפחה, האט אויסגעקליבן שטשעקאָטשין, וואס איז געווען ארומגערינגעלט אין א געדיכטן פייזאש פון פעלדער און לאָנקעס — אלס איר זיץ־אָרט. קומענדיק אין שטעטל, ווי ס׳האט אין יענער צייט געוויינט א קליינע באפעלקערונג, דארינטער עטליכע יידישע פאמיליעס, האט זי געשיקט רופן צו

זיך זייערע פארשטייער און דערקלערס: אז זי וויל זיך דאָ באַזעצן און וויל העלפן אנטוויקלען די שטאָט. די איינוווינער, האָבן זעלבסט פארשטענדליך אויסגעדריקט זייער גרייסקייט און מיטהילף, אלס דאנקבארקייט, האט זי אויפגעבויט די קירכע און להבדיל בין טומאה לטהרה, די שטאָט־שול.

צו דעם צוועק, האָט זי אַראָפּגעבראכט פון פאריז ספעציעלע קונסט־מאלער, וועלכע האָבן אויסגעמאָלט איינע פון די פרעכטיקסטע שולען אין פוילן.

די וואנדערבארע מאָלערייען פון דער שטשעקאָטשינער שול, האָבן נישט איינמאָל געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון די גרעסטע ארטיסטן־מאָלער אין יענער צייט און אויך מיט יאָרן שפעטער. געגוג צו דערמאָנען, אז דער בארימטער מאָלער ארטור שיק, האָט עטלעכע מאָל באזוכט שטשעקאָטשין און גענומען מאָטיוון צו זיינע מאָלערייען פון דער שטשעקאָטשינער שול.

ליידער, איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן, ווער עס האָט געמאָלן די שול, א פאקט איז אבער געווען, אז די מאָלערייען, האָבן מיט זיך פארגעשטעלט א קונסט־ווערק:

דער הימעל מיט די לבנה און שטערן, דער „לויתן" מיטן וויינדל אין מויל, דער „שור־הבור", די 2 כרובים נעבן ארון־הקודש, די 2 לייבן מיט די ארויס־געשטאַרטע צינגער באפיצט מיט גאָלד קאליר, האָבן געמאכט דעם איינדרוק ווי לעבעדיק און אויף יעדן איינעם איבערגעלאָזט אן אומפארגעסלעכן רושם. צוציענדיק די אויפמערקזאמקייט פון בארימטע קונסט־מאלער, דארינטער אויך פון ארטור שיק און פון בארימטן ארטיסטן־מאלער משה אפעלבוים, וועלכער האט געמאָלן די בענדינער שול, שעפענדיק זיינע מאָטיוון פון דער שטשעקאָטשינער שול.

א 20 מעטר פון דער אנדערער זייט וועג, האָט זיך געפונען דער שטאָטישער בית־המדרש פון ווענס וועמענס ווענט, ס'האָבן זיך דערהערט בייטאָג און ביינאכט דער קול התורה פון די „חובשי בית־המדרש" — און אין וועלכן ס'האָבן געדאַווענט די בעלי בתישע יידן.

די ווענט פון בית־המדרש, וועלכע האָבן זיך שוין געבראָכן פון אלטקייט זיינען אין יאָר 1935 פונדאַמענטאַל רעסטאוורירט געוואָרן. צוזאמען מיט די ווענט, איז דער גאנצער בית־המדרש איבערגעבויט געוואָרן איינגראָבענדיק אינם פונדאַ־מענט בלוי־ווייסע סלופעס און איבערן גאַרן אויפן שטאָק, איז אויפגעבויט געוואָרן דער קהלה־זאל, אזוי, אז דער בית־המדרש איז גערופן געוואָרן דער נאציאָנאלער בית־המדרש. צוליב דעם, וואָס דארטן האָבן געפירט די „ממשלה" די גבאים און דאָזאָרעס פונם רעליגיעז־נאציאָנאלן לאגער, להיפוך צו דעם, וואס פאר די בעלי בתים פון דער שול האָבן זיך געהאלטן, די דאָזאָרעס און גבאים פונם רעליגיעזן לאגער.



די פארוואלטונג פון דער ציוניסטישע ארג. ס'שטייט פון לינקס אויף רעכטס: ישראל פרייקארן, (דער איינציקער פון אלע וועלכער לעבט אין אמעריקא), חיים לענטשנער, יעקב שווארצבוים, מנחם באגאמאלני, מאיר פאמטראנץ, לייבל מייטלעס. ס'שטייען די לעצטע אין דער רייע: חיים יצחק קאנאל און יעקב מיאדאווע.

אויבוואל, מען האט קיינמאל נישט געפילט אין דער שטאט דעם פאליטישן, רעליגיעזן, אדער סאציאלן אינטערשיד פון איין גרופע יידן לגבי דער אנדערער. אלע האבן זיך געהאלטן ווי ברודער. איין ייד פארן אנדערן וואלט געגאנגען אין פייער און אין וואסער.

די שטשעקאטשינער יידן, האבן תמיד געוווסט „ווען עס טוט וויי דער קאפ"? ביי וועמען עס איז נישטא שבת צומאכן? ווער עס דארף תתונה מאכן א טאכטער? ווער עס נויטיקט זיך אין א גמילת־חסד, אדער סתם א שטיצע? דער באגריף פון אהבת ישראל, האט געשלאגן טיפעווארצלען אין אלגעמיינעם יידישן לעבן. מען האט עס אנגעזען אין יעדן יידישן ווינקל. עס איז ביי זיי געווען א נאנענטקייט פון מענטש צו מענטש, נישט געווען א זאך, ווי פרעמדקייט, דיסטאנץ.

אטא, די דאזיקע באציאונג בין אדם לחבירו, פון מענטש צו מענטש, האט זיך געלאזט פילן אפילו ווען א שטשעקאטשינער ייד, האט זיך צונויפגעטראפן מיט א ייד פון אן אנדערע שטאט, באגעגענדיק אים צום ערשטן מאל, איז ער גלייך מיט יענעם געווארן א „כל ולך". פאמילאר היימיש.



די מפקדה פון בית״ר: זיצט פון לינקס אויף רעכטס: גרשון מאנגעל (לעבט אין חיפה), ישראל שווייצער, יעקב מיאדאווע. שטייען: שמואל יצחק באגאמאלי, (דער יונגסטער זון פון זיסמאן דוד באגאמאלי), ברוך שבה, שלמה לענטשנער (לעבט אין פאריז).

אויב האָט א פרעמדער „פארבלאָנזשעט״ צופעליק קיין שטשעקאטשין, איז ער גלייך געוואָרן ארומגענומען מיט דער הארציקער ווארעמקייט פון שטעטל. דער ברייטער „שלום־עליכם״, האט אים מאָמענטאל צוגעשמידט צום ארט, אז ער האָט באלד אנגעהויבן טראכטן, וועגן א פרישן באזוך אין שטעטל.

געווען אפילו געניג סאציאלע דינאמיק בכדי צו שאפן גרופירונגען און גרופעס, האָבן דאך געווירקט אין דער שטאָט אלע פארטייען ביי יידן: חסידים, אגודיסטן, מזרחיסטן, ציוניסטן, בית״ר, „התאחדות״ פ. צ. און לינק געשטימטע עלעמענטן, א יוגנט פול מיט פארבן און קאָנטראסטן, אבער אין דער אלגעמיינער באציאונג בין אדם לחבירו, האבן די שטשעקאטשינער יידן, פארגעשטעלט מיט זיך איין גרויסע משפחה מיט אן אייגענארטיקן אהבת ישראלדיקן גאנג אין לעבן, זייענדיק א מוסטער אין ארומיקן קאנט.

דאס לעבן אין שטעטל, האט זיך געפירט דורכאויס יידיש. איז געקומען דער שבת, האָט זיך געדוכטן, אז אחוץ יידן לעבט נישט מער קיינער אין שטעטל. אלצדינג איז געווען ווי אָפגעשטאָרבן. אויבזואָל שטשעקאטשין, איז געווען ארומגערונגעלט מיט א קייט פון צענדליקער דערפער מיט צענדליקער טויזענטער פויערים,

אין דער גייסטיקער כוח פון די יידן געווען אזוי שטארק, אז ער האט געבראכן אלע עקאנאמישע געזעצן.

איז געזעסן א ייד אין דארף, געהאלטן א שענק, א קרעטשמע — און אפגעהיטן שבת נישט זונטיק, טראץ דעם, וואס ער האט באדינט דורכאויס א נישט יידישע באפעלקערונג, ווען די נישט יידישע באפעלקערונג וואלט למשל פארלאנגט אפצוהאלטן דעם מארק־טאג שבת אנשטאט מיטוואך, וואלטן די יידן זיכער נישט געעפנט זייערע קראמען, נישט געקוקט אויפן גרויסן היזק, וואס זיי וואלטן דערביי געווען געהאט. (כאטש ס׳וואלט קיינמאל די פויערים נישט איינגעפאלן אזעלכעס צו טוען). — די שוואכע מיניאריטעט האט באזיגט די מעכטיקע מערהייט.

דאס לעבן, איז געווען פולבלוטיק יידיש!

ווי ווייט ס׳האט דערגרייכט דאס יידישקייט אין שטעטל קען דינען דער פאקט, וואס לויט דער פרשה פון דער וואך, האבן יידן נארמאליזירט זייער צייט־רעכנונג. לויט דער פרשה פון דער וואך, האט דער ייד געוווסט אפילו דעם וועטער. צ.בש. אין דער וואך פון פרשת „בהעלותך״ — האט א פאלקס־ווערטל געזאגט: באווייזן זיך קאמארעס, ווייל עס שטייט אין דער סדרה „כמראה״. אין דער וואך ווען מען לייענט די תוכחה רעגענט און שטורעמט. אין פרשת „בשלח״ גוט מען די פייגעלעך קוגל א.א.וו.

דאס וויכטיקסטע פאר די שטעטלדיקע יידן איז אבער באשטאנען אין דעם וואס דאס גאנצע געזעלשאפטלעכע לעבן, איז געווען קאנצענטרירט נאר אויף איין זאך: צו דערגרייכן א גייסטיקע שלימות.

דאס יידישע לעבן, וואס האט זיך אנגעזאמעלט במשך פון דורות, האט מען געפילט אין יעדן ווינקל, נאך מער, מען האט געקוקט אויף די יידן און געפילט די הייליקייט פון דער שכינה.

מאכענדיק דעם קווערשניט איבער דער פארגאנגענהייט פון שטשעקאטשינער יידענטום און פון ארטיקן יידישן לעבן קומט אויפן געדאנק דער מאמר אין מסכת מגילה (כ״ט ב): ר׳ שמעון בר יוחאי זאגט: „זע ווי באליבט ישראל איז ביי גאט, וואהין די יידן זיינען פארשיקט געווארן, איז איבעראל די שכינה געווען מיט זיי״.

אריינקומענדיק אין א שבתדיקן טאג קיין שטשעקאטשין, האט זיך געשאפן דער איינדרוק, אז די שכינה האט אירע שבת פליגלען פארשפרייט איבער דער שטאט. ארעמקייט, צרות און דחקות, האט ביי אטייל יידן נישט געפעלט, יידן ארמעלייט, וואס זייערע קינדער, האבן נעבעך נישט געוויסט קיין אנדערן טעם, ווי „זונטיק בולבעס״, „מאנטיק בולבעס״, האבן אבער שבת אויסגעקוקט ווי גאנצע פרינצן.

כמעט אין יעדער שטוב, איז געשטאנען אן אלמער מיט ספרים, דאס איז

נישט געווען סתם קיין זאמלונג פון ביכער. דאָס איז געווען א פייער־קאַסע פון גייסטיקער גבורה — א לעבעדיקער אוצר פון האפנונג און זיכערקייט און דערסאר זיינען אויך זייערע יסורים געטראָגן געוואָרן נישט ווי קיין יאָך, א שטראָף פון זיין ליבן נאָמען — נאָר ווי א געטלעכע קרוין. וואָס איז זיי דורכן אלמעכטיקן געשאָנקן געוואָרן.

שענקן און קרעטשמעס זיינען געווען לרוב. אכער זעלטן, האט מען געזען א שיכורן ייד אחוץ אין שמחת־תורה, דאמאלט, ווען ס׳זענען אויסגעגלייכט געוואָרן



דער שמשטקאמשינער מארק
(א מיניאמור בילד)

אלע סאָציאלע אינטערשיידן און דער פראסטער עמך ייד, האָט פארלייגט א האנט אויפן אקסל פון דעם שטאָט למדן און צוזאמען מיט אים געמאכט א ריקודל איבערן מארק מיט ספר־תורה אין האנט. און ווען אימיצער, א שטאָט־לץ האט אים געפרעגט: הלמאי ער האט אזא גדולה מיט דער תורה און וויל נישט אויפהערן טאנצן מיט איר — מילא, האט יענער געפרעגט: אז לומדים וועלכע האָבן אגאנץ יאָר אנגעגעבן זיך מיט איר פרייען זיך, פארשטיי איך, אבער וואס פאר א מחותן ביזטו מיט דער תורה? — האט יענער אים געענטפערט, און אז ביי מיין קרוב איז א שמחה טאָר איך זיך נישט פרייען?

די דאָזיקע פרייד, האָט אַרומגענומען אַלע ייִדן אין שטעטל און אויסנאַם, אַפּילו די קריסטן זיינען אַרויסגעלאָפן פון די שטובן צו זען, ווי די ייִדן פרייען זיך מיט די „ראַדאַלן“, געהאַלפן פליאַסקן מיט די הענט און מיטגעזינגען ייִדישע נגונים און דאַמאַלס סאַקע, האָט געקענט געבוירן ווערן אַ געדאַנק אין מוח: אַז משיח וועט קומען און וועט וועלן צונויפזאַמלען די ייִדן, וועט ער זיך צו זיי באַווייזן אין מיטן מאַרק, דאַרטן ווי יעדער שטיין, איז פאַרהייליקט מיט שכינה און שבת־קודש ייִדישקייט. אַ ייִדישקייט מיט וועלכן דער דמיון איז פאַרפולט און עס איז שווער אויסצומעקן דאָס פונעם זכרון.

ווי ווייט דער זכרון דערגרייכט אַנטפּלעקן זיך בילדער פון ייִדישע טיפּן און געשטאַלטן פון שטעטל. דו פילסט איצט טראַץ דעם, וואָס ס'טיילט אָפּ זייט יענער צייט אַ מרחק פון היבשע יאָרן, אַז אַסאַך די אַלע געשטאַלטן שטעלן זיך אויס פאַר דיר אין אַ רייע און זאָגן הויך מיט רעש און שטורם: מיר זיינען דאָ! — מיר זיינען צוריק לעבעדיק געוואָרן, נאָ, נעם און באַשרייב אונז, ווייל עס איז דאָ וועגן אונז וואָס צו שרייבן.

די אַלטע, איינגעהויקערטע און האַלב צעבראָכענע און מיט מאָך באַדעקטע מצבות אויפן אַלטן „בית־החיים“, האָבן דערציילט וועגן איניקע הונדערט יאָר ייִדיש לעבן, וועלכע ס'האָבן געפירט אין שטשעקאָטשין די, וועלכע זיינען באַגראָבן אונטער זיי.

פון די שיין קריטשטשלדיקע פאַר אַלטקייט מצבות, האָט זיך במשך דורות דערטראָגן דערציילונגען איינע שענער פאַר די אַנדערע, דערציילונגען, וועלכע האָבן זיך אין שפּעטערע יאָרן פאַרוואַנדעלט אין לעגענדעס און זיינען איבערגעגאַנגען מפּה לפּה, פון זיידן צום אייניקל, פון פאָטער צום זון.

יעדע איינע דערציילונג, איז אַ געשיכטע פאַר זיך און אין וועלכע ס'שפּיגעלט זיך אָפּ אַ שטיק ייִדיש לעבן. און אַזוי איז געוואָרן דערציילט: אינעם „אהל“ פונעם אַלטן „בית־החיים“ איז באַגראָבן געוואָרן, איינער פון די אַלטע שטשעקאָטשינער רבנים, וועמענס טעטיקייט אין שטשעקאָטשין איז פאַרבינדן מיט פאָלגענדע פּאַסירונג:

אין שטשעקאָטשין, האָט געלעבט אַ גרויסער צדיק, ויהי היום, האָט ער פּלוצים געדאַרפט צו פאָרן אין אַ שכנותדיק שטעטל וועגן אַ דבר־מצוה, עס איז פּונקט געווען ערב שבת, ווי אַזוי לאָזט מען זיך אַבער ערב שבת אין וועג אַריין? אַזוי־ווי אַבער ווי דער וועג איז נישט געווען קיין ווייטער און געהאַנדעלט האָט זיך וועגן אַן ענין פון פּדיון שבויים, האָט דער צדיק באַשלאָסן יאָ צו פאָרן.

אָהינקומענדיק אויפן אָרט און מקיים געווען די מצוה, האָט ער זיך געלאָזט צוריק אין שטעטל אַריין. דער בעל־עגלה האָט אַ שמיץ געטאָן מיט דער בייטש און די פערד האָבן זיך געלאָזט גאַלאָפּ. אין אַבער געשען אַן אומגליק: דער וועג

איז געוואָרן אַלץ לענגער און דער סוף איז געווען, אז ווען דער רב, איז אריינ־געקומען אין שטעטל אריין, האָבן די שבת־ליכט שוין ארויסגעלייכט פון די יידישע הייזער.

דער צדיק איז געוואָרן אויסער זיך, אזא מעשה? — ער איז געוואָרן אין כעס אויפן כביכול, היתכן? — דער רבונו של עולם, זאָל אים אָפטוען אזא שפיצל? דער ברוגז איז געגאַנגען אזוי ווייט, אז דער צדיק האָט נישט געוואָלט קידוש מאַכן. פאַרשטייט זיך, אז דאָס האָט געמאַכט א גרויסן רושם אין הימעל. דער צדיק האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אזוי גרינג איבערבעטן ביז מען האָט אים אין חלום צוגעזאָגט: אז אין שטעטל וועט קיינמאָל נישט פאָרקומען קיין פּאָגראָמען אויף יידן — ערשט נאָכן הימלישן צוזאָג, האָט ער מקבל שבת געווען.

נאָך דער פּטירה פונעם צדיק, איז אויפן אַלטן „בית־החיים״ אויפגעשטעלט געוואָרן דער „אהל״ און אויף דער מצבה, האָט זיך געפונען די אויפשריפט פון דער געטלעכער הבטחה און אין וועלכע שטעטלדיקע יידן האָבן הייס געגלייבט, אז אדאַנק דעם צדיק, איז קיינמאָל קיין פּאָגראָם אין שטשעקאָטשין נישט פאָרגעקומען.

## פּערזענלעכקייטן.

ווי אזוי שאַצט מען אָפּ דעם געשיכטלעכן ווערט פון אַ שטאָט? מיט וואָס פאַר א מאָס קען מען מעסטן די סיפּקיים פון א שטאָט, אויב נישט מיט דער גרויסקייט פון אירע פּערזענלעכקייטן, סיי מיט די, וועלכע זיינען אין איר געבוירן געוואָרן, סיי מיט די, וועלכע האָבן געצויגן דעם המשכדיקן קיום פון די אויטאָריטעטן און פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן איר דעם ריכטיקן ווערט אָנגעצייכנט. און די שטאָט שטשעקאָטשין האָט זוכה געווען צו עטלעכע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געהאַט א דעצידירנדע ווירקונג אויף דער גייסטיקער אנטוויקלונג פונעם פּוילישן יידנטום. פּערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען מיט גאָלדענע אותיות פאַרשריבן אין דער געשיכטע פונעם יידנטום בכלל און פּוילישן חסידיזם בפרט.

מיר יידן שאַצן אָפּ געשיכטלעכע תקופות נישט לויט דער קריטעריע פון אנדערע פעלקער. מיר מעסטן תקופות און ספּעציעל איר קולטורעלע אויפבלי לויט דעם וויפיל פּנימיות, רחמנות, שיינקייט און קדושה ס׳זיינען פאַראַן אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון א פאָלק און פון זיינע יחידים. אָט אָ די פּנימיותדיקע קדושה שיינקייט, האָט אין דער וועלט ארויסגעטראָגן, איינער פון די זיילן פון חסידיזם, דער איידעם פון קאָצקער רבין ר׳ מענדעלע, דער באַגרינדער פון דער סאָכאַטשאָווער דינאַסטיע ר׳ אברהם באָרענשטיין זצ״ל, דער מחבר פון די חסידיש לומדישע ספרים: „אבני נזר״ און „אגלי־טל״ — וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין שטשעקאָטשין.

ווייזט אויס, אז דער גורל, האט נישט אויסגעמיטן די שטאט אין יענעם קרייז פון געזו. קאנגרעס פוילן. פונקט ווי די ארומיקע שטעטלעך האבן זיך געגרויסט מיט גרויסע פערזענלעכקייטן, מיט וועלכע דאס פוילישע יידענטום האט שטאלצירט און זייער אנזען, איז פארשריבן מיט גאלדענע אותיות אין דער יידישער געשיכטע. צ.ב.ש. פינטשעוו מיט ר׳ יהונתן אייבעשיץ, לעלאוו מיט ר׳ דוד לעלאווער, ווידיסלאוו מיטן רבין ר׳ בונם, זשארקי מיט ר׳ יצחק ווורקער, וולאשטשאווע מיטן באגרינדער פון ראדאמסקער חסידות ר׳ שלמה הכהן ראבינאוויטש א.א.וו., — האט אויך שטשע־קאטשין איר ביישטייער געגעבן מיט ר׳ אברהם בארענשטיין, דעם זאל פון חסידיזם אין פוילן.

ווי אלע גרויסע פערזענלעכקייטן, וועמענס געבורט ווערט איינגעהילט אין א שלייער פון סודות און לעגענדעס, איז אויך דער געבורט פון ר׳ אברהם בארנשטיין זצ״ל איינגעהילט אין א לעגענדע, און אזוי דערציילט די חסידישע לעגענדע:

אמאל פורים ביינאכט, אין יאר תקצ״א, זיינען געזעסן די דעמאלסדיקע צדיקים און גדולי הדור און זיך משמח געווען מיט דער פורים סעודה. אזוי אז ס׳האט אויפגעהערט דער קול התורה איבער דער גאנצער וועלט אין יענער נאכט, אין הימעל איז געווארן א רעש, היתכן ? די וועלט אן תורה ? האט מען נאכגעזוכט און געפונען, אז ר׳ זאב נחום בארענשטיין אין שטשעקאטשין, איז געזעסן און געלערנט תורה. מאמענטאל, האט די פמליה־של־מעלה ארויסגעטראגן א פסק־דין, אזוי ווי ער האלט אויף די וועלט מיט זיין תורה, וועט אים געגעבן ווערן א זון, וועלכער וועט פארלייכטן די וועלט מיט זיין תורה. אין א יאר שפעטער, איז געבוירן געווארן זיין זון אברהם אין וועלכן מען האט באלד דערקענט, אז ער איז צו גרויסע זאכן באשאפן געווארן.

אלט זייענדיק 2 יאר, האט ער געדאווענט אין א סידור צוגלייך מיט דער־וואקסענע מענטשן. צו 3 יאר האט ער אנטיילגענומען אין די שיעורים, וועלכע דער פאסטער האט געלערנט מיט דערוואקסענע בחורים. צו 5 יאר האט ער שוין אליין געזאגט תורה שיעורים פארן פאסטער׳ס תלמידים מיט א וואונדערבארער חריפות. אזוי איז דער יונגער אברהם געוואקסן און שוין אין די יונגע יארן איז ער אנערקענט געווארן אלס עילוי, דורך די דאמאלסדיקע גדולי התורה. די גרעסטע גדולי הדור האבן זיך מיט אים געוואלט משדך זיין, אזוי ווי דער פאטער איז אבער געפארן צו ר׳ מענדעלע קיין קאצק, איז ער אויפגעכאפט געווארן אלס איידעם דורך דעם קאצקער.

אחוץ דעם סאכאטשאווער רבין, האט שטשעקאטשין צו פארצייכנען דעם געבורט פון ר׳ זאב וואלף שטשעקאטשינער (אזוי ווערט ער אנגערופן און באצייכנט אין דער חסידישער ליטעראטור).

אויך ר׳ זאב וואלפן, אן אור־איניקל פון רמ״א, האט די היסטאריע באפיצט מיט א לאבער קראנץ פון דערציילונגען און עפיזאדן. איינער אזא עפיזאד איז דערציילט געווארן דורך די זקנים אין שטשעקאטשין.

ר׳ זאב וואלף, איז געווען א גרויסער פזרן. דאס גאנצע געלט, וואס ער האט פארמאגט, האט ער פונאנדערגעטיילט פאר ארמעלייט און נויט־באדערפטיקע. אבער מיט דעם אליין האט ער זיך נישט באנוגענט, נאר ער פלעגט ארומגיין איבער דער שטאט און זאמלען געלט.

איינמאל אלול צייט, איז געקומען אין שטאט אריין א פרעמדער וואלד סוחר. צו אט דעם גביר, איז ר׳ זאב וואלף געגאנגען בעטן א נדבה פאר די שטעטלדיקע ארמעלייט. דער פרעמדער סוחר, האט ר׳ זאב וואלפן נישט געקענט האט ער געמיינט, אז דאס איז סתם אן ארעמאן, וועלכער גייט איבער די הייזער און היות ווי ער איז געווען פארטועז אין זיינע חשבונות, האט ער זיך אויף אים שטארק אנגעבייזערט: גייט, גייט, כ׳האב איצט נישט קיין צייט קומט אן אנדערש מאל. ר׳ זאב וואלף רעדט גישט קיין ווארט און גייט אוועק. ווען ער איז אבער ארויס, כאפט זיך דער סוחר, אז ס׳פעלט אים זיינער א שטעקן, איז ביי אים קיין ספק נישט געווען, אז דאס איז דעם ארעמאנס מלאכה, ער האט אים דעם שטעקן צוגענומען. לויפט ער אים נאך איבערן מארק און שרייט: גנב, מיין שטעקן גיב מיר אפ, אז כ׳האב דיר נישט געוואלט געבן קיין נדבה דארפסטו דערפאר צוגנבנען מיין שטעקן?

— תלילה, האט ר׳ זאב וואלף געענטפערט, — איך האב אייער שטעקן נישט גענומען. ווערט דער סוחר אין כעס און הויבט אים אן שלאגן. ר׳ זאב וואלף נעמט צו די קלעפּ און זאגט נישט אויס ווער ער איז, שבת תשובה האט ר׳ זאב וואלף געהאלטן א דרשה אין שול און אלע שטעטלדיקע יידן זיינען אים געקומען הערן. דער פרעמדער סוחר איז אויך געגאנגען, אז ער איז געקומען אין שול אריין האט ער זיך דערנענטערט צום ארון קודש, כדי ער זאל בעסער הערן, און דא דערזעט ער פלוצים, ווער עס שטייט און דרשנט, ווערט אים פינסטער פאר די אויגן און פאלט אוועק אין חלשות. אז מען האט אים דערמונטערט און ארויסגעפירט אין פאליש, האט ער זיך ערשט פונאנדערגעוויינט: ס׳טייטש, ר׳ זאב וואלף, דעם שטאט־רב, האט ער אזוי מבזה געווען אין דערצו געשלאגן. דער עולם האט אים געטרייסט און געראטן, אז ווען דער רב וועט פארענדיקן די דרשה, זאל ער צוגיין צו אים און בעטן מחילה. אזא צדיק ווי ר׳ זאב וואלף, וועט אים זיכער מוחל זיין.

נאך דער דרשה, בעת דער גאנצער עולם, האט זיך געשטופּט צום רב, אים זאגן יישר כוח, האט דער סוחר אויך זיך צוגעשטופט מיט דער דעה בעטן ביי אים מחילה. אזוי ווי ר׳ זאב וואלף האט אים נאר דערזען, האט ער געמיינט,

און ער קומט ווידער צו אים מכות דעם שטעקן, גייט ער אים אנטקעגן און הויבט אים אן מפייס זיין בפני קהל ועדה:

— האָט קיין פאריבעל נישט, וואָס איך בין אייך גורם צער, גלויבט מיר, אז כ'ווייס נישט וואָס צו זאָגן. כ'דערקלער אייך דאָ אין אַ מקום קדוש, אז איך האָב אייער שטעקן נישט גענומען. דער סוחר, האָט זיך געוואָרפן צו די פיס פון ר' זאב וואלף און געבעטן, אַז ר'זאָל אים מוחל זיין. זעלבסטפערשטענדליך, אַז ר' זאב וואלף, האָט אינם גלייך מוחל געווען און אלס דאנקבארקייט, האָט דער סוחר פארפליכטעט זיך, אויפצושטעלן דעם גדר צום אַלטן „בית־החיים" און צו האָנדלען ערלעך.

נישט די אויסגאָבע פונם שרייבער פון די שורות צו שילדערן און באשרייבן געגנט, ווען די אלע גרויסע ליכטיקע יידישע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן באטרעטן דעם שטשעקאטשינער באָדן, מיטגעלעבט מיט דער שטשעקאטשינער אטמאָספערע און איבערגעלאָזט זייער השפעה, אויף דער באציאונג און אנטוויקלונג פון שטשעקאטשינער יידנטום, וועלכע זיינען געווען אסך און נישט יעדן באזונדער קען מען אין אַ יזכור־בוך ווידמענען זיין געהעריקן פלאַץ. אפשר וועט דאָס געטוען ווערן ביי אן אנדער געלעגנהייט, אָבער וועגן איינעם אזא גרויסן ייד, וועלכער האָט באוויזן מופתים אין שטשעקאטשין, קען מען נישט פארבייגיין גלייכגילטיק, בעת מען שרייבט געשיכטע פון שטשעקאטשין און נישט דערמאנען זיין נאָמען און דאָס איז ר' דודל לעלאָווער זצ"ל.

לעלאָוו, וועלכעס געפונט זיך 14 קלמ. פון שטשעקאטשין און האָט פארמאָגט בערך 120 יידישע פאמיליעס, האָט זוכה געווען פאראייביקט צו ווערן אין דער געשיכטע פון פוילישן יידנטום, אדאנק זייער גרויסן בן עיר ר' דודל זצ"ל. וועגן ר' דודל לעלאָווערס מופתים, האָבן זיידעס דערציילט זייערע אייניקלעך און פיל פון זיי זיינען פארשריבן אין די חסידישע ספרים און ווערן דערמאנט ביי פארשידענע חסידות פארשער. אבער דער מופת, אז אויף דער „טארגאווויסקא" אין שטשע־קאטשין, האָט זיך צו אים באוויזן אליהו הנביא — דארף דערמאנט ווערן ביים שרייבן די געשיכטע פון שטשעקאטשין.

נאָך אַ גרויסע פערזענלעכקייט, וועלכע דארף צוגערעכנט ווערן אויף דער קאָנטאָ פון שטשעקאטשינער יידנטום איז געווען הרב בעריש מייזעלס. דער שפעטערדיקער קראָקאָווער און ווארשאווער רב.

הרב דוב בעריש מייזעלס ז"ל איז געבוירן געוואָרן אין שטשעקאטשין אין יאָר 1798 אין אן אלטער רבנישער משפחה. אין יאָר 1820 קומט ער קיין קראָקע און דאָרטן האָט ער חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון גאליציאנער גביר זלמן באָרענשטיין, אזוי ארום איז ער אריינגעקומען אין אַ פאמיליען קרייז פון אויס־

געקומענע ייִדישע גבֿירים. באַוווּסט איז הרבֿ מײַזעלס אָנטייל אין גאָרעטבער אויפֿשטאַנד פֿונעם יאָר 1831, ער איז געוואָרן איינער פֿון די אַקטיוויסטע מיטאַרבעטער פֿון גראַף לעדוויק מאַרשטין. נאָכן דורכפֿאַל פֿון אויפֿשטאַנד בײַ וועלכן מײַזעלס האָט אָגב פֿאַרלוירן כמעט זײַן גאַנצן קאַפּיטאַל, האָט ער זיך אָנגעהויבן ווידמענען ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע ענינים און אין יאָר 1832 נאָכן טויט פֿון קראָקאָווער רבֿ, האָט הרבֿ מײַזעלס איבערגענומען דעם קראָקאָווער רבנות־אַמט אויף וועלכן ער האָט אַרויסגעוויזן אַ פֿרוכטבאַרע טעטיקייט. נאָכן טויט פֿון וואַרשעווער רבֿ הכּולל הרבֿ חיים דאַווידזאָן אין יאָר 1854, איז הרבֿ מײַזעלס אײַנגעלאַדן געוואָרן דורך דער וואַרשעווער ייִדישער קהלה איבערצונעמען דעם אַמט פֿון הויפּט רבֿ אין וואַרשע. אין יאָר 1856 נעמט מײַזעלס איבער דעם רבנות־אַמט אין וואַרשע, װוּ ער האָט זיך דאָ אויסגעצייכנט נישט נאָר אַלס גײַסטיקער מנהיג, נאָר אויך אַלס פּאָליטישער פֿירער פֿון פּוילישן ייִדנטום.

זײַנע שטאָלצע מוטיקע אַרויסטריטן, האָבן אַרויסגערופֿן איבעראַל באַגײַס־טערונג. פּאָפּולער צווישן פּוילישן ייִדנטום זײַנען געוואָרן זײַנע אַרײַנזאָגן פֿאַרשידענע אַנטיסעמיטן. איינער אַזאַ „אַרײַנזאָג" פֿון הרבֿ מײַזעלס אָן אַנטיסעמי־טישן פּאָלקאָווניק וועלכער געבראַכט זאָגאַר אין ייִדישן פֿאָלקלאָר און אַזוי ווערט ער דערציילט: דער פּאָלקאָווניק, אַ גרויסער ייִדן־פֿײַנט, האָט געהאַט אַ הונט וועלכן ער האָט אין דער אָנוועזנהייט פֿון הרבֿ מײַזעלס אָנגערופֿן ספּעציעל מיט אַ ייִדישן נאָמען. הרבֿ מײַזעלס, האָט אויפֿן אָרט רעאַגירט זאָגנדיק: — אַ שאָד, וואָס דער הונט טראָגט אַ ייִדישן נאָמען, ווײַל ווען ער וואָלט געהאַט אַ קריסטלעכן נאָמען וואָלט ער געקענט ווערן אַ פּאָלקאָווניק.

באַקאַנט איז אויך זײַן מוטיקער ענטפֿער דעם עסטרײַכישן קאַנצלער אין קראָקאָווער סיים, בעת די זיצונג, האָט הרבֿ מײַזעלס פֿאַרנומען אַן אָרט צווישן די לינקע בענק. אויף דער פֿראַגע פֿון קאַנצלער הלמאַי ער זיצט נישט צוזאַמען מיט אַלע גײַסטלעכע אויף די רעכטע בענק, האָט הרבֿ מײַזעלס געענטפֿערט: „ווייר ייִדן האָבען קיינע רעכטע"...

די פּוילישע ליטעראַטור איז פֿול מיט באַגײַסטערונג וועגן דעם אָנטייל פֿון הרבֿ מײַזעלס אין יאַנואַר אויפֿשטאַנד פֿון יאָר 1863, נאָכדעם ווי דער אויפֿשטאַנד איז דורכגעפֿאַלן, איז ער אַרעסטירט געוואָרן.

דעם 15־טן פֿעברואַר 1870 איז הרבֿ מײַזעלס נפֿטר געוואָרן. די צאַרישע רעגירונג, האָט פֿאַרבאָטן צו שרײַבן גרעסערע נעקראָלאָגן וועגן זײַן טויט. נישט געקוקט אויף דעם האָט זיך די ידיעה וועגן טויט פֿון באַליבטן פֿאָלקס־פֿירער שנעל פֿאַרשפּרייט איבער וואַרשע. זײַן לויה, וואָס האָט געזאָלט זײַן אַ שטילע, איז פֿאַרוואַנ־דלט געוואָרן אין איינע פֿון די גרויסע נאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציעס, וועלכע וואַרשע

האָט אמאָל געזען. הרב מייזעלס ז״ל אין זיין טעטיקייט געהערן צו די שענסטע טראַדיציעס פון פוילישן יידענטום. זיין מיפּולער קאַמף פאר באפרייען פון צארישן יאָך. פאר דער גלייכבארעכטיקונג פון יידן. ווערט דערמאנט מיט דער זעלבער פּיעטעט ווי די אויפטוען פון די גרעסטע פוילישע רעוואָלוציאָנערן און דעמאָקראַטן. דער דאָזיקער שטאָלצער ייד און גרויסער פּולישער פּאַטריאָט מיט וועלכן עס איז פּ:ל די פוילישע ליטעראַטור. איז געבוירן געוואָרן אין שטשעקאַטשין.

די אלע אויבענדערמאנטע פּערזענלעכקייטן. זיינען געווען פאר שטשעקאַטשין ווי אן „עורבא־פּורחא״. א פאַריבערגייענדע דערשיינונג. זיי זיינען נאָר געבוירן געוואָרן דאָרטן. אבער זייער איינפלוס און פּאָלקס־טעטיקייט. האָט זיך געלאָזט מערקן איבער גאַנץ פּוילן און ביי אטייל אויך אויסער אירע גרענעצן. געווען אבער אויך 2 פּערזענלעכקייטן פון גרויסן רבנישן אויטאָריטעט. וועלכע האָבן געלייגט דעם חותם צו דער אנטוויקלונג פון זייער קהלה. ארויפפירענדיק זי מיט זייער טעטיקייט אויפן דרך־המלך פון קהלישן לעבן אין שטשעקאַטשין גופא און דאָס זיינען געווען די 2 רבנים: ר׳ פישעלע און ר׳ שימעלע. 2 פאַרשידענע כאַראַקטערן מיט פּאַ:קערטע אייגנשאַפטן. אבער יעדער איינער אויף זיין אָרט. האָט מיטגעווירקט צו דער צעמענטירונג פונם יידישן לעבן אויף א באַזונדערן שטייגער.

## בעלי־תפילות

פנו דרך! מאַכט א ווארע, מיט גרויס דרך־ארץ זאָלן זיך עפנען די הימלען. הונדערטער מלאכים זאָלן ארויספליען אנטקעגן און אויף זייערע ווייסע פליגלען ארויפטראָגן צום כסא־הכבוד די גרויסע ריינע נשמות פון די בעלי־תפלות אין שטשעקאַטשין.

נגינה. האָט פון תמיד אָן פארנומען אַן אנגעזען פּלאַץ אין דער יידישער געשיכטע. צוזאַמען מיט תפילה. גייט נגינה געפּאַרט במשך דעם גאַנצן גלות־וועג און אריינגעבראַכט שמחה אין יידישע הערצער. דאָרט. ווי עס איז אינטערשטעליק געבליבן די תפילה. האָט דאָס דערגענצט די יידישע נגינה. אסך יידישע אַפּטריניקעס. זיינען צוריקגעקומען צ:ם שטאַם. א דאַנק א האַרציקער יידישער מעלאָדיע. אַ פּרעכ־טיקן יידישן ניגון. אונזער מאָדערנער ליטעראַטור ווייסט צו דערציילן וועגן אסך פאַקטן פון משומדים. אדורכגייענדיק דורך א שול און דערהערט פלוצים דעם כל־נדרי ניגון. אדער אַן אנדערן יידישן פּאָלקס־ניגון — האָט זיך ביי זיי דערוואַכט דאָס „פּינטעלע־ייד״. וועלכער האָט זיי געצווינגען צוריקצוקערן צום מק:ר. דער כוח פון יידישער נגינה. איז אומבאַגרייפּבאַר. איז טאַקע נישט קיין ווונדער. וואָס

ער האָט געלאָזט טיפע שפורן אין ייִדישן לעבן. און זעט מען באַקלאָגט די ייִדישע קהלות, באקלאָגט מען גלייכצייטיק די בעלי־תפילות פון די קהלות.

אין יעדן שטעטל זיינען געווען בעלי תפילות, סתם ייִדן, וואָס האָבן זיך געקענט אויסקשטעלן ימים נוראים ביים עמוד און דאַווענען. יעדעס בית־המדרש און חסידים־שטיבל, האָט געהאַט זייער בעל־תפילה מיטן אייגענעם נוסח. אבער קיין שום ייִדיש שטעטל, וואָלט נישט מותר געווען צו שרייען בקול רם, אז נאָר זייערע שטעטלדיקע בעלי תפילות זיינען געווען די בעסטע.

אויך אויף דעם געביט, האָט סטשעקאָטשין צו פאַרצייכנען א געוויסן דערפאָלג. אין געוועזער הויף, איז אין די לעצטע יאָרן געווען געוואַלדיק פּאָפּולער דער בעל־מוסף יאָסעלע כעלמער. הונדערטער חסידישע ייִדן, זיינען געפאָרן קיין גער צום רבין אויף ימים־טובים בכדי צו הערן די תפילות און ניגונים פון יאָסעלן. יאָסעלע איז געבוירן אין סטשעקאָטשין ביים אָרטיקן רב ר׳ שימעלע. ר׳ שימעלע ז״ל, האָט איבערגעלאָזט 3 זון, קיין איינער פון זיי האָט אבער נישט פאַר־מאָגט די אייגענשאַפט צו ווערן א ממלא מקומו פונם פאָטער דעם רב. ארויפ־צושטייגן אין דעם היכל התלמוד. דערפאַר האָט ער איבערגעלאָזט א זון, וועלכער האָט זיך קונה שם געווען אין היכל הנגינה און דאָס איז געווען יאָסעלע. גערופן האָט מען אים: יאָסעלע כענטשינער, ווייל אין די לעצטע יאָרן האָט ער געוווינט אין כענטשין. געהייסן האָט ער: יאָסעלע כעלמער און געבוירן איז ער אין סטשעקאָטשין.

אחוץ דעם סטשעקאָטשינער רב׳ס זון, דאַרף אויך פאַרצייכנט ווערן דעם רב׳ס איידעם יעקב מענדל כעלמער ז״ל. א תלמיד פון באַוווסטן חסידישן קאָמפּאָ־זיטאָר און טשענסטעכאָווער חזן בירנבוים. יעקב מענדל כעלמער, האָט פאַרמאָגט א פּרעכטיקן לירישן טענאָר, וואָס האָט ממש באַצויבערט די צוהערער מיט זיין געזאַנג מוזיק מבינים מיטן חזן בירנבוים בראש האָבן זיך געהאַט אויסגעדריקט אויף אים, אז ער וואַקסט א מוזיקאַלישער גאון. ליידער איז ער געשטאָרבן יונגערהייט און מיט זיין טויט, האָט דאָס ייִדישע פאָלק פאַרלוירן א גרויסן טאַלאַנט. אחוץ די 2 דערמאַנטע, האָט סטשעקאָטשין געהאַט א גאַנצע פּלעיאַדע פון גוטע בעלי תפילות ווי: ליפּה חזן, מאיר חזן, יעקב גראָספעלד, ברוך מרדכי שוחט, כלעווויצער שוחט, אהרן שוחט, לייבל ווילטשעק, דעם לעצטן אין סטשעקאָטשין מורה הוראה הרב קאַמינסקי ז״ל א. אנד. וועלכע האָבן געמאַכט אויפציטערן די הערצער מיט זייער דאַוונען און זינגען, נישט רעדנדיק וועגן די ספּעציעלע חזנים, וועלכע האָבן באַדינט די שטעטלדיקע ייִדן ביי יעדע געלעגנהייט.

פון זכרונות קען נישט ארויס די פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלט פון לעצטן שטאָט

חזן ר׳ פנחס טריימאן הי״ד, וועלכער איז אחוץ חזן געווען אויך דער שטאָט מוהל. זייענדיק שוין א ייד אַ זקן, האָט ער זיך אלץ נישט געוואָלט שיידן מיטן עמוד — נישט געוואלט ווערן אויס שליח צבור פון זיינע שטשעקאָטשינער יידן. ער האָט זיין זקנה געטראָגן מיט א יונגען געמיט, מיט כבוד און שטאָלץ, נישט געטראַכט קיינמאָל, אז עס איז פאראן אזא זאַך, וואָס הייסט אלטקייט. זיין ווייסע זילבער בארד, האָט אים צוגעגעבן א באזונדערן חן. און אזוי שיין ווי ער האָט געלעבט, אזוי שיין איז ער אויך געשטאָרבן. אומקומענדיק דורך א היטלעריסטישע מערדער קויל האלטענדיק אין דעם מאָמענט א ספר־תורה אין האנט, מקיים זייענדיק די מצוה פון קדוש־השם. ניין! אזעלכע יידן ווי ר׳ פנחס טריימאן איז געווען, ווען דער רבונו של עולם, אזוי שנעל נישט האָבן.

## מלמדים אין שטעטל

ווי איז נאָך פאראן א פאָלק אין דער וועלט, וואָס זיין פאָפולערסט פאָלקס־לידל איז: „תורה איז די בעססטע סחורה״. דאָס מלכות, האָט נישט געדארפט צווינגען די עלטערן צושיקן זייערע קינדער לערנען. יידישע מאמעס פלעגן חלומען איבער די וויגלען, אז די קינדערלעך וועלן אויפוואַקסן, וועלן זיי לערנען תורה. איינ־געוויקעלט אין א טלית, איז דאָס קינד צום ערשטן מאָל געטראָגן געוואָרן אין חדר אריין.

חדר יונגלעך זיינען געווען די „צאן קדשים״ און בכדי צו באַצאָלן דעם רבין שכר לימוד, איז מען גרייט געווען צו פארקויפן דאָס קישן פון קאָפּ. אפילו די „פראָסטע״ טאטעס, האָבן זיך באמיט צו מאכן זייערע קינדער פאר לייט. יידישע מאמעס האָבן אָנגעהאָרעוועט זייערע גאַנצע יאָרן בכדי צו הערן א גוט ווארט פונם מלמד וועגן זייער קינד.

דער מלמד האָט אין יידישן שטעטל פארנומען אן אָנגעזען אָרט. פיל, זייער פיל, איז אין אונזער ליטעראטור געשריבן געוואָרן וועגן אמאָליקע מלמדים און זייערע חדרים. ספעציעל וועגן חדר רעזשים מיטן רבינס קאנטשיק, וועלכער האָט בעקאָטעוועט פאר יעדע קלייניקייט. געזען זאָגאר אזעלכע מלמדים ביי וועלכע דאָס שמייסן איז געווען א ציל פאר זיך אליין און טאָמער האָט א יונגל זיך פאר־קלאָגט, פרעגענדיק פארוואָס? — האָט דער רבי טיילמאל געענטפערט: נישקשה, איבער די האָסט זיך יעצט נישט פארדינט, וועסטו זיך שפעטער פארדינען.

אזוי ווי אין אלע שטעטלעך אין אמאָליקן פוילן, האָט אויך שטשעקאָטשין פארמאָגט א פלעיאדע פון מלמדים. אין זכרון פונם שרייבער פון די שורות טויכן

אויף די נעמען פון די מלמדים: יואלי, זלמן, קאפּל, לאזער, איציקל, בנימין, דער לאמער יחזקאל א. אנד. אָבער א כאַראַקטעריסטישער טיפּ פון א מלמד, וועלכער האָט דערצויגן א דור פון תלמידים מיט וועלכע ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען תנ"ך אָן א קאַנטשיק, איינגעפירט א סיסטעם, אַ שיטה פון דערציִען א יוגענט פאַר נאַציאָנאַלע אויפגאַבן — אויסגאַבן, וועלכע זיינען טאַקע דורך דעם רוב פון די תלמידים רעאַליזירט געוואָרן — איז געווען ר' זיסמן דוד באַגאַמאַלני ז"ל.

אין יאָר 1900, האָט ער זיך באַוויזן אין שטשעקאָטשין, געבוירן אין באַקו (א שטאָט אין דרום אוקראַינע). האָט ער אין דער יוגענט גענומען אן אַקטיווען אַנטייל אין דער „חובבי ציון" באַוועגונג און אַזוי אַרום פאַרשאַפט זיך א גרופּע פריינט, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן די פירער'ס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

געווען א פּערזענלעכער פריינט פון מ. מ. אוסישקין און ד"ר שמריהו לעוין און געפירט א קאָרעספּאָנדענץ אין עברית מיט ח. נ. ביאַליק ז"ל און אַנדערע ציוניסטישע מנהיגים.

קומענדיק קיין שטשעקאָטשין, האָט ער אָנגעטראָפן א נישט פאַראַקערטן באָדן, אַנשטויסענדיק זיך אויף גרויסע שוועריקייטן, אָבער מיט זיין געוואַלדיקער ענערגיע און אויסערגעוויינלעכער ליבע פון א ציון פּאַטריאָט, האָט ער אָנגעהויבן איינצו־פלאַנצן דעם ציון אידיאַל אין די מוחות פון די שטשעקאָטשינער יידן און ספּעציעל פון דער יוגענט.

לכתחילה איז דאָס אים אָנגעקומען זייער שווער, וויל שאַפענדיק אַ „חדר מתוקן" אין וועלכן ער האָט אָנגעהויבן לערנען מיט די קינדער ליבע צו ארץ־ישראל און אַביסל העברעאיש, האָבן די רעליגיעזע יידן און די אַנדערע מלמדים אָנגעהויבן אויסטראַכטן אויף אים פאַרשידענע נישט געשטויגענע מעשיות, צוו. אנד. אז ער לערנט מיט די קינדער כפירה רח"ל — און אז ער שטעלט אויף א דור פון משומדים א.א.וו. מען איז אים פשוט דערגאַנגען די יאָרן, געווען צייטן, ווען מען האָט געוואָרפן שטיינער אין פענסטער אויסהאַקענדיק ביי אים די שויבן, ביים דאַווענען, האָט מען אים אַריינגעגאָסן וואַסער אין צילינדער און אָפּגעטוען אַנדערע שקאָצישע זאַכן, בכדי אים צו דערקוטשען, אז ער זאָל פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

דער „ליטוואַק", (אַזוי האָט מען אים גערופן) האָט זיך אָבער פאַר קיין שום זאַך נישט אָפּגעשראָקן. באַגייסטערט מיטן אויסערגעוויינלעכן אידיאַל, קאָנסעקווענט אין זיין שיטה, האָט ער מיט אן אייזערנעם געדולד פאַראַקערט דער פאַרוואַרלאָזטן באָדן, לייגענדיק א ציגעל צו א ציגעל צו דעם שפּעטערדיקן גראַנדיעזן בנין פון א העברעאישע שולע אין שטשעקאָטשין.

דער ליטוואַק, איז טאַקע אויך געווען דער 1־טער ציוניסט אין שטעטל אין יענער צייט איז עס פאַר א טייל יידן געווען ממש ווי א דאָרן אין די אויגן און

נישט איינמאָל. איז אים אויסגעקומען אויסצושטיין פאַרשידענע אומאנגענעמלעכ־קייטן. אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן, בעת זיינע תלמידים זיינען אויסגעוואַקסן, איז אים שוין געוואָרן לייכטער. דער ציוניסטישער איינפלוס האָט זיך וואָס אמאָל אלץ מער געלאָזט מערקן אין שטאָט. מיטן אנטשטיין פון די ציוניסטישע גרופּירונגען, זיינען עפּעטרס איינגעאָרדענט געוואָרן פאַרשידענע אימפּרעזן. אויף וועלכע ר׳ זיסמן דוד באגאמאלני, איז געוועזן דער ראש־המדברים, באשיינענדיק מיט זיין אויסאָ־ראַטיווע פּערזאָן יעדע ציוניסטישע פאַראַנשטאַלטונג וואָס איז נאָר פאָרגעקומען אין שטאָט.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, בעת עס איז אים שוין געווען שווער צו פירן א חדר, איז ער אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך דער קהלה, וועלכע איז געווען רעפּרעזענטירט דורך א נאציאנאַל־רעליגיעזע מערהייט. און אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, האָט ער א פולשטענדיקע סאַטיספאַקציע באַקומען.

מיר יידן ווייסן, אז די „גרסא דינקותא״ פאַרגעסט זיך נישט, און צוזאמען מיט די גרסא־דינקותא איז איינגעזאַפּט געוואָרן אין אונזערע יונגע מוחות די מעשהלעך אין דערציילונגען, וועלכע דער „ליטוואַק״ האָט אויף א מייסטערהאַפטן אופן איבערגעבן זיינע תלמידים.

געוויינלעך פלעגט מען א יונגעל אין חדר אריין מיטגעבן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, אדער זיסקייטן, ער זאָל האָבן חשק צו וועלן גיין אין חדר אריין. צום ליטוואַק אין חדר אריין איז מען ממש געלאָפן נישט צוליב די זיסקייטן, נאָר צוליב די שיינע מעשהלעך, וועלכע ער פלעגט דערציילן דעם יונגוואַרג.

און מעשהלעך, האָט ער געהאַט אָן א שיעור און א דערציילער איז ער געווען א בעטעמטער. לערנדיק תנ״ך און שילדערנדיק אירע העלדן, האָסטו געפילט, אז די זעסט זייערע העלדן פאַר דיינע אויגן — און אז די אלע ערטער וועלכע ער האָט דערמאָנט שטייען לעבעדיק פאַר דיר, די קענסט זיי ממש אָנטאָפּן מיט די הענט. יעדער פּסוק פון תנ״ך, איז דורך אים באצירט געוואָרן מיט שיינע מעשהלעך און לעגענדעס. אָטאָ דאָס, האָט אזוי געלאָקט, אז קליינוואַרג, איז ממש געלאָפן אין חדר אריין צום ליטוואַק.

אויך פאַר דערוואַקסענע בחורים, האָט ער געהאַט א ספּעציעלע סאָרט מעשהלעך, וועגן ציוניסטישע עסקנים און פּערזענלעכקייטן, זייערע מעשים און טאַטן, אנצייליקע עפּיזאָדן, פון וועלכע מ׳וואָלט געקענט אָנשרייבן א גאַנץ בוך.

און נישט נאָר וועגן ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן פלעגט ער דערציילן. אויף יעטוועדע שורה, וואָס ער האָט געלערנט, האָט ער געהאַט א באַרג מיט מעשיות, אויסטייטשענדיק יעדעס וואָרט אויף אזא אופן, אז עס זאָל זיין אויפמערקזאַם פאַרן אויער פון צוהערער.

אזוי צ.ב.ש. האט אים אימיצער פון די תלמידים אמאל געפרעגט: הלמאי מען טאר ניט דאווענען מער ווי 3 מאל אין טאג? — דער פשוטער שכל זאגט דאך, אז וואס מער אלץ בעסער, האט ער באלד אפגעענטפערט מיט א מעשה פונם מדרש:

דער רוימישער קייזער אנטאָנינוס, האט אמאל געפרעגט רבין די זעלבע פראגע. האט אים רבי עטלעכע מאל באגעגענט און גאס און יעדעס מאָל געמאכט א פריישן קאָמפּלימענט. אנטאנינוסן, איז דאס ניט געפעלן געוואָרן און איט אויפמערקזאם געמאכט: האסט גארניט קיין דרך־ארץ פאר א קייזערלעכער מאיעסטעט? נו. האט אים רבי אויף דעם געענטפערט. זעסטו שוין ווי עס האָט א זין צו דאווענען אזוי פיל?

אטא מיט אזא מעטאָדע. האט ער געפאנגען די הערצער פון זיינע תלמידים, וועלכע האָבן אין אים געזען, ניט נאר א רבין, נאר אויך א פריינט און די פריינט־שאפט האָט אנגעהאלטן ביז דער ענדע פון זיין לעבן.

זעלטן ווען תלמידים זאלן האבן ארויסגעוויזן אזוי פיל ליבע און פיעטעט צו זייער רבין פון דער יוגנט — ווי די תלמידים פון ר׳ זיסמן דוד באגאמאלני ז״ל.

שטופענווייז, האבן די מיסיע צו דערציען די קינדער אין נאציאָנאלן־רעלי־גיעזן גייסט איבערגענומען די 2 העברעאיש ריידער אין שטאָט: חיים צבי יודקע־וויטש און ראובן זשארנאוויעצקי הי״ד. זיי זיינען אויך געווען די ערשטע, וועלכע האבן געשאפן א חדר אין פארם פון א שולע, געהייסן האט דאס פאקטיש דאס „מזרחי״ חדר. וויילביידע זיינען געווען אקטיווע טוער אין „מזרחי״ — אבער דאס חדר, איז גלייכצייטיק געוואָרן דער קערן פון דער שפעטערדיקער העברעאישער שולע א. נ. ת. נ. ביאליק — די שולע, וועלכע איז געווען איינע פון די קרוין אינסטיטוציעס אין ארומיקן קאנט בכלל און אין שטשעקאטשין בפרט.

ער איז נפטר געוואָרן אין יאר 1935, זיין עלטסטער זון מנחם באגאמאלני, איז געווען לאנגיאָריקער פרעזעס פון דער ציוניסטישער ארג. אין שטשעקאטשין און אויך געווען טעטיק אין פארשידענע שטאָטישע אינסטיטוציעס, אויך די רעשט קינדער, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט כלל טוערישע ארבייט, ירשענדיק פון זייער גרויסן פאָטער די מידות: פון אהבת ישראל און אהבת ארץ־ישראל.

## משפחות אין שטשעקאטשין

שרייבענדיק די געשיכטע פון שטשעקאטשין קען מען ניט אויסמיידן און ניט דערמאנען ספעציעלע משפחות, וועלכע האָבן געהאט א דעצידירענדע ווירקונג אויף דער געשטאלטונג און אנטוויקלונג פון יידישן שטשעקאטשין. משפחות אזעלכע, וועלכע האָבן געשמט מיט זייערע מעשים, אויך אויסער שטשעקאטשין. שטשעקא־



באנקעט פאר חנדל באגאמאלני ביי זיין פארלאזן שמשעקאמשין אין יאר 1933

טשינער יידן, האָבן זיך מיט זיי געיחוסט — און זיי אליין, האבן פארשטאנען זייער ראלע, האבענדיק די „מאה" — האבן זיי אויך געהאט די „דעה". די דעה זייערע, האָט זיך געלאזט מערקן אין יעדן ווינקל פון שטעטל סיי ביים שאפן געזעלשאפט־לעכע, פילאנטראפישע אינסטיטוציעס, סיי ביים ווילן דאָזאָרעס אין דער קהלה, אדער ראטמענער אין שטאָט־ראט.

גבירים מיט טראדיציע און פארנעם, אבער אָן דעם מינדסטן שאָטן פון תקיפות, האבן זיי זיך דערוואָרבן די סימפאטיע פון אלעמען צוליב זייער צוגענגלעכקייט און באציאונג צו יעדן איינעם.

אזא עניות און באשיידענקייט ווי עס האָט ארויסגעוויזן למשל ר' קאפל קאפלאוויטש פון דער מיל, אָדער ווי מען האָט אים גערופן: דער „פעטער קאָפל" איז א זעלטענהייט צו געפונען ביי גבירים. א ייד, וואס איז געווען באשאָנקן מיט גוטע מידות, ווי קערנער אין א מילגרוים, האט אבער פאר אלץ און אלעמען דאָמינירט ביי אים די מידה פון עניות. דערמאנענדיק זיך אין מיין זיידן ר. קאפל קאפלאוויטש ז"ל קומט אויפן זכרון די גמרא (חגיגה ז, א) „באָט, האָט נאכגעזוכט נאך אלע גוטע מידות צו באשאָנקן דאָס יידישע פאלק — און האט נישט געפונען קיין בעסערע מידה ווי עניות.

געוועגלעך. ווערן ביי א טייל פארהאסט גבירים צוליב זייער חוצפה, קארגקייט, שלעכטע באנעמונג א.ד.ג. דאקעגן ביי קאפלען פון דער מיל, איז געווען דאס פאר־קערטע. שוין דער פאקט אליין, וואס ער איז דורך אלעמען אנגערופן געווארן: דער „בעסער קאפל" — באווייזט בולט, אז ער איז דורך אלעמען באליבט געווען.

קאפל קאפלאוויטש, איז געווען דער, וועלכער האט אויפגעבויט די ערשטע וואסער מיל אין גאנצן קאנט און איינער פון די ערשטע יידן אין שטאט, וועלכער האט אנגעהויבן צו האנדלען אין פריציטשע הייף, דערווערבענדיק זיך ביי זיי דעם פולסטן צוטרוי, זייענדיק בטבע א ייד א פקח. האט ער זיך דערשלאגן צו א וואזשנעם



יסקע קאפלאוויטש. די יונגסטע טאכטער פון ר׳ קאפל קאפלאוויטש. דאס בילד איז אראפגענומען פאר דער סוכה אונטער דער מיל.



פרוי רחל לאודן (די 4־טע טאכטער פון ר׳ קאפל קאפלאוויטש) פון דער משפחה לאודן איז קיינער נישט פארבליבן.

מעמד, ממש צו א „יידישן הויף" באזיצענדיק אחוץ די מיל, אייגענע לאנקעס, פעלדער, פערד און בהמות. א גאנצן פאלווארק מיט וועלכן יידן אין שטאט האבן זיך געגרויסט. אחוץ מיט דעם נאטור אינווענטאר, האט אים גאט באשאנקן מיט 7 שיינע טעכטער, פאר וועלכע ער האט איינגעהאנדעלט לייטישע איידעמס. איינער פון זיי איז געווען ר׳ אברהם שווייצער ז״ל (דער פאטער פונם שרייבער פון די שורות), א תלמיד פונם סאכאטשעווער רבין ר׳ אברהם בארענשטיין זצ״ל און א יוגענט חבר פון קאזשעקלאווער רב הרב אריה צבי פראמער הי״ד, דער לעצטער ראש ישיבה פון לובלין. א ייד א בר אוריין, וועלכער האט באקומען סמיכה אויף רבנות פון א רייע אנגעזעענע רבנים, ער האט אבער די תורה נישט געוואלט פאר־וואנדלען אין א „קרדום לחפור בה" — און אנשטאט צו פארנעמען א רבנות פאסטן,

האָט ער זיך גאר באַשעפטיקט מיט מסחר, ביי וועלכן ער האָט זיך אַגב נישקשהדיק איינגעאָרדנעט.

פאַרברענגענדיק עטלעכע יאָר ביים שווער אויף קעסט, האָט ער זיין תורה וויסן, אוועקגעשאָנקן די שטעטלדיקע יונגעלייט, וועלכע האָבן באַגערט צו לערנען. צווישן די לעצטע, האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע, ביי וועלכע דאָס לערנען תורה איז נישט געווען דער עיקר, נאָר אַ שפּרינג צו דערגרונטעווען די מאָדערנע ליטעראַטור, וועלענדיק מקיים זיין דעם „טוב תורה עם דרך ארץ". אַזוי אַרום, איז די מיל פון ר׳ קאפל קאַפּלאַוויטש פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַ צונויפקום־אָרט פאַר פאַרשידענע בחורים, וועלכע האָבן פאַרבראַכט אַנגענעמע שעהן שפּינענדיק די פעדעם פון ישראל סבא צונויפגעמישט מיטן גייסט פונם מאָדערנעם יידישקייט, וועלכע האָבן זיך אין דער מיל דערגענצט איינס דאָס אַנדערע.

דאָרטן ביי קאַפּלען אין דער מיל, איז אויך אויפגעכאַפּט געוואָרן דער געדאַנק וועגן ציוניזם און ארץ ישראל (אַגב, אַ שטאַרקע השפּעה, האָט אין דער ריכטונג געהאַט דער אויבנדערמאָנטער ר׳ זיסמן דוד באַגאַמאַלני). ווערנדיק באַגייסטערט פונם רעיון, האָט קאפל קאַפּלאַוויטש אַליין באַשלאָסן צו מאַכן אַ רייזע קיין ארץ־ישראל מיטן צוועק אומצוקוקן זיך און קויפן עפּעס, טראַכטענדיק צו ליקווידירן די מאַיאָנטקעס אין צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע באַזעצן זיך אין לאַנד.

אין די 20־ער יאָרן, האָט ער געמאַכט אַ לוסט־רייזע קיין ארץ־ישראל. „עפּעס" איז אים דאַמאָלט נישט געפעלן און אַהיימקומענדיק, האָט ער רעזיגנירט פונם פּלאַן, אָבער ער האָט מיט אַ ברייטער האַנט ווייטער געשטיצט יעטוועדע אַקציע, וואָס ס׳האָט געהאַט אַ שייכות מיט בנין הארץ, זייענדיק אַ מוסטער פאַר אַנדערע נותנים. יעדער שד״ר, אָדער אַן אַנדער שליח, קומענדיק קיין שטשעקאַטשין, האָט די ערשטע שריט געשטעלט אין קאַפּלס מיל — און אַז ר׳ קאַפּל, האָט געזאָגט די התחלה, איז עס שוין ווייטער געגאַנגען מיט הצלחה.

געשטאָרבן איז ר׳ קאפל קאַפּלאַוויטש ז״ל אין יאָר 1929. נאָך זיין טויט, האָבן די יורשים ווייטער אָנגעפירט מיט דער מיל און מיט איר פאַרוואַלטעט ביזן אויסברוך פון דער מלחמה. די ערשטע באָמבע, וועלכע די דייטשן האָבן געוואָרפן אין שטשעקאַטשין, איז געפאַלן אויף די מיל.

אַ צווייטע ברייט פאַרצווייגטע פאַמיליע, וועלכע האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין יידישן און אַלגעמיינעם לעבן אין שטשעקאַטשין איז געווען די משפחה פון ר׳ הערשל דרעזנער ז״ל, וועמען די שטאָטישע יידן האָבן גערופן: „דער אַלטער". אַ ייד, אַ יוסטער גביר, וועלכער האָט געהאַנדלט מיט פּריצישע הייף אין אַ גרויסן מאַסשטאַב, באַזיצענדיק אַ גרויסן קאַפּיטאַל, האָט ער געוווּסט גענוי, ווי אַזוי דאָס צו פאַרווענדן, אַז ס׳זאָל ברענגען נוצן סיי פאַר זיך, סיי פאַרן

הויז־געזונד. מאכענדיק שותפות מיט אלע קינדער, האט ער דאָס אייגענטום איינ־געטיילט אויף אזא אופן, אז יעדעס קינד באזונדער, א זון, אדער איידעם, האָט געהאט צו פארוואלטן מיט א געוויסן אָפּצווייג פון זיינע אינטערנעמונגען. אויב קאפל קאפלאוויטש אליין, איז געווען דער, וועלכער האט א געוויסן צייט אפשניט פון זיין לעבן געווידמעט קהלישע ענינים (אייניקע יאָר געווען ראש הקהל) — האָט אבער ר׳ הערשל דרעזנער ז״ל די מיסיע פון קהלישער תקיפותדיקייט איבער־געוואָרפן אויף זיינע קינדער, אזוי צ.ב.ש. איז זיין עלסטער זון חיים דוד געווען לאנג יאָריקער ראטמאן אין מאגיסטראט און זיין איידעם אביגדור בארענשטיין, איז געווען לאנגיאָריקער קהלה־פּרנס. דער יונגסטער זון ראובן איז געווען לאנגע יאָרן טעטיק אין דער ציוניסטישער ארג., אין דער ביבליאטעק און אויך אין אנדערע אינסטיטוציעס.

די פאמיליע דרעזנער, האט געלעבט געמיינזאם אלס איין גרויסע משפחה און נישט געווען כמעט קיין איינציק וויכטיק געשעניש אין שטאָט, וועלכעס זאל נישט האָבן געווען פריער אדורכגעארבעט אין די שטובן פון דער פאמיליע דרעזנער אויף דער קראקאווער גאס. דאָרטן ווי דער „אלטער״ איז געווען דער עצה געבער און טאָן־געבער נישט בלויז אין זיינע פאמיליע אנגעלעגענהייטן, נאר אין די אנגעלעגענהייטן פון א סך שטאָטישע יידן, וועלכע האבן זיך „געדרייט״ ארום דעם „אלטן״, מיט זיינע ברייט פארצווייגטע מסחרים.

געשטאָרבן איז ר׳ הערשל דרעזנער אין יאָר 1938, פונקט א יאָר פארן אויס־ברוך פון דער מלחמה. נאך זיין טויט, איז די „שטוב״ ווייטער אויפגעהאַלטן געוואָרן און די משפחה, האָט אויך ווייטער אנגעהאלטן דעם „באָן־טאָן״, וויענדיק די טרייב קראפט פון אלגעמיינעם און שטאָטישן לעבן.

די משפחה, וועלכע האָט געציילט פארן אויסברוך פון דער מלחמה בערך 100 נפשות, האָט געבראכט דעם גרעסטן קרבן פון שטשעקאטשינער יידענטום אויפן מלחמה מזבח — פון דער ברייט־פארצווייגטער משפחה איז קיינער נישט פאר־בליבן. אלצדינג, איז אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל. דאָס גאנצע רייכטום, איז אוועק מיטן רויך צוזאמען מיט אירע באזיצער. פארבליבן בס״ה איז איין איינציקע שניר ביילוש קאָפּלאוויטש (היינט פייגענבלאט), געפונט זיך אין ישראל, וועלכע, איז אין די 30־ער יאָרן געוואָרן די פרוי פון יואל דרעזנער.

דער יונגסטער זון ראובן, איז אין טאָג פון מלחמה־אויסברוך אוועק קיין מערב אוקראינא, געפונענדיק זיך א געוויסע צייט אין לוצק, האָט ער אבער אלס ציוניסט געשטרעבט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, צו דעם צוועק, איז ער אוועק קיין ווילנא, וועלכע איז יענע צייט געווען די שטאָט פון האָפנונג און צוזאג, די אָפּרו־סטאנציע פאר פליטים מיטן ווילן עולה צו זיין. דאָרטן ווי א דאנק דעם „דזשאנס״



די פאַרצווייגטע און פּאָפּולערע משפּחה דרעזנער פון וועלכע ס׳איז קיין שריד געבליבן.

און פאַרשידענע ציוניסטישע אינסטאַנצן, זיינען אַסך פּליטים אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל. ליידער, האָט ראובן דרעזנער פאַרשפּעטיקט דעם שאַנס און בלית ברירה איז ער אוועק צו די פּאַרטיזאַנער אין אַ וואַלד אונטער ווילנא. דאָרטן אַבער, האָט אים אַ פּאַרטיזאַן פון א. ק. דערשאָסן. די קויל, וועלכע האָט אַסוף געמאַכט צו זיין יונג לעבן, האָט גלייכצייטיק אויסגעמעקט אויף אייביק דעם נאָמען דרעזנער, וועלכער האָט ווי אַ ליכטיקער מעטעאָר געלויכטן אויפן שטשעקאָטשינער האָריזאָנט.

אַנגעזען און איינפלוסרייך איז געווען די משפּחה גרייפנער. אַסך מיטגלידער פון דער משפּחה זיינען געווען די ערשטע, וועלכע האָבן געפילט די דושנעקייט אין קליינעם שטעטל, ס׳איז זיי שווער געווען צו אָטעמען אין ד׳ אמות פון שטעטלדיקן לעבן און געטרוימט וועגן עפּעס „בעסערס", „שענערס" — וועגן אַזאַ לעבן וועלכעס מען האָט נישט געקענט געפונען אין שטשעקאָטשין, אָדער אין אַן אַנדער יידיש שטעטל אין פּוילן, — און אַ טייל פון דער משפּחה האָבן זייערע טרוימען רעאַליזירט.

אָנגעהויבן, האָבן זיי, מיטן „אויסשמעקן" דאָס לעבן אין אַ גרויסע שטאָט ווי וואַרשע, לאָדזש, סאָסנאָוויץ א.ד.ג. — און פאַרענדיקט האָבן זיי מיט חלוציזם, — מיטן אוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל.

ביי דער 2־טער און 3־טער עליה, זיינען אַסך מיטגלידער פון דער גרייפנער משפּחה אוועק קיין ארץ־ישראל און דאָ איינגעאָרדענט זיך, אַראָפּברענגענדיק שפּעטער זייערע עלטערן.

דאָס אַוועקפאָרן פון שלמה גרייפנער מיט זיין פרוי געכע אין די 20־ער יאָרן, האָט אַן און פאַרזיך אַרויסגערופן אַ סענסאַציע אין שטעטל. דאָס פּיאָנערטום

פון דער גרייפנער משפחה, האָט געשלאָגן וואָרצלען אין שטשעקאָטשין און ווייער ביישפּיל האָבן נאָך געסון אַנדערע, וועלכע האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אויפן דרך־המלך פון אויסבעסערן זייער לאַגע און צו געפינען אַ באָדן אונטער די פיס, — און געפונען האָבן זיי עס דווקא אין ארץ־ישראל. ביזן היינטיקן טאָג, איז די פאַמיליע גרייפנער די צאָלרייכסטע (כן ירבו!) פון די שטשעקאָטשינער אין לאַנד. ביי דער פאַמיליע, איז מקוים געוואָרן דער פּסוק: „מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת". אייניקע מיטגלידער פון דער משפחה זיינען טעטיק אין ארגון יוצאי שצקוצין. באַזונדערס דאַרף דערמאָנט ווערן די פרוי חנה'לי גרייפנער ז"ל, פון דער היים קלאַסנער, וועלכע, האָט פאַרנומען דעם אַמט פון וויצע פּרעזעס אינם ארגון. אַ פרוי מיט אַ ברענענדן טעמפּעראַמענט אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, האָט זי מיט אירע מעשים מיטגעריסן צו אַקטיוויטעט, אַ דאַנק איר, איז אויך צושטאַנד געקומען דאָס רעאַליזירן דאָס יזכור־בוך. ליידער, האָט דער טויט פּריצייטיק אַרויסגעריסן זי פון אונזערע רייען. אומגעקומען איז זי פאַר אַ יאָרן, אויף אַ טראַגישן אופן: גייענדיק צוזאַמען מיטן מאַן פּרייטיק־צונאַכטס אויף אַ שפּאַציר, איז זי דורך אַ טאַקסי צעשמעטערט געוואָרן. איר טויט, איז באמת אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דער ווייטער־דיקער טעטיקייט פונם ארגון. זאָלן טאַקע די שורות דינען אַלס אַ קדיש פאַר דער מוטיקער שטאָלצער פרוי, וועלכע האָט געשטרעבט אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען ווי אַמשנעלסטן. זי האָט אָבער צו דעם ליידער נישט זוכה געווען.



פאַמיליע שלמה גרייפנער
די אויפנאַמע איז געמאַכט געוואָרן בעת זיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל



די משפחה פון משה וואלף איצקאוויטש.
דער עלסטער ברודער פון יעקב איצקאוויטש, 2 טעכטער, וועלכע זיינען געבליבן לעבן, געפונען זיך אין ישראל.

א פּאָפּולערע פאמיליע און איינע פון די וועמענס ערשטע יידן, האָבן זיך באזעצט אין שטשעקאטשין איז געווען די משפחה שווארצבוים.

מען קען אן גוזמא זאָגן, אז עס איז נישטאָ כמעט קיין לאנד אין דער וועלט, דאָרטן ווי עס געפונען זיך נאָר יידן, אז אימיצער פון די שטשעקאטשינער שווארצ־בוים משפחה, זאָל נישט האָבן אָנגעשלאָגן. אין אמעריקא, קאנאדע, אויסטראליע, בראזיליע, דרום־אמעריקא, דייטשלאנד, פראנקרייך א. א. וו. אויך אין ישראל, איז די שווארצבוים פאמיליע צאָלרייך פארטרעטן. דער פרעזעס פונם פארבאנד פון שטשעקאטשינער לאנדס לייט איז דער ה׳ אברהם שווארצוים, אן אויספּרוּבירטער מוטיקער עסקן נאָך פון זיין טעטיקייט אין שטשעקאטשין. שרייבט מען וועגן דער פאמיליע שווארצבוים, מוז מען דערמאנען די טעטיקייט פון חיים יוסף שווארצבוים, איינער פון די ערשטע יידישע ראטמענער אין שטשעקאטשינער מאגיסטראט, געווען אויך טעטיק אין אנדערע אינסטיטוציעס און פאפולער צווישן דער שטשעקא־טשינער באפעלקערונג. כדאי אויך צו דערמאנען זיין זון הערשל, וועלכער איז געווען דער מיטגרינדער פון דער „שלום־עליכם״ ביבליאטעק. ווען ער האָט חתונה געהאט, האָט ער זיך באזעצט אין יענדזשעוו און דאָרטן איז ער געווען שטארק טעטיק אין קהלישן און געזעלשאפטלעכן לעבן.

א גרויסן ביישטייער צו דער אנטוויקלונג פון יידישן לעבן אין שטשעקאטשין האָט געגעבן די משפחה איצקאָוויטש. יעקב איצקאָוויטש ז״ל, איז געווען דער ערשטער דאָזאָר פון נאציאָנאלען לאגער. דערוועכבענדיק צו זיך דעם צוטרוי פון אלע שיכטן יידן, איז ער געווען זייער באליבט אין פריוואטן לעבן. אָפּראטעווענדיק זיך מיט דער גאנצער פאמיליע פון דער היטלעריאדע ווייענדיק אין רוסלאנד איז ער נאך דער מלחמה געקומען מיט דער פאמיליע קיין ארץ־ישראל. מיט 4 יאָר צוריק איז ער געשטאָרבן. זיין טויט קען נישט פארגעסן ווערן פון די אלע, וועלכע זיינען געקומען מיט אים אין בארירונג, סיי אין געזעלשאפטלעכן, סיי אין פריוואטן לעבן, האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין קלאָרן פארשטאנד און ערענהאפטער האנדלונג. אויך אים, וועלן די שרידים פון שטשעקאטשין, אזוי שנעל נישט פארגעסן.



די פאמיליע פאמטראנץ.
אין דער מיט חיט די הטנס פארליינט ה׳ אליעזר פאמטראנץ, וועלכער לעבט און געפונט זיך אין ישראל. גזבר פון וועד יוצאי שצקוצין.

איינפלוסרייך, איז אויך געווען די משפחה ראפאלאוויטש, און איינער פון זיי ה׳ יחיאל ראפאלאוויטש (רפאלי), איז געווען פון די ערשטע (אדער גאר דער ערשטער) שטשעקאטשינער שוואלבן, וועלכע האָבן פארלייגט א נעסט אין ישראל. אויך ער, האָט זיך נישט בלויז באגיגענט מיט דעם, וואָס ער איז אלט חלוץ אהער געקומען טרוקענען זומפן — נאָר ער האָט אויך צוגעגרייט דעם באָדן פאר זיינע עלטערן, וועלכע ער האָט אראָפּגעבראכט אין לאנד אריין. איינאָרדענדיק פאר זיי א היים אין רחובות, אסך יאָרן פריער, איידער די היטלער קאטאסטראָפע, האָט אָנגעקלאפט אין די טירן פון פוילישן יידנטום. זיינע עלטערן האָבן אריע יאָרן געגאָסן פון א זאָרגלאָז פריילעך לעבן אין ישראל און געפונען זייער אייביקער רו



העשקע זילבערשטיין און פאמיליע. פון ויי אלע לעבן אין ישראל דער ברודער יצחק
און זיין פרוי שרהלי (פון דער היים קלאסנער).

אויפן בית־הקברות אין רחובות. דער ה׳ יחיאל רפאלי איז א טעטיקער מיטגליד אין וועד פון ארגון יוצאי שצקרצין.

אייגענטלעך, ווען מען וויל שרייבן וועגן די אלע פאמיליעס, וועמענס איינפלוס ס׳האט זיך אנגעזען און געפילט אין יידישן לעבן אין שטשעקאטשין, וואלט מען נישט פארטיק געווארן אין איין בוך. גענוג צו דערמאנען אזעלכע פאמיליעס ווי האניק, פאמעראנץ, קופערבערג, טריימאן, בארענשטיין, זילבערשטיין, קרימאן, קאהן, קלאסנער, גאלד, קאנאל, שטיבעלמאן, ווינער, לענטשנער א. אנד. כ׳האב נאר אויסגערעכנט אזעלכע פאמיליעס, וועמענס אויסטערן ס׳איז ספעציעל געווען אנזעבאר, אדער אזעלכע, וועלכע זיינען געווען גרעסער אין צאל, אבער בדרך־כלל מוז אונטערגעשטראכן ווערן, אז עס איז כמעט נישט געווען קיין באזונדערע משפחה, וועלכע ס׳זאל נישט האבן געווען פארבינדן קיין קרובהשאפט איינע מיט דער אנדערע — און ממילא קומט אויס, אז ס׳גאנצע שטעטל יידן, איז געווען איין גרויסע משפחה און אסך פון זיי, וועלן נאך זיכער דערמאנט ווערן אין די ווייטערדיקע קאפיטלען, אדער דורך מיר, אדער דורך די אנדערע, וועלכע שרייבן זייערע איבערלעבענישן, אדער זכרונות געכענדיק אזוי ארום דעם בײַ־שטייער צו דער געשיכטע פון שטשעקאטשינער יידענטום. יעדער איינער ייד באזונדער, איז געווען א וועלט פאר זיך — און אלע צוזאמען האבן מיט זיך

פארגעשטעלט איין גאנצקייט, איין הארמאניש אידיאל צוזאמענלעבן ביים שאפן וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, אדער ביים העלפן איינער דעם צווייטן. אן אונטערשייד פון קלאס, שאטירונג און ריכטונג, צוזאמען האבן זיי געלעבט, געבויט, געשאפן און געווירקט — און צוזאמען זיינען זיי אומגעקומען.



2 רעוויזיאניסטישע עסקנים און רעזו. טוערינס. די 2 קוזינען חיים יצחק און עוזיאל קאנאל, חיהלי שטיבעלמאן און מרים לענטשנער הי״ד.

## עסקנים און כלל־טוער

שרייבט מען וועגן עסקנים, מוז מען זיי איינטיילן אין 2 גרופן. אזעלכע, וועלכע זיינען געקומען פון דער פרעמד און אזעלכע, וועלכע זיינען געווען ארטיקע געבוירענע.

די שטשעקאטשינער יידן, האבן געהאט א שוואכקייט צו טיילן כבוד „פרעמדע" מענטשן, אזעלכע וועלכע זיינען נישט געבוירן געווארן ביי זיי אין שטאט. אייגענע בני־העיר האבן געקענט זיין פעאיק, אינטעליגענט, געלערנט און מסוגל צו געזעלשאפטלעכע טעטיקייט — האבן זיי אבער פארט ביי די שטאטישע יידן נישט אויסגענומען. דאקעגן אבער, „צוגעקומענע", אימיצענס אן איידעם, אדער סתם א פריש באזעצטער, האבן געהאט פון אלע פריווילעגיעס, באקומענדיק אלע כבודים, וועלכע זיינען געווען פארגעבראכט.

אין די לעצטע יארן אבער, איז דער „נוסח" איבערגעאנדערשט געווארן און אויף דער אויבערפלאך פון געזעלשאפטלעכן לעבן און שטאטישער טעטיקייט, האבן זיך צוזאמען מיט „פרעמדע" ארויסגעכאפט „אייגענע" שטאטישע, וועלכע האבן אגב זייער אויפגאבע דערפילט מיט דער גרעסטער פאראנטווארטלעכקייט, ארויסרופענדיק צו זיך דרך־ארץ און סימפאטיע.

אסא די אלע געשטאלטן, וועלכע מען דארף נישט ערשט אויסגראבן פון שטויב

פון דורות, מען דארף זיי נישט אנטפלעקן פון שמות צו פון אויפשריפטן אויף גרויע מצבות, זיי זיינען אין דיר, זיי לעבן אין דיר. אלע פון זיי האָסטו פערזענלעך געקענט, מיט א טייל פון זיי האסטו צוזאמען מיטגעארבעט ביי פארשידענע געלעגנהייטן און דיסקוטירט עפעס, איבער פארשידענע פראָבלעמען.

פיגורן, פערזאנען, גרופן גאנצע, א לאנגע קייט פון געשטאלטן, וועלכע שוועבן פאר דיינע אויגן, ווי שניי־פליטערלעך, שימערן און גלאנצן מיט דער לויטערקייט פון מארגענשטערן, פון בריליאנטן, פון קרישטאל ריינעם ים־ווינט, זיינען זיי געווען די אלע, סיי אייגענע סיי פרעמדע, וועגן וועלכע כ׳שרייב מיט א הייליקן ציטער אין מיין הארץ.

## הרב בן ציון הכהן גראספעלד זצ״ל

זעלטן ווען א מענטש, זאל האָבן פארקערפערט אין זיך אזוי פיל גוטע אייגנשאפטן, וואס יעדע באזונדער איז א צירונג פאר איט. הרב גראספעלד, האָט זוכה געווען צו אסך אזעלכע מעלות. געשטאמט האט ער דוקא פון א פראסטער משפחה, אָבער מיט אייגענע כוחות זיך דערשלאָגן, צו דעם, וואס ער איז געווען.

אננעמענדיק דעם כסא־הרבנות אין טריעסט, האט ער אבער נישט געקענט זיך צופאסן צו דער מענטאליטעט פון די איטאליענישע יידן, האט ער פארלאזט די קהלה און צוריקגעקומען קיין פוילן, וווּ ער האט „דערווייל״ אנגענומען דעם רבנות אמט אין לאזי (א שטעטל נעבן זאוויערטשע). זייענדיק אבער פון דער נאטור באשאַנקן מיט אן אומפולסיווען שעפערישן כוח, האט ער זיך נישט געקענט קיין אָרט געפונען אין דעם קליינעם שטעטעלע. זיין מות פול מיט וויסן, האָט געדארפט א פלאץ ווי אויסצולאָדנען עס און עס האט זיך געמאכט די געלעגנהייט, וואס שטשעקאָטשין האָט זיך גענויטיקט אין א מורה־הוראה נאך דער פטירה פון ר׳ ישכר מורה־הוראה — און ער האָט איבערגענומען דעם אמט.

קומענדיק קיין שטשעקאָטשין באלאָדענט מיט א באגאזש פון תורה און וועלטלעך וויסן, האט ער זיך מיטן גאנצן פייער פון זיין ברוי־זענדער נשמה אריינגעוואָרפן אין דער קהלישער ארבעט, זייענדיק טעטיק אויף אלע געביטן.

פארמאָגענדיק א „פה מפיק מרגלית״, האט ער מאָמענטאל געפונען דעם קאָנטאקט צו די פאלקס־מאסן, אזוי ארום איז אים געלונגען גלייך נאך דער ערשטער דרשה צו שאפן א גמילת־חסד־קאסע, פון וועלכע ער האט זיך געשטעלט אין דער שפיץ, גרופירענדיק ארום זיך אריע עסקנים, וועלכע האָבן מיט פייער און ברען אריינגעוואָרפן זיך אין דער ארבעט און צוגעפירט די קאסע, צו די וויכטיקסטע אינסטיטוציע אין דער שטאָט.

ער האָט זיך אויך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שאַפן אַ „בקור־חולים" און אין זיין מוח זיינען געווען גראַנדיעזע פּראָיעקטן, וועלכע ער וואָלט זיכער געווען רעאַליזירט, אָבער ליידער, האָט דער טויט אים פריי אַרויסגעריסן און אין יאָר 1935 אַלט זייענדיק ס"ה 37 יאָר, איז ער אַוועק אין זיין אייביקער רו.

טראָץ דעם וואָס ס'איז שוין פאַריבער איבער 20 נאָך זיין טויט טויכן אויף אין זכרון עפּיזאָדן פון זיין טעטיקייט, גייסטרייכע געדאַנקען פון זיינע פּרעכטיקע דרשות מיט וועלכע ער האָט באַציבערט די צוהערער. עטלעכע פון די געדאַנקען איז כדאי צו דערמאָנען:

ביים פּראָקלאַמירן דעם אַנטי־היטלער קאָמיטעט אין יאָר 1934 האָט ער אויף דעם פאָלקס־מיטינג געזאָגט צווו. אנד. אינם מדרש פון פּרשת וארא ווערט געזאָגט: „עתידה גן־עדן להיות צועקת ואומרת, תן לי צדיקים, אין לי עסק ברשעים, ועתידה גהינם להיות צועקת ואומרת, אין לי עסק בצדיקים". איז דאָך אין פּלוג נישט פאַרשטענדליך: פאַרוואָס דאַרפן זיי שרייען? ווי קען דען זיין אַ הוה אמינא, אַז מען זאָל די צדיקים פירן אין גהינם אַריין און די רשעים אין גן־עדן? נאָר עס מוז זיין, האָט ער פאַרענטפערט, אַז ס'וועט קומען אַמאָל אַ צייט, ווען עס וועט זיין שווער מבחין צו זיין צווישן אַ צדיק און אַ רשע און די מלאכים וועלן זיך טועה זיין און פאַרבייטן די יוצרות, פירענדיק די רשעים אין גן־עדן און די צדיקים אין גהינם און ביידע, דער גן־עדן מיטן גהינם וועלן דאַרפן שרייען און אויפמערקזאַם מאַכן, אַז מען זאָל הלילה קיין טעות נישט האָבן. — איצט, האָט ער אויסגעפירט, ווען יידן, וועלכע גייען אַן פאַר צדיקים, האַנדלען מיט דייטשע סחורות און ווערן רשעים, דאַרפן זיי ממילא גיין אין גהינם. אויף דעם, איז שוין טאַקע פאַרענטפערט דער מאמר פון מדרש: אַז דאָס גן־עדן שרייט גיט מיר אמתע צדיקים — נישט קיין פאַרשטעלטע, וועלכע זיינען אין דער ווירקלעכקייט רשעים. אזוי, האָט ער אין יעדען אַרויסטריט צוגעפּאַסט מדרשים און מאמרי חז"ל, צו די אַקטועלסטע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן און מיט זיין אָראַטאָרישן טאַלאַנט געצווינגען די צוהערער, זיי זאָלן אויסהערן און אָננעמען זיין מיינונג.

פאַרמאָגענדיק אַ קלאָרן קאָפּ און אַ שאַרפן שכל, האָט ער תמיד געפונען אַ פּאַסנד וואָרט אָפּצוענטפערן, אָדער אַריינצוזאָגן דעם, וועלכער האָט זיך דאָס פאַרדינט.

איינמאָל, איז קיין טשעשעקאַטשין געקומען אַ מגיד און אין בית־המדרש געהאַלטן אַ דרשה, צו וועלכע ער האָט צוו אנד. אויך איינגעלאַדענט הרב גראָספעלד. נאָך דער דרשה, איז דער מגיד צוגעגאַנגען און געפרעגט, ווי ס'איז אים געפעלן געוואָרן? אויף דעם האָט הרב גראָספעלד געענטפערט: 3 מאָל ווערט אין דער מסורה אָנגעוויזן, געפינט זיך דאָס וואָרט „מגיד" אין תנ"ך: „מגיד דבריו



שטשעקאטשינער יידן האבן זיך געפרייט ביים פירן א ספר־תורה אינם בית־המדרש אריין.

ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל״, „מגיד מראשית אחרית״ — און „ואין מגיד״. דאָס איז א קעגן די 3־ערליי „מגידים״. דער ערשטער און בעסטער מגיד איז דער, וועלכער איז מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל, וועלכער איז מהנה דעם עולם מיט גוטע ווערטער און ער דערקלערט פארן קהל דעם זין פון די חוקים און געבאָטן פון דער תורה. פאראַן ווידער א 2־טער מגיד, א מער מאָדערנער, וועלכער איז א מגיד „מראשית אחרית״, וועלכער דערציילט פארן עולם אינטערסאנטע מאמענטן פון דער יידישער און וועלטלעכער געשיכטע — און רעדט וועגן דער יידישער צוקונפט. דאָס איז אויך א מגיד. פאראַן אבער ליידער נאך א 3־טער סאָרט, וועלכער איז „ואין מגיד״ וועלכער זאָגט גארנישט און רעדט נאָר שטותים און דאָך האלט ער זיך פאר א מגיד — און פארבעט נאך דערצו רבנים צו זיינע דרשות.

אזוי האָט ער אויף יעדע פראגע געפונען א פאסענדן תירוץ, וועלכעס איז גלאַטיק און שארפזיניק ארויס פון זיין פערלדיק מויל, ארויסרופענדיק אכטונג צו זיך, הן מיט זיין דברי־תורה, הן מיט זיינע שיחות חולין. א שאָד, וואס ער איז יונגערהייט נפטר געוואָרן. אזעלכע פערזענלעכקייטן וואָלטן געווען א צירונג אין יעדער שטאָט, ווי זיי וואָלטן זיך נאָר געפונען.

## ד״ר זעליק מייזלער ז״ל

א געזעלשאפטלעכער עסקן פון גרויסן קאליבער איז ער געווען. דערמאנענדיק זיך וועגן דער עסקנישער טעטיקייט פון ד״ר מייזלער ז״ל קומט אויפן געדאנק דאָס, וואס ס׳האָט אמאל געזאגט ר׳ ישראל סאלאנטער זצ״ל: אן עסקן בצרכי צבור דארף אין זיך פארקערפערן פאלגענדע 3 אייגנשאפטן: נישט זיין אויפ־געריגט, נישט מיד ווערן און נישט ווערן פארצווייפעלט נאך אן ערגסטן דורכפאל, ווייל עס איז נישטאָ קיין ערגערע קראנקהייט ווי פארצווייפלונג. אלס מעדיציניער



ד״ר מייזלער, פרוי און איינציקער זון.
אלע זיינען אומגעקומען.

אין זיין פראָפעסיע, האָט ער געוווסט וואס פאר א קראנקהייט עס איז יאוש — און אין זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט, האט ד״ר מייזלער ווי געהעריק דאָס אָפגעשאצט.

ווער עס האָט אָבסערווירט זיין געזעלשאפטלעכע טעטיקייט, האָט געהאט די געלעגנהייט צו איבערצייגן זיך, ווי ווייט די דריי אייגנשאפטן, האָבן זיך ארייגעפאסט אין זיינע טאָג־טעגלעכע מעשים.

געבוירן אין פשעמישל ביי האלב אסימילירטע עלטערן, האט עס אים אבער געצויגן צו יידן און יידישקייט און קומענדיק קיין טשטשעקאטשין אין די 20־ער יאָרן, האָט ער באלד געפונען דעם געהעריגן באדן אויסצלאָדענען זיין פארבארגענע ענערגיע און פאטענציאנעלן כוח, פאר ווילטעטיקע מעשים. די טשטשעקאטשינער

יידן, האבן זיך אויף אים דערקענט און אים באלד אויסגעקליבן אלס זייער שליח צבור. געשיקט אים אין שטאָט־ראט אלס ראטמאן, ווו ער האט אויף א ווירדיקן אופן פארטיידיקט די יידישע אינטערעסן.

געווען איז ער א מענטש מיט פולער פראכט און חן, מיט עכטן גלאַנץ און געשמאק, ליב געהאט מענטשן, ספּעציעל יידן, גערעדט מיט זיי א זאַנפטיקן יידיש. א מאראליש עטישע פערזענלעכקייט, א צירונג פאר מענטשן, ליב געהאט צו טוען טובות א מענטש. געווען געבענטשט פון גאט מיט העכערער חכמה און פארשטאנד, סיי אין זיין פראפעסיע אלס דאָקטאר מעדיצין, סיי אלס עסקן און געזעלשאפט־לעכער טוער.

פון דער נאטור א רואיקער, דעליקאטער און איידלער — האָט ער גלייכצייטיק פארמאָגט א אומבויגזאמען פעסטן כאראקטער. ער האט געקוקט אויפן תוך פון זאכן, אָן לייכטזיניקער און איבערגעטריבענער זודיקייט, וואס צינדט זיך שנעל אָן, ווערט אבער שנעל פארלאשן.

ער האט פארמאגט דעם מענטשלעכן פאטאס פון קענען אויפברויזן, גערירט ווערן און קענען רעאגירן קעגן אומרעכט, ליגן און עוולות.

תמיד, איז ער געווען פריש און מונטער ווען ס׳האָט זיך געהאנדעלט וועגן יידישער טעטיקייט. אויבוואל ער איז שטענדיק געווען באשעפטיקט ביי זיין פראפעסיע, ביי יידן אזוי גוט ווי ביי קריסטן, ווייל ער האט געשמט אין דער גאנצער געגענט אלס גוטער דאקטאר — האט ער אבער תמיד געפונען צייט פאר יידישער כלל־ארבעט, וועלכע איז געווען פאר אים נאטירלעך און אוממיטעלבאר. דערפאר האט אויף אים אויך דער פארטיי פעדאנטיזם קיין שליטה נישט געהאט.

דורך דער נאטירלעכער קלאָרקייט פון א נאבעלער פערזענלעכקייט האט ער געפונען דעם וועג דורכן ציוניזם — צו די יידישע מאסן. א געוואלדיקער אוהב ישראל, האט נישט איינמאל פאסירט בעת ער האט באזוכט א קראנקן און געפינענדיק א קלאָגעדיקן מצב ביי דער פאמיליע — איבערגעלאזט געלט אויף א מעדיצין, שוין נישט רעדענדיק וועגן נעמען האנאראריום פאר זיין וויזט.

די יידן פון שטעטל, האבן זיך צו אים באצויגן מיט א געוואלדיקער ליבשאפט. די דאָזיקע ליבשאפט, האט זיך אויך איבערגעווארפן אויף דער קריסטלעכער באפעלקערונג און אויף דער קריסטלעכער אינטעליגענץ, וועלכע האבן פאר אים געהאט אכטונג און דרך־ארץ.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראכן, איז ער מיט זיין פאמיליע, פרוי און זון אוועק אין זיין געבורטס־שטאָט פשעמישל. ווו איז דער גרויסער מענטש אומגע־קומען? איז ער דערהרגעט געווארן בעת די פשעמישלער שחיטה, אדער ער האט זיין הייליקער נשמה אויסגעהויכט אין פארניכטונגס־לאגער פון בעלזיץ?

## ר׳ יחיאל ריכט הי״ד

פאראן געזעלשאפטלעכע טוער ביי יידן, אז וויפיל זיי זאלן נישט זיין באשעפטיקט מיט זייער געזעלשאפטלעכער ארבעט, ליגט אין זייער נשמה טיף פארבארגן א געהיימער כוח, וועלכער שטויסט זיי צו וויטערדיקע מעשים און וויפיל זיי זאלן אלץ נישט זיין באלאסטעט — ווילן זיי אלץ מער זיין פארבינדן מיט קהלישער ארבעט.

צו אט די קאטעגאריע כלל־טוער, האט געהערט אין שטשעקאטשין ר׳ יחיאל מרדכי ריכט הי״ד, א געבוירענער אין וואלבראם ביי חסידישע עלטערן,



יחיאל ריכט, קהלה פרעזעס און לאווניק

האט ער חתונה געהאט אין שטשעקאטשין, ותערענדיק דער איידעם פון ר׳ יעקב שלמה האניק ז״ל, אן אלכסנדר חסיד און דערצו א ייד א גביר, האט ער זיך געקענט דערלויבן דעם ליקסוס, אז זיין עלטסטער איידעם זאל זיך אנגעבן מיט כלל־ענינים, ווייל די געשעפטן האבן געפירט די רעשט קינדער, ביי וועלכע זיי האבן אגב מצליח געווען און געגאלטן אלס גבירים.

דער איידעם יחיאל ריכט קומענדיק קיין שטשעקאטשין, האט די „פרייהייט״ אויסגענוצט מיט דער ברייטער האנט און מיט אלע רמ״ח איברים אריינגעווארפן זיך אין קהלישן געמוינעכץ.

עס איז כמעט נישט געווען קיין אינסטיטוציע אין שטאט, וווּ ער זאל נישט האבן צוגעטופן קיין האנט, אדער ווי עס זאל זיך נישט געזאלט הערן זיין שטורעמדיק ווארט.

זייענדיק דער איינציקער יידישער לאווניק אין שטאט־ראט און פארנעמענדיק גלייכצייטיק דעם אמט פון ראש־הקהל, האט ער געהאט די געלעגנהייט אויס־

צוציייכנען זיך ביי פארשידענע אינטערווענצן, וועלכע האבן אים שטארק פאפולער געמאכט ביי דער באפעלקערונג סיי יידישע, סיי קריסטלעכע.

פון דער טבע, א היציקער און טעמפעראמענטפולע נאטור, האט ער אבער תמיד ליב געהאט צו באראטן זיך, בעפאר ער האט אנגענומען וועלכן ס'איז באשלוס נישט וועלענדיק אליין נעמען אויף זיך די פאראנטווארטלעכקייט.

נישט זייענדיק געבענטשט מיט אן אראטישן כוח, האט ער אבער געהאט דעם געוואלדיקן פלוס, פון וועלן אויסהערן יענעם און רעכנען זיך מיט דעם אנדערענס מיינונג. אויך אזויפיל, וויפיל ס'האט ניצן געבראכט דער יידישער באפעל־קערונג, אדער די אינסטיטוציעס, וועלכע ער האט רעפרעזענטירט.

ווערנדיק דערצויגן אין א חסידישער שטוב, (דער פאטער איז אויך געווען אן אלכסנדר חסיד), האט ער אבער פארמאגט א נאציאנאל געפיל און צוליב דעם, איז אים נישט איינמאל אויסגעקומען צו האבן קאנפליקטן צווישן געוויסן און פליכטן, ווייל אויך דער שווער איז געווען א שארפער אלכסנדער חסיד און אט דעם אינערלעכן ויתרוצצו, האט תמיד געזיגט דער ריכטיקער געדאנקן גאנג פון אן עסקן בצרכי צבור באמונה.

נישט איינמאל, איז אים אויסגעקומען צו הערן אונאנגענעמענע ווערטער פונם שווער, הלמאי ער שטעלט העכער דעם „מזרחי״ אידיאל, פארן אידיאל פון אלכסנדר חסידות? — שטענדיק האט ער אבער געפונען דעם פאסענדן תירוץ צו בארעכטיקן זיינע טאטן.

אויבוואל ער האט געדאווענט אין אלכסנדר שטיבל צוזאמען מיטן שווער און שוואגער'ס און נישט אין דער „מזרחי״, האט ער פארט געגאלטן אלס מזרחיסט און צום 17־טן ציוניסטישן קאנגרעס, האט ער פיגורירט אויף א בכבודיקן פלאץ אויף דער קאנדידאטן ליסטע פון דער „מזרחי״ ארג, אין פוילן.

ער איז באמת ראוי געווען צו זיין א יידישער שליח צבור און אלס אזעלכער איז ער אויך אומגעקומען על קדוש השם ועמו.

אין יאר 1942, האבן די דייטשן אים אויפגעפאדערט צו קומען אין שטאב אריין, וועלכער האט זיך געפונען אין פאלאץ פון געוו. פריץ יוליאן טשעכאנאווסקי (אגב דער זעלבער טשעכאנאווסקי איז ביזן אויסברוך פון דער מלחמה געווען דער פוילישער אמבאסאדאר אין וואשינגטאן) — ער איז דאמאלט געווען א מיטגליד אין יודענראט, געגאנגען איז ער דאמאלט צוזאמען מיט דעם יוגנטלעכן עסקן יהודה (יולעק) ראפאלאוויטש דעם ראש הקן פון הנוער הציוני, צוקומענדיק צו די טרעפ, וועלכע האבן געפירט צום פאלאץ, זיינען זיי ביידע אויפן ארט דערשאסן געווארן. זיינער א זון, ה' דוד ריכט, געפונט זיך אין ישראל און ר'איז א טעטיקער מיטגליד אינם וועד פון ארגון יוצאי שטשעקאטשין.

## חיים הערש יודקעוויטש הי״ד

חיים הערש ידקעוויטש, איז געווען איינער פון די עסקנים, וועלכע האבן נישט געהערט צו די „פרעמדע״. א געבוירענער אין שטשעקאטשין האט ער זיך גערעכנט פאר איינער פון די שטעטלדיקע קענער. דער ערשטער, וואס האט געקענט רעדן אן ערכט קלאסיקן העברעאיש און האלטן רעפעראטן און פארלעזונגען אויף פארשידענע טעמעס, זייענדיק א „נחבא אל הכלים״, האט ער אבער קיין גרויס מזל נישט געהאט במשך די יארן, וואס ער האט זיך געפונען אין שטשעקאטשין.

אויסער דעם, וואס ער איז געווען א תלמיד־חכם און געקענט גרונטלעך די תלמודישע ליטעראטור, האט ער אויך פארמאגט א שוואכקייט צו גריבלען זיך אין פארשידענע פילאזאפישע ווערק.

אין זייער רעפעראטן, וועלכע ער האט אפטער׳ס געהאלטן, אויסציענדיק יעדעס ווארט מיט מאדנע אויסדריקן פון פארלאמענטארישן „שולחן ערוך״, האט ער תמיד ליב געהאט צו באניצן זיך מיט באווייזן פון שפינאזא, קאנט, ניטשע, שאפענהויער, בערגסאן, פרויד, ד״ר זשיטלאווסקי, אחד־העם, משה העס, הרב קאלישער, הרב ניסענבוים א. אנד., פארפלעכטענדיק מיט צוגעפאסטע פסוקים, אדער מדרשים פון פרשת השבוע.




דאס „מזרחי׳ חדר „תורה ודעת״. אין דערמיט די 2 לערער: חיים הערש יודקיעוויטש און ראובן זשארנאוויעצקי, הי״ד

ווי דערמאנס, איז ער געווען דער ערשטער פון פריערדיקן דור, וואס האט געקענט אן ערשט קלאסיקן העברעאיש און האלטן א שיינעם רעפעראט אין דער שפראך, אזוי, אז די אינספרוואקסענדע שטאטישע אינטעליגענץ מיט די ביכלעך אונטערן אָרעם זאלן נישט דארפן לאכן פון אים.

ער איז אויך געווען דער, וואס האט צוזאמען מיטן 2־טן העברעאיסט אין שטעטל ראובן זשארנאוויעצקי הי״ד געשאפן דעם ערשטן „חדר מתוקן" א. נ. „תורה־ודעת". דאס דאָזיקע מאדערנע חדר, איז געווען דער קערן און פונדאמענט פון דער שפעטערדיקער העברעאישער ביאליק שולע.

אחוץ זיינע קענטעניש אין תנ״ך, תלמוד און אין דער וועלטלעכער ליטע־ראטור, איז ער אויך געווען באהויכט מיט א געפיל פון נגינה, ווערענדיק אנערקענט אלס גוטער בעל־תפילה און בעל־מנגן.

באזיצענדיק די אלע מעלות, האָט ער אבער נישט געהאט קיין מזל אין זיין געבורטס־שטעטל. אויבוואל יעדע שטאָט, וואלט אים גערן געווען אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, אוועקשטעלנדיק פאר אזא איינעם א שטיל אויבן אָן, ווייל ער איז באמת געווען אן אינטערסאנטער עקזעמפלאר פון אן עכטן יידיש־חסידישן אינטעלעגענט.

נישט קענענדיק אויסלעבן זיך פאטעריעליש אין שטשעקאטשין האָט אים די פארטיי („מזרחי") אוועקגעשיקט קיין מיעכאוו (קעל.) ווו ער איז געוואָרן דער לייטער פון דער ארטיקער „מזרחי" שולע ווערענדיק באלד באליבט ביי דער אָרטיקער יידישער באפעלקערונג וועלכע האט זיך דערקענט אויף זיינע פעאיקייטן.

דארטן אין מיעכאוו, איז ער געשטיגן מעלה מעלה, אויך זיין מאטעריעלע דאָלע, איז געוואָרן פארבעסערט און דאמאלט, ווען ער האט אָנגעהויבן צו געניסן פון דער פרוכט פון זיין קענטעניש, מאכענדיק זאגאר פלענער צו פארן קיין ארץ־ישראל אין לאנד פון זיינע בענקעניש און שטרעבונגען, האט זיך אנגעהויבן די מלחמה־זאוויערוכע, וועלכע האָט אים צוגלייך מיט דעם רוב פון די מיעכאָווער יידן, זיינע אָנהענגער און תלמידים פארטריבן קיין טרעבלינקע — און דאָרטן, האט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

## יוסל פינקעלשטיין (אסתרלס)

מיט בערך 40 יאָר צוריק, איז שוין טאקע באמת אדורך 40 יאר, ווי צום זיידן ר׳ קאָפל אין דער מיל אריין פלעגט אָראָפּצוקומען א ברייט־ביינערדיקער ייד?

פאר מיינע אויגן שטייט נאך איצט זיין געשטאלט. א הויכער ברייט־ביינערדיקער, מיט א געשוירן האלב גרוילעך בערדל. געטראָגן האט ער ברילן.

אַ שטערן האָט ער געהאַט פון אַ תלמיד חכם און געווען איז ער אַזעלכער. אחוץ זיין וויסן אין יהדות, האָט ער אויך פאַרמאָגט, אַ גרויסע פאַרציע וויסן אין וועלט ענינים. דער אַזויגערופענער „אוטשאַני יעווריי" אין שטעטל, אין יענע יאָרן, איז געווען אַ זעלטענהייט. אַז אַזאַ שטייגער ייִד, זאָל קענען די רוסישע און פוילישע גראַמאַטיק. ער האָט געקענט אויסענווייניק ציטירן גאַנצע שטיקער: מיצקעוויטשן און סלאָוואַצקין, קאַראַלענקאָן און גאָרקין און דאָס האָט אים געגעבן די פּאָפּולער ריטעט אָנערקענט צו ווערן אַלס שטאָטישער אינטעליגענט.

געדאַוונט האָט ער אין סטריקאָווער שטיבל און אַזוי ווי מיין פאָטער, אַבראַמטשע ז"ל, האָט זיך גערעכנט פאַרן למדן פון שטעטל, פלעגן זיי תמיד שמועסן אין לערנען, פאַרטיפענדיק זיך אין שאַרפע פּלפּולים, וועלכע זיי האָבן אָנגעהויבן אין שטיבל און פאַרענדענדיק זיי אָממערסטן ביים פאָטער ע"ה אין שטוב.

קיין שטאַרקער חסיד איז ער ניט געווען, אָבער אין די ערשטע יאָרן פלעגט ער פאָרן צום רבין קיין זגערזש. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעגט ער ווייטער דאַווענען אין שטיבל, אָבער צום רבין, איז ער מער ניט געפאָרן.

טראָץ אָבער דעם שטילן „רעוואָלט" פון ר' יוסל פינקעלשטיין, האָבן פאַר אים דרך־ארץ געהאַט ניט נאָר די איינפאַכע בעלי בתים, — נאָר אפילו אויך די פאַרברענטע חסידים.

## חיים שמעון ענגלענדער ז"ל

אַן אייגענאַרטיקער טיפּ אין שטעטל איז געווען חיים שמעון ענגלענדער. געצויגן זיין חיונה האָט ער אַלס אַדוואָקאַט. פאַקטיש איז ער געווען אַ ריי יאָרן דער איינציקער אַדוואָקאַט אין אַרומיקן קאַנט.

זייענדיק באַהאַוונט אין רוסישן קאָדעקס און דערצו אַ ייִד אַ פּקח, האָט ער צומערסטנטייל דורך פאַרשידענע געלונגענע איינפאַלן און שפּיצלען, געווינען אַזעלכע פּראָצעסן און ספּראַוועס, וועלכע זיינען פון פאָראויס געווען פאַרשפּילט. אַ דאַנק דעם איז ער געווען זייער באַליבט און פּאָפּולער ביי דער אַרומיקער באַפעלקערונג.

זייענדיק דורכגעדרונגען מיט דער ייִדישער מסורה (זיין פרוי, האָט געטראָגן אַ שייטל), ער אַליין, האָט זיך געפילט לויט דער ייִדישער טראַדיציע און ליב געהאַט צו דערציילן ייִדישן וויצן און זאָגן גלייכווערטלעך. און דער עיקר: ער האָט געהערט צו די מענטשן, וועלכע קענען דערציילן אַ וויץ. אַזוי אַרום, איז ער געווען פון די ערשטע אינטעליגענטן אין שטעטל, וועלכע האָבן פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון דער קריסטלעכער אינטעליגענץ.



א גרופע פון דער בעסטרער שטשעקאמשינער יוגנט. דער ג׳טער שטייענדיק אין דער רייע ישראליק ענגלענדער.
פון אלע לטבן: דער ערשטער זיצענדיק ישראלקע שווארצבוים, געפונט זיך אין מאנטרעאל (קאנאדע) און די לעצטע זיצענדיק אין דער רייע פרוי ביילוש פייגענבלאט, געפונט זיך אין ישראל.

דאָס, האט איס אויך געגעבן די שטויס־קראפט אוועקצושיקן זיינע קינדער שטודירן אין דער גרויסער וועלט אריין. זיינעביידע טעכטער זיסל און רחל זיינען געווען לייטערן און לערערן פון דער פאָלקס־שולע אין וולאשטשאווע.

זיין בן־יחיד ישראליק, אויך וועלכן ער האט אגב געלייגט גרויסע האפנונגען, האט שטודירט יורי אויפן ווארשאַווער אוניווערזיטעט.

אין יאר 1936, איז חיים שמעון ענגלענדער געשטאָרבן און אין א יאר שפעטער, אין 1937, איז פון א טראגישע קראנקהייט געשטאָרבן דער זון ישראליק, וועלכער וואָלט בלי ספק מיט זיין ברויזענדן טעמפעראמענט און אָפענעם מוח זיכער געווען אויסגעוואָקסן א גרויסער אדוואָקאט.

דעם אנהויב צו שיקן די קינדער שטודירן האט געמאכט חיים שמעון ענגלענדער, זיין ביישפיל האבן שוין נאכגעטוען אנדערע יידן. אין די 30־ער יאָרן טרעפן מיר שוין אין שטשעקאטשין עטלעכע יידישע סטודענטן: גרשון מאנגעל, יצחק שטאס, יעקב בארענשטיין, משה פעלדברין, אלתר איצקאוויטש, הערשל גרייפנער און די סטודענטין מלכהלי לאַזדן א. אנד.

א טראגישן, זייער טראגישן סוף האט אגב געהאט די איינציקע יידישע סטודענטין פון שטשעקאטשין, מלכהלי לאודן, וועלכע איז הארט פאר דער באפרייאונג אנטדעקט געוואָרן אין א בונקער, און דערמאָרדעט געוואָרן.

שרייבענדיק די זכרונות, איז שווער אויסצומיידען די צאָלרייכע סיפן, וועלכע דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט, געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך באַניגענט מיט „אַ שהיה פּיעה״ — מיט אַ ברויט און אַ הערינג — און דאָך שטענדיק געווען גליקלעך. געווען אויך נעגאַטיווע סיפן, וועלכעס קיין שום יידישע שטעטל איך פּוילן, האָט עס נישט געקענט אויסמיידן. אויך שטשעקאָטשין, האָט פאַרמאָגט אייניקע אַזעלכע סיפן, אָבער ווען זיי גליסט זיך נישט שרייבן. ווייל מיר האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו באַשרייבן נאָר דאָס פּאָזיטיווע, דאָס שיינע און דערהאָבענע, וואָס ס'האָט זיך געפונען אין שטשעקאָטשין.



מלכהלי לאָון, די איינציקע יידישע סטודענטין, וועלכע איז אומגעקומען אויף אַ בעסטיאַלישן אופן, האַרט פאַר דער באַפרייאונג.

און ווען מען דערמאָנט אַ פּאָזיטיוון טיפּ קען מען נישט פאַרגעסן אַזאַ שיינעם, הערלעכן טיפּ ווי עס איז געווען מרדכי ברייטבאָרד. געהייסן האָט ער מרדכי ווישניצקי, נאָר צוליב דעם וואָס ער האָט פאַרמאָגט אַ ברייטע־באָרד, וואָס האָט אים דערגרייכט ביז איבער דעם ברוסט־קאַסטן, האָט מען אים אין שטעטל גערופן: מרדכי בראָטבאָרד. זייט איך געדענק דעם ייד, איז ער תמיד געזעסן אין שטאָטישן בית־המדרש און געלערנט.

אַסאַ דער דאָזיקער ייד, וועלכער האָט נישט געזען קיין שום זאַך אויסער די ד׳ אמות של הלכה, האָט אין דער צייט פון דער אויסזידלונג באַוויזן אַזאַ העלדענטאַט, וואָס ס'איז כדאי, אַז דער היסטאָריקער פונם חורבן פּוילן זאָל דעם פאַקט נאָטירן:

בעת די אויסזידלונג פון די שטשעקאָטשינער יידן, האָבן די געסטאַפּאָווצעס אינטערגעיאָגט די, וועלכע זיינען נישט געווען אַזוי איילוק ביים אויספירן די

באפעלן. ווען איינער פון די געסטאפאָווצעס, האט זיך געוואָנדן צו ר׳ מרדכי ברייטבארד, ער זאל זיך צואיילן, האט ער אבער אומדערווארטעט פון אלעמען געגעבן א שרעק אויס די האנט און דעם צעיושעטן געסטאפאָ אפיציר אראָפגעלאזט א פלאמענדיקן פאטש.

דער געפאטשטער אפיציר, האט זיך שנעל אָפגעטראָגן נישט רעאגירענדיק מיט גאר, צו די פארוואנדערונג פון אלע. וועלכע זיינען געווען דערביי אָנוועזנד.

נאָך איצט, טראָץ דער 16־יאָריקער צייטאָפשניט איז שווער צו פארשטיין די 2 אומנאָרמאלע דערשיינונגען: 1) פון וואן האט זיך גענומען צו דעם „שוואכן״ בית־המדרש ייד אזא גייסטיקן און פיזישן כוח צו רעאגירן אזוי העלדיש אויפן פארשוועכטן יידישן כבוד? 2) פארוואס, האט דער געשלאָגענער געסטאפאָ אפיציר נישט רעאגירט אויפן אָרט פאר דער געוואגטער דרייסטקייט פון דעם „מינדערווערטיקן״ ייד? ווייזט אויס, אז ס׳איז שווער צו דערגרונטעווען די פסיכאלאגיע פון דער מענטשלעכער נשמה און נישט אומזיסט האט אמאל טאָלסטוי געזאָגט: אז ס׳זענען פאראן מאָמענטן ביי יעדן מענטש, וועלכע זיינען אומשטאנד דעם שוואכסטן מענש אין דעם שטאַרקסטן העלד צו פארוואנדלען.

די דרייסטקייט פון ר׳ מרדכי ווישניצקי (ברייטבארד) האט טאקע אויך אָנגעשטעקט אנדערע יידן, וועלכע האָבן ארויסגעוויזן סמנים פון ווידערשטאנד ווי צ.ב.ש. איטשע מאיר בעקער הי״ד (ראָזענבערג), וועלכער האָט געשריען: פארוואס לאָזן מיר זיך פירן ווי בהמות צו דער שחיטה. אויב ס׳איז אונז באשערט צו שטאַרבן, זאָלן מיר שטארבן דאָ אויפן אָרט. ער איז טאקע געווען דער ערשטער, וועלכער האט געבראָכן דעם פאסיוון ווידערשטאנד פון די שטעטלדיקע יידן, און דערקלערט: איך רור זיך נישט פון ארט — און טאקע דאָרטן אינטער דער בריק, אויף דעם וועג, וואס האט געפירט קיין סענדזשישעוו־טרעבלינקע, איז ער דערשאָסן געוואָרן, אנידערפאלענדיק ווי אן אינטערגעזעגטער בוים, איינגעהילט אין קיטל.

א טיפן אָפקלאַנג, האבן אויך געפונען די ווערטער פון באוווסטן אגודה עסקן ר׳ שמעיה מאדאלינסקי הי״ד, וועלכער האָט גייענדיק בראש פון דער עדה יידן אויסגערופן: „זייט גרייט אויף קדוש השם, דער אל נקמות וועט זיך נוקם זיין פאר אונזער פארגאסענעם בלוט. — שטארקט אייך יידן: מיר זיינען די אייניקלעך און אור־אייניקלעך פון א קדושים פאלק״.

אזוי שיין ווי זיי האָבן געלעבט, אזוי שיין זענען זיי געגאנגען צום טויט. זייער לעבן האט געהאט א טעם, זייער טויט האט געהאט א זינען. וואָלט מען דאסמאל באדארפט פאראפראזירן די ווערטער פון חיים נחמן ביאליק ז״ל: „כמו שאין טעם בחייהם כך אין טעם במותם״.

שרייבענדיק טיילוויין די געשיכטע פון לעצטן שטשעקאטשינער דור, איז שווער צו געדענקן און דערמאנען די אלע אנציילקע עסקנים, אלטע און יונגע, וועלכע האבן מיט אלע זייערע רמ"ח איברים געריסן זיך צו שעפעריש מעשים. זיי שטייען אויסגעשטעלט אין דער פאדערשטער רייע און ס'דוכט זיך דיר, אז ערשט נעכטן איז עס געווען. זיי שטייען פאר דיינע אויגן און דערמאנען דיך, אז מען דארף זיי געדענקן: די ברידער ישעיה און יעקב מיאדאווע, עוזיאל קאגאל, ישראל לענטשנער, משה שמואל וועלנער, מאיר פאמעראנץ, פייוויל אלבערט, לייביש זאלצמאן, חיים לענטשנער, אבראמטשע לענטשנער, לייבל גוטפריינד א. אנד.

באזונדערס טויכט אויף אין זכרון די ליכטיקע געשטאלט פון קהלה פרנס און דירעקטאר פון דער באנק ה' הלל גרייפנער ז"ל, וועלכער איז מיט זיין פאמיליע



ד' חתונה פון לייבל גוטפריינד הי"ד, דער געוו. פרעזעס פון צעירי אגודת ישראל. דער ערשטער קרבן פון היטלעריסטן מארד אין שטשעקאטשין.

אנטלאפן קיין רוסלאנד און דארטן אינטער דעם שטעטל אראוואן, נעבן דער קירגיזיש־כינעזישער גרענעץ, געפונען זיין אייביקער רו. דארטן 'אויף דער רוסישער טעריטאָריע, ווו עס וועט אודאי קיינמאל קיין יידישער פיס נישט טרעטן, האט ער אויסגעהויכט זיין נשמה. די נשמה, וועלכעס האט זיך געריסן און געבענקט נאך ציון, אטא דאס ציוניסטישע הארץ, ווען ס'האט ווי א זשאווער אויפגעפרעסן די דאגות און זאָרג וועגן דער צוקונפט פון זיינע קינדער.

ווי וואָלט אבער דאס זעלבע הארץ פון הלל גרייפנער געצאפלט פאר פרייד, ווען ס'וואָלט געפילט און ווען די אויגן וואלטן געזען, ווי אזוי די קינדער זיינע,



הלל גרייפנער, יוסל גרייפנער און זייער שוועסטער צפורה. הלל איז געשטאָרבן אין קירגיזיע, יוסל אין ארץ־ישראל, וווּ ער איז געקומען אלס חלוץ, און די שוועס־ טער ביי דער אויסנידלונג.

זיינען אויסגעוואַקסן אלס גוטע יידן און געטרייע בירגער פון מדינת־ישראל! די דאָזיקע מורא פאַרן גורל פון זיינע קינדער האָט אים געטריבן יונגערהייט אין קבר אריין.

שלאָף רואיק הלל גרייפנער אין דיין אייביקן שלאָף, דיין פרוי, דיינע קינדער, דיינע באַקאַנטע, וועלכע געפונען זיך אין מדינת־ישראל, האָבן דיך נישט פאַרגעסן.

דאָ, איז אויך נישט פאַרגעסן געוואָרן דער אָנדענק פונם ווארעמען ייד און געטרייען עסקן בצרכי צבור מאיר שפירא ז״ל, וועלכער איז אויך צוליב דער זעלבער גריזאטע און דאגה וועגן צוקונפט פאַר דער משפחה געטריבן געוואָרן פרי אין קבר אריין ערגעץ ווו אין א סיבירער קאָלכאָז, נישט קענענדיק פאַרשטעלן זיך, אז זיינע קינדער וועלן דערלעבן צוזאמען מיט דער מוטער קומען און העלפן בויען דער יידישער מדינה.

ס׳קען אויך נישט פאַרגעסן ווערן דער ליכטיקער אנדענק פון דעם וועלכער האָט באַשיינט יעדע יידישע נאַציאָנאַלע אימפּרעזע מיט זיין געזאַנג, יהודה פרייקאָרן. די טראַגעדיע, איז נאָך גרעסער אין דעם פאַל, וואָס ער האָט איבער־ געלעבט די מלחמה מיט אלע אירע גרויזאַמקייטן. זייענדיק אויף דער אַפּרו־ סטאַציע אין דייטשלאנד פאַרן קומען קיין ארץ־ישראל, האָט ער דאָרטן זיין אייביקע רו געפונען. זיין זון מנחם פרייקאָרן, יבדל לחיים, וועט פאַר אין מדינת ישראל דאָס, וואָס דער פאָטער האָט אנגעהויבן און נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן

די מדינת ישראל, איז געוואָרן די געטרייע היים פאַר די אלע ניצל געוואָרענע און באַפרייטע יידן, סיי פאַר די, וועלכע געפונען זיך שוין דאָ, סיי

פאר די. וועלכע געפונען זיך נאך לעת־עתה אין חוץ־לארץ — זייער ענדע ציל איז אָבער מדינת־ישראל.

דאמאלט אבער, אין 3־טן סעפטעמבער 1939, אוועקגייענדיק פון שטשע־קאטשין, האָט נישט געקענט קומען אויפן געדאנק, אז מדינת ישראל, וועט דוקא אנטשטיין אלס רעזולטאט פונעם חורבן פון פוילישן יידענטום.

טראכטענדיק יעצט וועגן שטשעקאטשין קומט אונטער א געדאנק וועגן ווערלכן ס׳ווערט דערציילט אין מדרש: לעתיד לבוא ווען משיח וועט קומען, וועלן אלע פעלקער קומען בוקן זיך און ברענגען פאר אים מתנות. אבער ער וועט דאמאלט



יודל (יהודה) פרייקארן מיט זיין נאענסטע פאמיליע.
פון זיי לעבן: דער זון מנחם, געפונט זיך אין ישראל און זיין ברודער ישראליק( אין קאפעלוש). געפונט זיך אין אמעריקא.

קיין שום מתנות נישט וועלן אָננעמען פון קיינעם. נאר וועט פרעגן: יידן האט איר? — ברענגט מיר יידן און די אלע, וואס וועלן ברענגען יידן, וועלן זיך פרייען צוזאמען מיט זיי.

יידן! ברענגט יידן האבן די דייטשן ארויסגעגעבן א פאראָרדנונג — און אין א ווילדגעיעג, האבן זיך ארויסגעלאָזט מענטשן איבער שטעט און דערפער, איבער וועלדער און געהיימע בונקער׳ס, בכדי צו ברענגען יידן. די „גוטע״ גוים, נעכטיקע שכנים, האבן זיך געפלייסט אין זייער געיעג צו ברענגען וואס מער יידן. א פלעשל בראנפן, אדער א קילא זאלץ, איז געווען דער פרייז פאר יעדן יידישן




א ציוניסטישע יוגנט גרופע. דער 4'טער אין דער חיטן ה' שרגא טרייטאן
געפונט זיך אין ישראל. אייגער פון די ערשטע שטשעקאטשינער חלוצים.

קאָפּ, זיי האָבן זיך סאקע באמיט, וואס מער פלעשלעך בראָנפן אדער קילאָס זאלץ צו פארדינען.

זיי האבן צוגענומען די פלעשלעך אין „פרוס" זיך געצלמט. געטרינקן דעם בראנפן און נישט דערשטיקט געוואָרן, פונקט ווי דאס וואלט געווען א נאטיר־לעכע זאך. געטרינקן און געטראכט ווי אזוי ס'איז מעגלעך ווייטער צו געפונען א ייד, אדער אן אויסבאהאלטן יידיש קינד.

פארטרונקענדיג מיטן ביטערן טראָפן זייער אייגן טרפה געוויסן. האָט געקענט קומען צום מאָמענט דאס דעם 17־טן יאנואר 1945, כעת שטשעקאטשין איז דורך דער באנייטער פוילישער ארמיי מיט דער מיטהילף פון דער רויטער ארמיי באפרייט געוואָרן און איך האב פונעם שטאב פון דער פוילישער ארמיי פון לובלין אין וועלכן כ'האב זיך דאמאלס געפונען, אוועקגעשיקט א בריוו אויפן אדרעס פון מאגיסטראט מיט דער אָנפראגע, ווער און וויפל יידן ס'זיינען געבליבן אין שטשעקאטשין? — האב איך באקומען דעם לאקאָנישן ענטפער: „ניע סטעטי, ניעמא זשאדניך זשידאָוו". — ס'איז ליידער ביי אונז נישט פארבליבן קיין שום יידן.

האלטענדיק די טעלעגראמע אין האנט, האב איך פארשטאנען, אז ס'איז געוואָרן פארוואקסן דער וועג פון שטשעקאטשינער יידענטום. דאמאלט, האב איך אויסגעבראָכן אין א יאָמערדיקן געוויין און א נאָגענדע בענקשאפט, האט מיך ארומגענומען צו אלץ און אלעמען, וואס פארבינדט מיינע זכרונות מיט שטשעקאטשין.



א געוועזענע גרופע פריילעכע שטשעקאָטשינער בחורים



א גרופע פון דער באַזוססנײַקער יוגנט

די דאָזיקע בענקשאַפט באַקומט איר אויסדרוק און קולמינאַציאָנס פונקט סיי אין די דורך מיר געשריבענע שורות, סיי דורך די שורות געשריבענע פון די בני עיר מיסבאַטיליקטע אינעם בוך, געשריבן מיט ליבע און פּיעטעט, מיט פאַרשטענדעניש און יראת הכבוד, פאַר א הייליק שטעטל ייִדן, וואָס איז אַזוי טראַגיש אומגעקומען.

שורות, פון וועלכן יעדען וואָרט דערהערט זיך טענות צו דער וועלט מיטן רוף צו גערעכטיקייט: ערד, טו נישט צודעקן זייער בלוט און זאָל נישט זיין קיין אָרט פאַר זייער געשריי. „ארץ אל תכסי דמם, ואל יהיה מקום לזעקתם"...




א טייל פון די שטשעקאָטשינער שרדים אין ישראל ביים אנטהילן די מצבה אינעם מרתף השואה אין ירושלים. ס'רעדט ה' ישראל שווייצער.

**אברהם שווארצבויב** (יו״ר אירגון יוצאי שטשעקאטשין)

# שטשעקאטשין. אין דער געז. טעטיקייט



ווען כ׳נעם די פעדער אין האנט, צו שרייבן וועגן מיין געבורטס שטעטל שטשעקאטשין, שוועבן פאר מיינע אויגן די אלע מענטשן, מיט וועלכע כ׳בין געקומען אין באריהרונג סיי אין פריוואטן און נאך מער אין געזעלשאפטלעכן לעבן.

עס איז שווער צו דערמאנען די אלע, וועלכע האבן מיטגעווירקט און צוגעהאלפן צו דער פארשענערונג פון רעליגיעז־נאציאנאלן יידישן לעבן אין דער שטאט, פונקט ווי עס איז שווער צו דערמאנען די אלע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען געווען די טרייב־קראפט פון אלגעמיינעם שטאטישן לעבן בכלל און פון יידישן לעבן בפרט. אבער שרייבנדיק די שורות שאלטן זיך ארויס אין דער ערשטע רייע א טייל פון די אינסטיטוציעס, וועלכע האבן דעצידירט וועגן אלגעמיינעם אויפשוונג און אנטוויקלונג פון אונזער יידישן לעבן און דאס זיינען: די קהלה, שטאט־ראט, גמילת־חסד קאסע, העברעאישע שולע, קרן־היסוד קאמיטעט און דער עיקר... אחרון, אחרון — דער אנטי־היטלער קאמיטעט — און די פערזאנען, וועלכע זיינען דירעקט, אדער אומדירעקט געווען פארבינדן מיט זיי.

ווי ווייט דער זכרון דינט, געדענק איך דאס יאר 1924. נאכפאלגענדיק די לאזונג פונם באגרינדער פון ציוניזם ד״ר הרצל „לכבוש את הקהלות״, איז דעם 1־טן מאי אין דעם יאר אויסגעקומען צום ערשטן מאל צו פארמעסטן זיך מיטן ארטאדאקסישן, און פשרהדיקן ידענטום, אונטער וועמענס איינפלוס דער קהלה רודער האט זיך געפונען.

אונזער ערשטער ארויסטריט איז פארצייכנט געווארן מיט א דערפאלג און עס איז געלונגען אריינצופירן אין דער קהלה אריין 2 פארשטייער פון נאציאנאלן לאגער אין די פערזאנען פון ה׳ יעקב איצקאוויטש ז״ל, (וועלכער איז מיט 4 יאר צוריק געשטארבן דא אין ישראל) און ר׳ בעריש לענטשנער ז״ל.

דאס איז געווען דער ערשטע דורכברוך אין דער אזויגערופענער „פעסטונג" פון קאָנסערוואַרטירסן, רעליגיעזן יידענטום.

דער, וואס איז באקאנט מיט דער געשיכטע פון יידישן קהלה לעבן אין יענער צייט אין פוילן, דער קען אָפּשאַצן, וואָס פאר א קאָלאָסאַלן נצחון מיר האבן דאמאָלס דערגרייכט.

דער „נצחון" איז געוואָרן די שטויס־קראַפט ארויסצוקומען מיט אַלץ נייע פאָדערונגען, וועלכע האבן געהאט פאר א ציל ארויסצופירן דאס שטאטישע יידישע לעבן אויף די רעלסן פון פראגרעס, קולטור און דער עיקר... ציוניסטישן אידיאַל.

ביסלעכווייז, האבן מיר זיך דערוואָרבן אנערקענונג ביי דער באפעלקערונג, וועלכע האט איינגעזען, אז מיר מיינען באמת אייסצובעסערן אונזער אלגעמיינעם לעבן, אזוי זיינען מיר וואס אמאָל אַלץ מער אריינגעדרינגען אין באוווסטזיין פון די, וועלכע, זיינען געווען גאנץ ווייט פונם נאציאנאלן געדאנק. און מיט א צייט שפעטער איז אונז געלונגען צו באהערשן פאָלקאָם די קהלה. אין יאר 1929 האט דער נאציאנאלער לאגער אויף דער אלגעמיינער צאל פון 9 מיטגלידער באזעסן 6 מיטגלידער.

דעראבערנדיק די קהלה, האבן מיר אנגעהויבן פירן א טעטיקייט מיט א נאציאנאלן אינטערשלאג אויף אלע געביטן אין שטאָטישן לעבן. אין דער ערשטער



די העברעאישע שולע א. נ. ח. נ. ביאליק.
נעבן די לערערן פרל פרידמאן הי"ד זיצן די 2 לעבן געבליבענע פרעזעס און וו. פרעזעס: יצחק קופערבערג און אברהם שווארצבוים. דערנעבן זיי: חיים דוד דרעזנער, לייביש זאלצמאן און דוד קשעשעווער. אן איינציקער זון פון קשעשעווער, זימל לעבט און געפונט זיך אין דייטשלאנד.

דייע האבן מיר געלייגט דעם פונדאמענט פון דער העברעאישער שולע „יבנה", וועלכע איז שפעטער נאכן טויט פון ח. נ. ביאליק ז"ל גערופן געוואָרן אויף זיין נאמען. ווערענדיק א שם דבר אין ארומיקן קרייז און געהערט צו די קרוין אינ־סטיטוציעס פון יידישן שטשעקאטשין.

מען קען נישט שרייבן זכרונות וועגן טשעקאטשין, אז מען זאל נישט דערמאנען די אונערמידלעכע ארבעט פון די עסקנים אויף דעם געביט. עסקנים, וועלכע האבן זיך רעקרוטירט פון פארשטייער פון אלע ציוניסטישע ריכטונגען און נעמלעך: ד"ר זעליק מייזלער, יחיאל ריכט, לייביש זאלצמאן, דוד קושעשאווער, ראובן זשארנאוויעצקי, ישראל לענטשנער (אלע אומגעקומען) — אחוץ די, וועלכע האָבן זוכה געווען גערא־טעוועט צו ווערן פון דעם שטורעם און על פי נס געפונען זיי זיך אין ישראל און נעמלעך: יצחק קופערבערג און דער שרייבער פון די שורות, וועלכער איז געווען במשך די גאנצע צייט פרעזעס פון קאראטאריום.



א. קאנאל, דער דאוואַר פינעם רעליגיעזן לאגער

אזוי האבן מיר ביסלעכווייז באקומען די אנערקענונג און געוואָרן די פאק־טישע אָנפירער פון יידישן לעבן. נישט געווען קיין איין אינסטיטוציע סיי פאָליטישע, פילאנטראָפישע און ווירטשאפטלעכע אין וועלכע די פארשטייער פון נאציאנאלן לאגער זאָלן נישט האבן דאס דעצידירענדע ווארט.

די 2־טע וואלן צו דער קהלה אין יאר 1934 האט געבראכט נאך א גרעסערן נצחון דעם רעליגיעז־נאציאנאלן לאגער אין פאָלגענדן צוזאמענשטעל: יחיאל ריכט לייביש זאלצמאן, ראובן זשארנאוועצקי, הלל גרייפנער (וועמען דער גורל האט פארווארפן קיין סיביר און דארטן אומגעקומען) און דער שרייבער פון די שורות.

סונם רעליגיעזן לאגער זיינען דאסמאל געווײלט געוואָרן: אלתר קאנאל, וואָלוויש וואַרמונד און חיים לייזער דאנציקער.

די קהלה קאדענץ איז פארענדיקט געוואָרן מיטן אָנקומען פון היטלער׳ס חילות, וועלכע האבן ליקווידירט און חרוב געמאכט הונדערטער יידישע קהלות אין פוילן, דאַרינטער אויך אונזער קהלה.

א דאנק די שטשעקאטשינער קהלה, וועלכע איז געווען כמעט די איינציקע ציוניסטישע קהלה אין קיעלצער קאנט, איז דערהויבן געוואָרן דער פרעסטיזש פון ציוניסטישן געדאנק און שטופענווייז זיינען געוואקסן די סומען פאר די נאציאנאלע קרנות: קק״ל, קרן־היסוד — און פאר אלע ציוניסטישע אונטערנעמונגען.

גענוג צו דערמאנען, אז איינציקע מאל זיינען איינגעאָרדענט געוואָרן באזארן פאר קק״ל, וועלכע זיינען פּאָפּולער געווען נישט נאר אין די יידישע קרייזן, נאָר אויך אפילו אין די קריסטלעכע.

ווי ווייט פּאָפּולער שטשעקאטשין איז געווען קען דינען דער פאקט, וואס א רייע גרויסע ציוניסטישע פערזענלעכקייטן, האבן געפונען פאר נויטיק צו באזוכן די שטאָט, טראָצדעם, וואס דער צופאַר, איז געווען באשווערט, צוליב דעם, וואס מיר האבן נישט פארמאָגט קיין באַן־ליניע.

גענוג צו דערמאנען, אז יצחק גרינבוים און אסך אנדערע גרויסע ציוניסטישע פערזענלעכקייטן, האבן עטלעכע מאל באזוכט שטשעקאטשין, אפשאצענדיק דעם דינאמישן כוח און די אָפּפערווויליקייט פון די שטעטלדיקע יידן לטובת דעם ציוניסטישן רעיון.

צוליב דער מסירת־נפשדיקער ארבעט אויף אלע געזעלשאפטלעכע געביטן, האט געקענט קומען צו דעם, אז ביים שאפן אין ווארשא דעם אנטי־היטלער קאָמיטעט, וועלכער האט געהאט פאר א ציל —

1) צו העלפן די דייטשע יידן, וועלכע זיינען געווען די ערשטע קרבנות פון היטלער־רעזשים סיי גייסטיש, סיי עקאנאמיש.

2) צו פּראָקלאמירן א הארט נאָקיקן קאמף קעגן די יידן, וועלכע האָבן געהאנדעלט מיט דייטשער סחורה.

— אין אָט דעם קאָמיטעט, האבן זיך שטשעקאטשינער יידן, די ערשטע פון די פּראָווינץ שטעט אנגעשלאָסן אין דער ווארשאווער צענטראלע, וועלכער האט ריק־זיכטלאז געפירט א קאמף צו דערקלערן א חרם די היטלעריסטישע אויסארבייטונגען.

דערמאנענדיק דאָס קאפיטעל קען נישט ארויס פון זכרון יענע טעג, בעת ס׳האבן זיך באוויזן די ערשטע פלטים אין די מסירת־נפשדיקע ארבעט פון דעם אנטי־היטלער קאָמיטעט, וועמענס טעטיקייט עס איז געשטעלט געוואָרן אלס מוסטער אין די הויפט־צענטראלע אין ווארשא.

איינגעקריצט אין מיין זכרון האט זיך אויך דער צירקולאר פון דער ווארשאווער אנטי־היטלער קאמיטעט צענטראלע, וועלכן מיר האבן באקומען אין יענער צייט. און ער האט געלויטעט: דער קאמיסאר פאר די דייטשע פליטים אין אמעריקא (אויב כ'האב קיין טעות נישט, איז עס געווען דער ה' זשעמס מאקדאנאלד, דער ערשטער אמעריקאנער אמבאסאדאר אין ישראל) — האט דערקלערט אין א רעפעראט, וועלכן ער האט געהאלטן אינטערן פרייען הימל און ס'האבן אין אים אנטייל גענומען צענדליקער טויזענטער מענטשן: אויב דאס וועלט־יידנטום וועט נעמען אייף זיך א הייליקן חוב צו בויקאטירן אויף א ריק־זיכטלאזן אופן במשך 90 טעג אלע דייטשע אויסארבייטונג, וועט מען נישט ברויכן צו שאפן קיין אנטוואפנונגס־קאמיסיעס מיט וועלכע ס'באשעפטיקט זיך די פעלקער־ליגע.

אין איינקלאנג מיט דעם צירקולאר, האבן מיר געקעמפט, אז שטעקאטעין זאל זיין ריין פון דייטשער אויסארבייטונג. אויף דעם געביט, זיינען מיר געווען די איינציקע שטאט אין פוילן, וועמענס מיטגלידער, זיינען אוועקגעזעצט געווארן אויף דער באשולדיקונגס־באנק, אלס רעזולטאט פון זייער געוויסענהאפטער ארבעט.

דער אנטי־היטלער קאמיטעט פון וועלכן איך בין געווען די גאנצע צייט איר פרעזעס איז באשטאנען פון פאלגענדע פערזאנען: הרב גראספעלד זצ"ל, ד"ר מייזלער, אדוו. לער, יחיאל ריכט, ישראל שווייצער, ישראל לענטשנער, ישעיה מיאדאווע, עוזיאל קאנאל און די פרוי רעלא גרייפנער.

דורך דער פראקוראטור זיינען באפרייט געווארן א רייע פערזאנען און אויף דער באשולדיקונגס־באנק זיינען אוועקגעזעצט געווארן בלויז די פאלגענדע מענטשן: אברהם שווארצבוים (פרעזעס), ישראל שווייצער (וו. פרעזעס), עוזיאל קאנאל (סעקרעטאר), ישראל לענטשנער (קאסירער) און ישעיה מיאדאווע אלס אנקלאגער קעגן די פערזאנען, וואס האבן געהאנדעלט מיט דייטשער סחורה.

דער פראצעס, האט אין זיינערצייט ארויסגערופן א גרויסע פאראינטערסירונג אין דער יידישער פרעסע אין פוילן. אלס באוויז קען דינען דער פאקט, דאס דער צענטראלער אנטי־היטלער קאמיטעט אין ווארשא האט געפונען פאר נויטיק צו דעלעגירן א ספעציעלן פארטיידיקער פאר די אנגעקלאגטע, אין פערזאן פון אדוו. בריאנסקי, וועלכער, האט צוזאמען מיטן ארטיקן קריסטלעכן אדוואקאט בעקער גלענצענד פארטיידיקט — און אין רעזולטאט זיינען אלע אנגעקלאגטע באפרייט געווארן.

ליידער איז אבער פון די אויבנדערמאנטע אויסגערעכנטע פערזאנען, פאר־טיידיקער פון נאציאנאלן יידישן כבוד קיינער נישט געבליבן ביים לעבן אחוץ 2 פערזאן: דער חבר און פריינט, רעדאקטער פון יזכור בוך: ישראל שווייצער





שרה גרייפנער, געווען באקאנט אלס שרה ווינדערס, פרוי פון אביגדור גרייפנער.

יודקע גרייפנער, כאלע גרייפנער, אין דער מיט פרוי רעלא גרייפנער, די איינציקע פרוי מיטגלידער פון אנטי־היטלער־קאמפּעס.

און דער שרייבער פון די שורות. די היטלער בעסטיע האט זיך בלוטיק נוקם געווען. פאר דער ערנפולער און מסירת־נפשדיקער ארבעט פון די, וועלכע האבן פאראויס־געזען, צו וואס די נאצישע רוצחים זענען פעאיק.

צו איינע פון די קרוין אינסטיטוציעס, מיט וועלכע שטשעקאטשינער יידן האבן שטאלצירט קען פארעכענט ווערן די גמילת־חסד קאסע. טראץ איר פארהעלטענעמעסיק קורצער עקזיסטענץ (זי איז בעגרינדעט געווארן אין יאר 1930) — האט זי באוויזן צו באדינען כמעט אלע נויטבאדערפטיקע, וועלכע האבן זיך נאר געוואנדן וועגן א הלוואה.

ווי ווייט פאפולער די גמילת חסד קאסע איז געווען אין שטאט קען דינען דער פאקט, דאס יידן, וועלכע האבן זיך נישט געניטיקט אין קיין הלוואה, האבן דוקא געוואלט האבן א שייכות מיט דער קאסע — און אריינגעבארגט געלט, בכדי אנדערע זאלן קענען געניסן פון איר. אזוי ארום קען מען דרייסט זאגן : אז עס איז נישט געווען כמעט קיין ייד אין שטאט, וואס זאל דירעקט, אדער אונדירעקט נישט האבן געווען אין קאנטאקט מיט דער אינסטיטוציע, וועמענס פאפולאריטעט

און אַנזען, איז געווען אַ שם דבר אין ארומיקן קאנט און אפילו אויך אין דער ווארשאווער צענטראלע.

די מוסטערהאפטע טעטיקייט פון דער וויכטיקער אינסטיטוציע איז געווען צו פאַרדאנקען דעם שטאַלצן און געטרייען ייד ד״ר זעליק מייזלער הי״ד, וועלכער האט מיט זיין אונדערמידליכקייט דערפירט די גמילת חסד קאסע צו דעם, וואס זי איז געווען.

אַן איינפלוסרייך קאפיטל אין שטשעקאטשינער יידישן לעבן, איז די טעטי־קייט פון אונזערע פאַרשטייער אין סטאַט־ראַט. ניט געווען קיין איינציקע יידישע אינסטיטוציע, וועלכע איז נישט געוואָרן סובסידירט צוגלייך מיט די קריסטלעכע אינסטיטוציעס. צ.ב.ש. אין בודזשעט האט זיך געפונען אַ פאזיציע אויף ביבליאטעקן האָבן מיר אויסגעקעמפט פאַר דער „שלום־עליכם״ ביבליאטעק 50 פּראַצענט פון דער אלגעמיינער סומע, דאס זעלבע פאַר לייען־זאַלן, סאָציאלע הילף א.ד.גל.

אַ בורמיסטוש, האט געקענט אויסגעוויילט ווערן, נאָר דער פּערזאָן, וועלכן די יידישע ראַטמענער האָבן געוואָלט ער זאָל געוויילט ווערן.

כדאי צו דערמאָנען, אז ביזן יאָר 1935, זיינען קיין דירעקטע וואלן צום מאגיסטראַט נישט פאָרגעקומען, נאָר די מאַנדאטן זיינען פונאנדערגעטיילט געוואָרן, פּראָפּאָרציאָנעל לויט דער צאָל איינוווינער. און אזוי ווי די יידישע באפעלקערונג, האט זיך גערעכנט אַן ערך 47 פּראָצענט, האָבן מיר אויף דער אלגעמיינער צאָל פון 24 ראַטמענער באַקומען 11 מיטגלידער.

נאָך דער קאָנסטיטוציע פון 1935 (די טרויעריק באַרימטע צאַר קאָנסטיטוציע), וועלכע האט געהאט פאַר אַ ציל, צו באַרויבן פון די יידישע מאַסן די אלגעמיינע, פּאָליטישע בירגערלעכע רעכט, איז אויך ביי אונז די לאַגע פאַרערגערט געוואָרן און אין דער לעצטער קאַדענץ, האָבן מיר מער נישט פאַרמאָגט ווי 3 ראַטמענער, וועלכע האָבן אייגנטליך נישט געהאט וואס צו זאָגן, פאַרלירענדיק אזוי ארום דעם גאַנצן איינפלוס.

אַ רומפּיל בלעטעל אין דער געשיכטע פון יידישער טעטיקייט, האט פאַר־שריבן די איינציקע יידישע באַנק אין שטאָט. וואָס אַן אמת, האָבן מיר אין דער הינזיכט, במשך אלע יאָרן קיין שום פּאָזיטיווע נישט געהאט צו פאַרצייכנען, אָבער זייט 1937 בעת עס איז אויסגעוויילט געוואָרן דער נייער וועד, האָבן מיר געהאט אָנצווייזן אויף אַ קאָלאָסאלע דערגרייכונג.

נעמענדיק אין באַטראַכט, דאס מיט יאָרן פריער, האט יעדער ייד מורא געהאט צו האָבן עפּעס אַ שייכות מיט דער באַנק, האט אָבער אין לעצטן טעטיקייטס יאָר די באַנק דערגרייכט צו אזא מצב, אז אלע יידן אָן אויסנאַם, האָבן זייערע טעכטער'ס

נדנים און אנדערע אָפּשפּאַרונגען אריינגעטראָגן אינם באנק, וועלכע האט אפּעריר מיט ריזן סומעס.

די לייטונג פון דער באנק איז באשטאנען פון פאלגענדע פערזאָנען: הלל גרייפּנער (פּרעזעס), יעקב אייזענבערג און דער שרייבער פון די שורות. הלל גרייפּנער איז געשטארבן אין רוסלאנד און יעקב אייזענבערג איז אומגעבראכט געוואָרן אין טרעבלינקע.

צום סוף וויל איך דערמאנען די באליבסטע אינסטיטוציע אין שטשעקאָטשין: די „שלום־עליכם ביבליאטעק", האלטענדיק פונם כלל: „אחרון אחרון חביב", וויל איך צום סוף זיך אָפּשטעלן אויף דער ביבליאטעק, וועלכע איז געווען די ערשטע אינסטיטוציע פונם אלגעמיינעם מאסשטאב אין שטאָט.

די ביבליאטעק איז געגרינדעט געוואָרן אין יאר 1916 אינטער דער עסטרייכישער אקופּאציע. אויבוואל מיין אנטייל אין דער ביבליאטעק טעטיקייט, איז געווען אַן אַנזעעוודיקע, וויל איך פּארט נישט פארנעמען אזויפיל פּלאַץ אינם יזכור־בוך, זייענדיק איבערצייגט, אז אויך אנדערע וועלן וועגן איר שרייבן. איך קען אבער פּארט נישט באגרענעצן זיך פון נישט מאכן עטלעכע באמערקונגען אלס כאראקטער שטריכן צו איר היסטאָריע.

די ביבליאטעק, איז געגרינדעט געוואָרן אינטער דער לאזונג פון אומפּארטייאישקייט. אזעלכע ביבליאטעקן, זיינען אין יענעם פּעריאָד געגרינדעט געוואָרן אין אלע ארומיקע שטעט און שטעטלעך אבער א געוויסע צייט שפּעטער, זיינען כמעט אלע אנדערע ביבליאטעקן ליקווידירט געוואָרן אין פייער פון פּארטייאישע מחלוקת און די ביכער זיינען פונאנדערגעטיילט געוואָרן אלס ירושה פון די מחלוקתן און ארומרייסעניש.

מיט שטאלץ קען איך דאָ אונטערשטרייכן, אז די ביבליאטעק אין שטשעקאָטשין איז געווען כמעט די איינציקע, וועמענס גאנצקייט און אומפּארטייאישקייט איז אָפּגעהיטן געוואָרן ביז דער לעצטער מינוט.

כדי צו דערמאנען, אז די ווענט פון דער „שלום־עליכם" ביבליאטעק אין שטשעקאָטשין זיינען געווען דעקארירט מיט די בילדער פון ד"ר הרצל, ביאליק, סאָקאָלאָוו פון איין זייט, — מארקסן, ענגלעסן פון דער אנדערער זייט.

איבריק צו דערמאנען, אז די ביכער, וועלכע האבן זיך געפונען אין דער ביבליאטעק און באצירט אירע פּאָליצעס, זיינען געווען ווערק פון פארשידענע קלאסיקער און דיכטער אָן אונטערשיד פון פּארטיי און שאטירונג.

אממערסטן, האט אויך דאָ זוי איבעראל דאמינירט דער גייסט פון נאציאנאלע שרייבער, ווייל דער רוב לייענער, סיי עלטערע, סיי יונגערע, האבן זיך לרוב

קאָנצענטרירט ארום דעם נאציאנאלן גייסט און לויט זייער אייגענעם געבראך. עס זיינען געווען אַ שטיקל ביכער פארשאפט געוואָרן.

איבערגייענדיק צום לעצטן טראגישן יאר 1939. שטייט פאר מיינע אויגן די צאָל פון די יידישע באפעלקערונג אין שטשעקאטשין און אין ארומיקן קאנט. א צאָל פון 3000 נפשות. פון וועלכע עס האבן זיך ליידער אפגעראטעוועט צירקא 200 מאן. א העלפט פון זיי געפונען זיך אין ישראל.



די אזכרה נאכן אומקום פון שטשעקאטשינער יידנטום, וואס איז איינגעאָרדנט געווארן אין באד־רייכענהאל אין יאר 1946.

געפונענדיק זיך נאך דער פארענדיקונג פון דער מלחמה אין דייטשלאנד, האבן מיר. א גרופע שרידים פון שטשעקאטשין. אין דעם לעצטן יאר, איידער מיר זיינען עולה געווען קיין ישראל, איינגעאָרדנט אין באד־רייכענהאל די ערשטע אזכרה נאך דער פארשניטענער קהלה.

דא אין ישראל אָרדנען מיר איין יאר־יערליך חול־המועד סוכות די אזכרה. אויף וועלכע ס׳קומען זיך צונויף כמעט אלע געוועזענע שטשעקאטשינער. וועלכע געפונען זיך אין לאנד. דאס איז דער איינציקער טאג אין וועלכן מיר זיינען זיך מתיחד מיט דעם אָנדענק פון אונזערע קדושים, ווען דער היסלער שיקזאל האט נישט אויסגעמיטן.

אינם „מרתף השואה״ אויפן הר ציון אין ירושלים. האבן מיר אויך געשטעלט די טראדיציאנעלע מצבה פון דער קהלה. טראץ דעם, וואס מיר זיינען געבליבן פארהעלטענמעסיק א קליינע צאָל (לגבי אנדערע קהלות), האבן מיר זיך געשטעלט פאר א הייליקן ציל, צו פאראייביקן דעם אנדענק פון אונזער געוו. קהלה מיט ארויסגעבן א יזכור־בוך. שווער, זייער שווער איז דאס אונז אָנגעקומען.

מיט באשיידענע מיטלען, אָנטרעפענדיק זיך דערצו אויף פארשידענע שוועריקייטן סיי טעכנישע, סיי מאטעריעלע, האבן מיר אבער פארט ניסט רעזיגנירט און נאך גרויסע אָנשטרענגונגען און שווערער מי איז סוף כל סוף געלונגען אונז דאס צו רעאליזירן. אזוי ארום, ווערט אויף א ווירדיקן אופן באערט די שטשעקאָ־טשינער קהלה, וועלכע האט געפירט א רימפול פולבלוטיק יידיש לעבן, וועמענס שעפערישער גייסט, שריינט ארויס פון יעדער געדרוקטער שורה.



מאיר שווארצבוים, לעצטער פרעזעס פון „מזרחי״ אין שטשעקאָטשין



רבקה שווארצבוים פרוי פון מאיר שווארצבוים

**יצחק קופערבערג** (פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון אירגון יוצאי שטשעקאָטשין)

# געווען אמאל א שטאט שטשעקאָטשין



שטשעקאָטשין, איז א שטאָט אין וולאָשטשאָ־ווער פּאָוויאַט (קיעלצער קרייז), 19 קלמ. פון דער באַן־סטאַציע סענדזישעוו מיט א באַפעלקערונג פון איבער 6000 איינוואוינער. באַזיצט, גאַזשעלניעס, גאַרבערייען, מילן, טאַרטאַקן. דער הויפּט האַנדל האָט זיך קאָנצענטרירט אויף תבואה און שאָף. שטשעקאָ־טשין איז געוואָרן א שטאָט אינם 15־טן יאָר־הונדערט. אין די יאָרן 1550—1560, איז שטשעקאָטשין געוואָרן אַן אָרט פאַר דיסידענטן (אויפשטענדער). דעם 6־טן יוני 1794, האָט קאָשטשושקאָ געפירט דאָ א קאַמף מיט דער רוסיש־פּרייסישער אַרמיי, אין וועלכן ס'זיינען געפאַלן די גענעראַלן: גראַכאָווסקי און וואָדשיצקי.

שטשעקאָטשין האָט זיך גערעכנט פאַר א סטראַטעגישע שטאָט און אין צאַר'ס צייטן, זיינען דאָ פאָרגעקומען גרויסע מיליטערישע מאַנעווערס, און אויך איינע אַזעלכע מאַנעווערס. האָט דער צאַר אלכסנדר באַזוכט שטשעקאָטשין און געגעכטיקט אין אָרטיקן פּאַלאַץ.

די שטאָט, האָט זיך געפונען אין מיטל פּונקט פון 2 גרויסע שטעט: 70 קלמ. פון סאָסנאָוויץ, אויף מערב־זייט און 70 קלמ. פון קיעלץ אויף דרום זייט.

געבויט, איז די שטאָט געווען ווי א פעסטונג. אַרום דעם גרויסן מאַרק, זיינען געווען אַרומגענומען ווי אין א קייט, טראָטואַרן און אַרום געמאַכטע דעכלעך. וועלכע האָבן באַשיצט די מאַרק שטייער בעת א רעגן.

דער טייך „פּיליצאַ", וואָס האָט געשטראָמט דורך דער שטאָט, איז געווען פאַראיינבאַרט צו די אָרטיקע וואַסערן און דאָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז אַלע כמעט מילן אינם יענעם קאַנט, זיינען געווען קאָנצענטרירט אַרום שטשעקאָטשין.

אינם יאָר 1900, איז דורך ר' קאָפּל קאַפּלאָוויטש ז"ל אויפגעבויט געוואָרן די ערשטע וואַלצן־מיל, ביז דאַן, האָט מען אין יענעם קאַנט געבראַכט מעל פון

רוסלאנד. נאך דעם אבער, ווי די מיל איז אויפגעבויט געוואָרן, האָט מען אָנגעהויבן אליין צו מאָלן און אין רעזולטאַט, איז געשאַפן געוואָרן א פרנסה־צווייג פאַר צענדליקער יידישע משפחות.

אין סוף פונם 19־טן יאָר הונדערט, האָט זיך געפונען אין שטשעקאָטשין א יידישע פאַפיר־פאַבריק. דער אייגנטימער האָט זיך גערופן: ברוך פאַפיערניק. דער ייד, וועלכער איז אויף דעם געביט געווען א פאַכמאַן און דערצו, האָט ער אויך באַזיצט וועלטלעכע קענטניש, האָט דערפונדן די וואַסער־שטריכן אויפן רוסישן פאַפיר געלט. און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, איז כדאי וועגן דעם דאָזיקן ייד ברוך פאַפיערניק צו דערציילן פאָלגענדן קאָמישן עפּיזאָד, וועלכער פאַרמאָגט די ענלעכ־קייט פון י. ל. פרץ׳ס „באָנטשע שווייג״ טיפּ.

ווען מען האָט אין פּעטערבורג זיך דערוויסט, וועגן דער דערפינדונג פונם שטשעקאָטשינער ייד, האָט מען אים אַרויסגערופן צום קייזער קיין פּעטערבורג, בכדי אויפן אָרט פעסטשטעלן, ווי ווייט די דערפינדונג איז געלונגען. ווען די פּרובע, האָט זיך אין פּעטערבורג אויך איינגעגעבן, האָט מען אים געוואָלט פאַרגיטיקן מיט גרויסע מתנות — און פרעגענדיק וואָס ער פאַרלאַנגט? — האָט ער געענטפערט: אַז זיין גרעסטע באַפרידיקונג וועט זיין, ווען מען וועט אַרײַנטערזעצן דעם שטשעקאָטשינער בורמיסטער פון זיין אַמט.

פונקט ווי „באָנטשע שווייג״ ביי פרצן, האָט ביי דער „פּמליה של מעלה״ פאַרלאַנגט נישט מער נאָר „א בולקע מיט פּוטער״, אַזוי האָט אויך דער שטשעקאָ־טשינער „באָנטשע שווייג״ פאַרלאַנגט נישט מער, נאָר די דעמיסיע פון אָרטיקן בורמיסטער, אין וועלכן ער האָט געזען דעם מקור פון אַלדאָס שלעכטס, וואָס פאַסירט מיט יידן. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די „גרויסע״ בקשה פונם שטשעקאָ־טשינער דערפינדער, איז דערפילט געוואָרן.

שטשעקאָטשין, איז אויך געווען באַרימט אין גאַנץ פּוילן מיט איר מעד־פאַבריק „סטאַראָ־פּאָלסקאַ״, געגרינדעט דורך משה ר׳ איטשעס (קאַגאַל). די פאַבריק האָט אַגב עקזיסטירט ביזן אויסברוך פון דער 2־טער וועלט־מלחמה.

שטשעקאָטשין האָט אויך אַרויסגעבראַכט די טרויעריקע קאַנטאָניסטן תקופה בעת מען האָט פאַרכאַפּט 12 יאָריקע יינגלעך און זיי האָבן געדינט פאַניען 25 יאָר. איך אַליין געדענק נאָך עטלעכע געוועזענע קאַנטאָניסטן אין שטשעקאָטשין: יהושע קצב, דער גרויסער הערש דוד, מאיר קצב א. אנד.

אויב מען האָט א שטעטל אין פּוילן געקענט אָנרופן, א יידיש שטעטל, איז עס געווען שטשעקאָטשין. נישט געווען קיין איין קריסטלעך געשעפט אין דער גאַנצער שטאָט און קיין איין קריסטלעך הויז א לאַנגע צייט. דער ערשטער, וואָס האָט פאַרקויפט דעם קריסט ראַמאַליקן א הויז, איז געווען ראַבריש.



מאטל רינסקי, דער זון פון משה רינסקי

יעקב לערער, איז געווען דער הויפט־ליפעראנט פון שפייז און פראָדוקטן פארן גאנצן ארום, סיי פאר פריצים, סיי פארן פראָסטן פויערים פאלק. אלע קרעטשמעס און שענקן, האָבן זיך געפונען אויסשליסלעך אין יידישע הענט. אין זכרון טויכן אויף די געשטאלטן פון די שענק אינהאבער: דוד שטאָם, איטשעלע שענקער, משה רינסקי, זאנענשיין א. אנד.

א באזינדער קאפיטל האָבן פארנומען אין שטשעקאטשין די באגרינדער פון רעליגיעזן און פאָלקסטימלעכן יידישן לעבן. דער רב ר׳ פישעלע ז״ל, זיינע טעכטער און זין. ר׳ שימעלע ז״ל מיט די זין און איידעמס.

וווּנדערבאר און אונפארגעסלעך, האָבן אויסגעקוקט די ימי־נוראים בעת ס׳זיינען זיך צוזאמענגעקומען ביים רב זיינע קינדער און איידעמס: יאסעלע, משהלי, דער קינעווער רב, דער פאריסאווער רב א. אנד. דאָס דאווענען פון יאָסעלן און משהלין, האט אלעמען באצויבערט. ס׳האָט זיך געדוכטן, אז מען הערט דאָס געזאנג פון די לויים אינם בית המקדש.

יאָסעלע, איז טאקע אנערקענט געוואָרן אלס „אומגעקרוינטער קעניג״ פון די ימי־נוראימדיקע מוספים, ווערענדיק דער בעל־מוסף ביים גערער רבין. טויזענטער יידן פון אלע עקן פוילן און אויסער אירע גרענעצן, האבן מיט באגייסטערונג צוגעהערט זיך צום דאווענען און צו די הארציקע נגינים פון יאסעלע כעלמער, וועלכער, האָט אלעמען ממש באצויבערט.

דער איידעם ר׳ שימעלעס, ר׳ יעקב מענדל כעלמער, האט אויך געשמט אלס מוזיקאלישער טאלאנט. ווען ער האט געדאווענט, איז כמעט די גאנצע שטאָט

געשטאנען אינטער די פענסטער און מיט באגייסטערונג אויפגעכאפט יעדן מאָטיוו און יעדעס וואָרט, יעדער קנייטש, וואס איז ארויסגעקומען פון זיין מויל.

וואונדערבאר שיין, זיינען די זכרונות פון יענע גליקלעכע טעג. סדוכט זיך, אז מיר האָבן געלעבט אין א וועלט פון אונפארגעסלעכע באגייסטערנדע חלומות.

אן אַנזעעוודיקע ראָלע אין טשעקאָטשינער יידישן לעבן, האָבן פארנומען די אנגעזעענע צאָלרייכע, און פול מיט שעפערישע מעשים יידישע משפחות. כ'וויל נאר אויסרעכנען א קליינע טייל פון זיי.:

יעקב לערער. האט געהאט 2 זין יונתל און יאסל. יונתל, איז אין די יונגע יאָרן אוועק קיין אמעריקא און דאָרטן מצליח געווען מאטעריעליש. יאָסל, איז געווען א באוווסטזיניקער יונגערמאן און אין די ערשטע יאָרן פון דער אנטשטייאונג פון דער ציוניסטישער באוועגונג, איז ער געוואָרן א הייסער אנהענגער — און א צייט שפעטער, איז ער געוואָרן א העברעאישער לערער אין טשענסטאכאָוו.

ישעיה גאלדמאנס זון שמואל זיינוויל, איז א רייע יאָרן געווען קאזשאנע ראבינער אין ראדאמסק און דערנאָך, איז ער אוועק קיין אמעריקא. (איז עס נישט קיין איראָניע פונם גורל, דאָס די לעצטע טשעקאָטשינער יידן זיינען ליקווידירט געוואָרן אינם געטאָ פון ראדאָמסק — אין דער שטאָט, וו ס'איז געווען א גייסטיקער מנהיג, א טשעקאָטשינער ייד?)

צי קען דען ארויס פונם זכרון אזעלכע נעמען פון פאמיליעס: פרייס, גאָלד, (איינער פון זיי אונטערן נאָמען „קליר", איז געווען פון די מיטגלידער און בויער פון גבעתיים און א רייע יאָרן דער ראש־המועצה. געווען אויך טעטיק אויף אנדערע געביטן אין ארץ־ישראל), משהל טריימאן, פייוויל עסיק מאָכער, דער אלטער הירש דוד, אשר שווארצוים (דער מעלער), בער יוסף גרינפעלד, דער אלטער פלאפ, ישעיה שניידער, קלמן פרידמאן, בענדעט שניידער, מאירל קאהן, ישכר ווארטמאן, אלתר פאלוך, מאיר שאמשעס, א. אנג., יידן מיט הדרת־פנימער, וועלכע האָבן ארויסגערופן צו זיך אכטונג און דרך־ארץ.

מיין זיידע משה יודל ע"ה, האט אין יענע צייטן ביים סוף פונם 19 יאָר־הונדערט, געהאט א פאבריקה, וואָס האט אויסגעארבעט וואלענקעס און קאפעלושן, ביז אים האט טשעקאָטשין נישט פארמאָגט קיין קאפעלושן־מאכער.

אחוץ מיט גשמיותדיקע ענינים, האָבן טשעקאָטשינער יידן, שטארק פאר־אינטערעסירט זיך מיט רוחניותדיקייט. איך דערמאן זיך אן עפיזאָד פון יענער תקופה: ווען כ'בין אלט געווען 5 יאָר, בין איך איינמאָל אריינגעקומען צום זיידן אין שטוב אריין און דערזען אויף דער וואנט הענגען דריי בילדער: דער ווילנער גאון, דער קאָוונער גאון און אין דערמיט דאָס בילד פונם ד"ר הרצל.

ווען כ'האָב געפרעגט דעם זיידן: ווער איז דער גוי, וואָס הענגט אין דערמיס צווישן די 2 גאונים? — האָט ער געענטפערט: דאָס איז מיין קינד, ד"ר הרצל, וועלכער וויל ברענגען דאָס יידישע פאָלק קיין ארץ־ישראל.

דאָס איז געווען מיט 57 יאָר צוריק און שוין דאמאלט, האָבן זיך געפונען אין דער שטאָט אזעלכע יידן, וואָס האָבן געגלויבט אין דער פארווירקלעכונג פונם ציוניסטישן אידיאל.

זאָל מיר אויך זיין דערלויבט צו דערמאנען דעם לעצטן דור יידן, די גבירים פון דער שטאָט: יקותיאל ערליך, קאָפּל קאפלאָוויטש, משה זאלצמאן, בנימין ענגלאַרד, יצחק שווארצבוים, גבריאל קענער, שלמה גרייפנער (שלמה גרייפנער, איז אין די 30־ער יאָרן אוועקגעפאָרן מיט זיין פאמיליע קיין ארץ־ישראל, געלעבט עטליכע יאָר אין לאַנד, געשטאָרבן אין רחובות און געקומען צו קבר ישראל אין ירושלים), אלתר איסאַקאָוו, די קרימאַנס, לייבל ווילטשעק, דוד סאַמבערג, לייבל גאָלדבערג, ישראל פראַמער, שלמה שטיבעלמאַן א. אנד., וועלכע האָבן מיט זייער פּאַרנעס און פירונג אַרויסגערופן צו זיך אַנזען נישט נאָר ביי דער יידישער נאָר אויך ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג פון אַרומיקן קאַנט.

שווער צו שילדערן, ווי אזוי ס'האָט אויסגעקוקט א שבת אָדער א יום־טוב אין שטעטל, דאָס פריילעכקייט, זארגלאָזיקייט, דאָס אינטימקייט, היימישקייט, איז פּשוט אוממעגליך אַרויסצוברענגען אויפן פּאַפּיר. דאָס זינגען און טאַנצן האָט מען דערפילט איבעראַל. דאָס זעלבע געפיל האָט יעדן איינעם אַרומגענומען בעת ס'איז פאָרגעקומען א חתונה אין שטעטל. אַלע יידן, אָן אויסנאַם האָבן זיך משמח געווען, ווי ס'וואָלט געווען אַן אייגענע שמחה. א שבת פאַר דער חתונה, האָט מען אויפ־געררופן דעם חתן, געפירט אים אין שול אריין צום „באַוואָרפן". ביי דער כלה ווידער איז געווען א „פאַרשפּיל" מיטן אָנשפּילן המבדיל מוצאי שבת.

יעצט די חתונה גופא און די שבע ברכות נאָך דער חתונה — און צום סוף דאָס פירן די כלה דעם ערשטן שבת נאָך דער חתונה אין שול אריין — ווידער א שמחה, אזוי ס'וועט נישט זיין קיין גוזמא, ווען כ'וועל אינטערשטרייכן, אז א חתונה אין שטעטל, האָט געדויערט 8 טעג, נישט נאָר בלויז פאַר דער חתן כלה און זייערע עלטערן, נאָר פאַר אַלע שטעטלדיקע יידן, וועלכע האָבן זיך געפילט ווי מחותנים.

אזא זעלבע פריידיקע שטימונג, האָט אַרומגענומען די שטעטלדיקע יידן בעתן פירן א ספר־תורה. אַלע אָן אויסנאַם יידן, האָבן געטאַנצט אין די גאַסן און אָנגעפילט מיט פרייד יעדעס ווינקל. דאַמאָלט האָט נישט עקזיסטירט קיין סאָציאַלע אינטערשיידן — מען האָט מער נישט געזען פאַר זיך, נאָר א צעטאַנצענדיקע יובלדיקע מענטשן־מאַסע און ס'האָט זיך אויסגעדרוקט, אז אפילו די שטיינער



א חתונה אין שטעטל

אין מיטן מארק טאנצן מיט און פרייען זיך מיט דער פרייד פון זייערע יידישע מיטבירגער.

אסא די וווּנדערבארע שטימונגס־געפילן, וואס האט באהערשט שטשעקא־טשינער יידן אויף יעדן שריט, האבן צוגעפירט, אז אנגעזעענע שטשעקאטשינער גבירים, האבן איינגעהאנדעלט לייטישע איידעמס פאר זייערע געראָטענע טעכטער. איידעמס, וועלכע האבן געשפילט א ראלע נישט נאר צווישן שטשעקאטשינער יידענטום, נאר אויך אין אנדערע גרעסערע שטעט אין פוילן. אזוי צ.ב.ש. איז דער איידעם פון ר׳ בנימין ענגלארד הי״ד — ר׳ שלמה יצחק רינסקי הי״ד, געווען דער פרעזעס פון דער בענדינער קהלה, פרעזעס פון דער ארטיקער אגודת־ישראל, מיטגליד און פארטיי־ראט פון אגודת־ישראל אין פוילן און געשפילט אן אנגעזעענע ראלע צווישן ארטאדאקסישן יידענטום אין פוילן.

דער איידעם פון ר׳ מענדל פלאפ (לענטשנער) ר׳ בירך סעצעמסקי הי״ד, איז געווען אייניע יאָרן פרעזעס פון דער סאסנאוויצער קהלה און געשפילט א דע־צידירענדע ראלע אין יידישן רעליגיעזן לעבן פון זאגלעמביע.

דער עלסטער איידעם פון ר׳ קאָפל קאפלאוויטש ר׳ יעקב גראספעלד הי״ד, איז געווען דער בעל קריאה און בעל תפילה אין דער „מזרחי״ אין סאסנאוויץ און פארנומען וויכטיקע אמטן אין פארשידענע פילאנטראָפישע אינסטיטוציעס אין סאָסנאָוויץ. אחוץ דעם דארפן דערמאנט ווערן די אנדערע איידעמ׳ס וועלכע קאפל קאפלאוויטש, האט איינגעהאנדעלט זיך ווי אבראמטשע שווייצער, יוסל לאודן, ברוך שפיגעל און יואל דרעזנער, וועלכער יעדער באזונדער איז געווען א שם דבר.



מרים שפיגעל, די פרוי פון ברוך שפיגעל

אויך אנדערע, שטעטקאטשינער גבירים, האבן זיך באמיט צו דערגרייכן פרעסטיזש און רום אין זייער לעבן און ביי א גאנץ גרויסע טייל, איז דאָס אין א געוויסער מאָס געלונגען.

א קאפיטל פאר זיך, זיינען די לעצטע איינפלוסרייכע פערזענלעכקייטן און עסקנים, וועלכע האָבן געלעבט און געווירקט אין שטאט אין די לעצטע יאָרן און ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה: הערשל דרעזנער, בעריש וואנדערסמאן, לייזער בלאט, חיים לענטשנער, (אגב די לענטשנערס, וועלכע מען האט גערופן: די „פלאפעס" זיינען געווען א ברייט פארצווייגטע משפחה, וועלכע האבן ארגאניזירט און געפירט די פיאָנערן פון מענער־קאָנפעקציע, פריער אין סטשעקאטשין און שפעטער אין זאגלעמביע). אלתר קאנאל, לייבל גאלדבערג, פישל קאהן, וואלוויש ווארמונד, די ברודער קרימאן, מאיר דוד מאנעלא, יעקב שלמה האניק, יעקב איצקאוויטש, ראובן זשארנאוויעצקי, משה וואלף גאלדשמיט, שמעיהו מאדאלינסקי, ד"ר מייזלער א. אנד. וועלכע האבן געהאט א דעצידירענדע ווירקונג אין געזעל־שאפטלעכן לעבן פון דער שטאָט.

גרויס איז געווען דער אנזען און איינפלוס פון הערשל דרעזנער ז"ל, דער שטענדיקער ראש און טובֿעל, דאס הימלעכקייט פון דער שטוב, איז געווען אן אויסנאם אין שטאָט. דאס צימער אין וועלכן דער „אלטער" (אזוי האט מען גערופן הערשל דרעזנער), האָט זיך געפונען, איז געווען תמיד שווארץ פונם רויך פון די פאפיראָסן רויכערער, וועלכע זיינען געווען שטענדיקע באזוכער ביי אים. דארטן ביים „אלטן" איז פאקטיש געווען די שטאָטישע „בערזע", ס'זיינען באשטימט געוואָרן די פרייזן פון מעל און תבואה פאר סטשעקאטשין און אומגעגענט.

דער עיקרדיקער פרנסה־קוואל פון די שטשעקאטשינער יידן איז געווען, מעל און תבואה. ווען א מעל סוחר פון די וויטסטע געגענטן אין פוילן, האט זיך גענויטיקט אין א טראנספארט מעל, האט ער געוויסט, אז צו יעדער צייט, וועט ער דאס אמבעסטן און אמלייכסטן געפונען אין שטשעקאטשין.

שטשעקאטשינער סוחרים, האבן מיט זייער סוחרישן אימפולס און פעאיקייטן אנגעשלאגן אין אלע ווינקלען פון פוילן און טיילמאל, אויך אויסער אירע גרענעצן, אדאנק זייער ערלעכקייט, רעיעלקייט און ארענטלעכקייט אינם מסחר.



יודל לענטשנער איינער פון די שטשעקאטשינער תבואה הענדלער. פון דער גאנצער משפחה איז נאר פארבליבן איין איינציקער זון: יצחק לענטשנער, לעבט אין ישראל, דער איינטענטומער פון קפה „לנצנר" אויף שיינקין גאס אין תל־אביב.

א פריץ, דערהערענדיק, אז ר'האט צו טוען אין א געשעפט'ס־ענין מיט א שטשעקאטשינער ייד, האט זעלטן ווען פאסירט, אז די טראנזאקציע זאל נישט צושטאנדקומען, ווייל דער צוטרוי צום שטשעקאטשינער ייד, האט אים געצווונגען ער זאל איינגיין אויף באקוועמערע באדינגונגען.

וועגן איינעם אזא פאל, וואס האט פאסירט מיט מיר אליין אין כדי צו דערמאנען: געשען איז עס באלד נאך מיין חתונה. כ'האב דאמאלט געמאכט דעם ערשטן מסחר מיט פריצים, פארקויפענדיק דעם שלענטשינער פריץ 100 מעטער קלייען. ס'איז אבער געווען אן אונטערשייד אינם פרייז לגבי דער דערנעבנדיקער

שטאָט יענדזשעוו, ווען ס׳האָט גענומען קלייען ס׳האָט געקאָסט אסך ביליקער — און כ׳האָב נישט געוווסט וואס צו טוען? כ׳האָב זיך געוואַנדן נאָך אַן עצה צום פעטער קאָפּל קאַפּלאַוויטש ז״ל (ווילקער, איז געווען באהאווענט אין די ענינים האנדלענדיק מיט פּריצים) — און ער האט מיר געראטן כ׳זאָל ליפערן דעם פּריץ יענדזשעווער קלייען, וועלכער האט אויסגעמאכט אייניקע הונדערט זלאָטעס ביליקער, ווי דער שטשעקאטשינער קלייען.

ווען כ׳האָב דעם פּריץ געזאגט: ער זאָל ארויסשיקן נאָך די קלייען קיין יענדזשעוו, בין איך דערשטוינט געוואָרן באקומענדיק פון אים אזא תשובה: ווען כ׳וואָלט געוואלט באקומען קלייען פון יענדזשעוו, ווייס איך גאַנץ גוט ווו יענדזשעוו געפינט זיך — איך וויל אבער שטשעקאטשינער קלייען און וויל נאר האנדלען מיט שטשעקאטשינער יידן. אזוי באליבט און פּאָפּולער זיינען געווען שטשעקאטשינער יידן אין ארומיקן קאַנט.

קומענדיק שפּעטער אין קאָנטאקט מיט פארשידענע פּריצישע הייף דארינסטער מיט די ראדזשיווילס, האב איך זיך באמיהט אז יעטוועדע ארבעט און יעדערס מסחר, וואס האט געדארפט ארורכגעפירט ווערן אין די הייף, זאָל עס געמאכט ווערן דורך שטשעקאטשינער יידן און אין מערסטענטייל, האט זיך דאָס מיר איינגעגעבן.

* * *

ביז דעם יאר 1914, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, האב איך זיך געפונען אין סאסנאוויץ, ווו כ׳האָב געארבעט אלס שניידער, כ׳האָב זיך אבער גלייכצייטיק פאראינטערעסירט מיט קולטורעלער און געזעלשאפטלעכער ארבעט. צוו. אנד. בין איך געווען א מיטגליד אין י. ל. פרץ ביבליאטעק און אין דראמאטישן קרייז און צוזאמען מיט די ברודער קראַוויעץ, קובא בינדער און דוד אדלער געשפּילט יידיש טעאטער, אויספירענדיק וויכטיקע ראָלן.

ווען די ערשטע מלחמה איז אויסגעבראָכן בין איך צוריק אוועק קיין שטשעקאטשין, ווו ס׳האָבן סטאנציאָנירט עסטרייכישע זעלנער. אינם געבורטס־שטעטל, האב איך זיך צוזאמענגעטראָפן מיט נאָך א גרופּע יונגעלייט, וועלכע האָבן שוין געהאט „פארזוכט״ דעם טעם פון גרויסשטאָטישן לעבן און געמיינזאם, האָבן מיר אנגעהויבן טראַכטן, וועגן שאפן עפּעס ווערטפולעס לטובת דער אונטעוואקסענדער יוגנט.

שמועסנדיק איינמאל אין א שבת נאכמיטאג מיט דער גרופּע פריינט, בעת מיר האָבן באהאנדעלט פארשידענע פּראָבלעמען, האב איך פארגעשלאגן, אז ס׳וואָלט געווען כדאי, אז שטשעקאטשין זאל האבן א יידישע ביבליאָטעק, דער

פארשלאג איז דורך אלע אנוועזענדע אקצעפטירט געוואָרן און אויפן אָרט, איז באשלאָסן געוואָרן צו שיקן א דעלעגאציע קיין וולאסטשאווע (דער זיץ אָרט פון סטאַראסטווע איז געווען אין וולאסטשאווע) בכדי צו באקומען א לעגאליזאציע. די דעלעגאציע אינם באשטאַנד פון די 2 חברים: אלתר יחיאל שטיבעלמאן און משה פאסלושני, זיינען צומארגענס אוועק צום סטאראסטווע, אבער צוריקגעקומען מיט גארניט.

אין צווישענצייט האבן מיר געגרינדעט א חברה א.נ. „תומכי־עניים" אין וועמענס שפיץ ס'האָבן זיך געפונען פאָלגענדע חברים: מענדל שוואַרצבוים, משהל טריימאן, מאיר רינסקי, בערל גרייפנער, יוסף שטיבעלמאן, חיים גרייפנער, לוי פראמער, אהרן שווארצבוים און דער שרייבער פון די שורות. מיר האבן ביי אבא'לי חזנס אוועקגעדינגען א באזונדערן צימער און דאָרטן האָבן מיר געדאַווענט יעדן שבת — ווו מיר האבן אויך אָפגעהאלטן אונזערע זיצונגען און באראטונגען. אזוי, האָבן מיר אנגעהויבן אונזער פילאנטראָפישע טעטיקייט. איך אבער, האב אלץ געהאלטן אין איין פאָדערן: אז ס'זאָל געשאפן ווערן א ביבליאטעק און מיין געוואלדיקער ענערגיע און אָנגעשטרענגטער ארבעט אין דער ריכטונג, האט א געוויסע צייט שפעטער געבראכט דעם געווינשענעם דערפאלג.



יעקב גאלדשטער און פרוי

דאָסמאל, זיינען מיר צוזאמענגעקומען זיך ביי יואלי מלמד, אין דער הויף געווען זיינען דאמאלט די פאלגענדע חברים: חיים הערש יודקעוויטש, אלתר יחיאל זילבערשטיין, אהרן טריימאן, משה טריימאן, בערל גרייפנער, יוסף שטיבעל־מאן, חיים גרייפנער, יצחק ווארשאווסקי, מושקה שוחט, שלום יקותיאלס, יעקב גאלדשטער און יצחק קופערבערג. נאך א קורצער דעבאטע, איז באשלאָסן געוואָרן:

נאכאמאָל צושיקן א דעלעגאציע קיין וולאָשטשאָווע מיטן צועק אויסצופויעלן א לעגאליזאציע אויף א ביבליאָטעק. די דעלעגאציע, איז באשטאנען פון פאלגענדע דריי פערזאָן: יוסף שטיבעלמאן, חיים גרייפנער און דער שרייבער פון די שורות.

יוסף שטיבעלמאן איז געווען באפריינדעט מיטן ארטיקן יידישן עסקן אבא זעמעל און נאך א געהעריקער אינטערווענץ מצד דעם לעצטן, איז דאָסמאָל אונז געלונגען צו באקומען א לעגאליזאציע. אבער אויך דאָ, האט זיך אנטוויקעלט פונדאָסניים א פראָבלעם: מען האט געברויכט צו האבן פּוליטיש־ריינע מענטשן, וועלכע זאָלן אונטערשרייבן די לעגאליזאציע. אזוי זיינען מיר ווידער אויף דאָס־מאָל צוריקגעפאָרן מיט גארניט — אבער מיט א טיפן גלויבן אין אונזערע הערצער, אז מיר האָבן עפּעס אויפגעטון. דאָס אייז האט זיך געריסן ענדלעך פונם אָרט.

צוריקקומענדיק פון דעם שליחות קיין שטשעקאָטשין, האבן מיר באלד צונויפגערופן א זיצונג, אויף וועלכן ס'איז באשלאָסן געוואָרן, אז אויף די רשימה פון די גרינדער זאָלן נישט פיגורירן קיין 3 — נאר 5 פערזאָן. און אויפן אָרט זיינען טאקע אויסגעוויילט געוואָרן פאָלגענדע 5 פערזאָן: חיים שמעון ענגלענדער, חיים יוסף שווארצבוים, יעקל גאלדשער, בערל גרייפנער און יצחק קופערבערג.

מען האט אויסגעארבעט סטאטוטן און אין א מזלדיקער שעה, איז געגרינדעט געוואָרן א ביבליאָטעק מיט א קולטור־פאריין. שווער צו שילדערן די פרייד, מיט וועלכע אונזערע הערצער זיינען געווען פארפולט אין יענעם מאָמענט.

אויסניכטערנדיק זיך פון דער ערשטער פרייד, איז פאר אונז ווידער אנט־שטאנען דאָס פּראָבלעם פון געלד — און דאן האבן מיר באשלאָסן צו שאפן א דראַמאטישן קרייז און שפּילן טעאטער.

דער דראמאטישער קרייז אינטער מיין רעזשי האט אויסגעפירט א רייע פּיעסן, וועלכע זיינען אדורך מיט א גרויסן מאָראלישן און מאטעריעלן דערפאָלג. דער מאטעריעלער דערפאָלג האט אונז געגעבן די מעגלעכקייט צו דינגען ביי מיגאלסקין דעם שיינעם זאל נעבן פּאַלאַץ (דאָס איז געווען דער גרעסטער זאל אין שטאָט) אלס סטאבילן פלאץ פאר דער ביבליאָטעק. מיר האָבן אָנגעהויבן איינצוקויפן ביכער, ווערבירן מיטגלידער און אזוי ארום איז אנטשטאנען די „שלום־עליכם" ביבליאטעק אין שטשעקאטשין, וועלכע איז שפּעטער פארוואנדלט געוואָרן אין איינע פון די גרעסטע ביבליאָטעקן אין ארומיקן קרייז.

אויף דער ערשטער אלגעמיינער פארזאמלונג אין אייגענעם לאָקאל איז אויסגעוויילט געוואָרן פאלגענדע פארוואלטונג: יצחק קופערבערג (פרעזעס), משהל טריימאן (וויצע פרעזעס), יעקל גאלדשער (סעקרעטאר), יוסף שטיבעלמאן (קאסירער), אלתר יחיאל זילבערשטיין (ביבליאטעקאר) און בערל גרייפנער



די לעצטע פארוואלטונג פון דער „שלום עליכם" ביבליאטעק.
עס זיצן לויט דער רייט פון רעכטס אויף לינקס: חייס יצחק קאנאל, משה שמואל וועלנער, ישראל לטנטשנער, פרעזעס יצחק קופערבערג (דער איינציקער וואס לעבט אין ישראל), יעקב שווארצבוים, מושקה ליבערמאן און יעקב מיאדאווע.



דער קק״ל באזאר. אויפן בילד: פרעזעס יצחק קופערבערג און דער סעקרעטאר יהודה ראפאלאוויטש, וועלכער איז דערשאסן געווארן אויף די טרעפ פונעם פאלאץ.

(ווירטשאפטער). פארטרעטער: מענדל שווארצבוים, מאיר רינסקי, משקה שוחט. רעוויזיאנס־קאמיסיע: חיים יוסף שווארצבוים, יצחק ווארשאווסקי און שבתאי מאנעלא.

ביסלעכווייז האט די ביבליאטעק זיך אנטוויקעלט און א רעשיקן טעמפא און געווארן די פאפולערסטע אינסטיטוציע אין שטאט. מיר האבן אדורכגעפירט די פייערונג פון 1000־טן בוך. איינגעארדענט פון צייט צו צייט פארשידענע קולטורעלע אימפרעזן, איינגעלאדענט פרעלעגענטן, וועלכע האבן געהאלטן פאר־לעזונגען און רעפעראטן איבער פארשידענע טעמעס. מיר האבן אויך איינגע־ארדענט א קק״ל באזאר, וועלכער האט אריינגעבראכט א גרויסע הכנסה דעם קרן־קימת און א מאראלישן דערפאלג דעם ציוניסטישן געדאנק.

מיר האבן אדורכגעפירט די פייערונג פונם 10 יאריקן און 15 יאריקן יובי־לעאום. צום 20 יאריקן יובילעאום אינם יאר 1937, האבן מיר ארויסגעגעבן א ספעציעלע אויסגאבע און איינגעארדענט א גרויסע פייערונג. די פייערונג, וועלכע האט ארויסגערופן א גרויסע פאראינטערסירונג אין די יידישע געזעלשאפטלעכע קרייזן פון ארומיקן קאנט, איז פארוואנדעלט געווארן ממש אין א יום־טוב פאר די שטשעקאטשינער יידן. אויבוואל ס'איז שוין פאריבער זייס יענער צייט איבער 20 יאר, שוועבן נאך ביים היינטיקן טאג פאר מיינע אויגן די שמייכלענדע צופרידענע פנימער פון די שטשעקאטשינער יידן און די יוגנט, וועלכע האבן זיך אויפריכטיק משמח געווען מיט א גראנדיעזן קולטור־יום־טוב. א יום־טוב וואס ר'איז טיף איינגעבאקן אין מיין הארץ און כ'וועל אים געדענקן ביזן ענדע פון מיין לעבן.

פונקט ווי כ'וועל אייביק געדענקן און נישט פארגעסן דעם קאלאסאלן דערפאלג פון אונזערע פארשטעלונגען. מיר האבן אויסגעפירט די קלאסישסטע רעפערטוארן פונם יידישן טעאטער. יעדע פארשטעלונג איז געווען דאס געשפרעך פון טאג ביי אלע שטעטלדיקע יידן, וועלכע האבן אונז געשאנקען דעם פולסטן צוטרוי — און זיי האבן זיך טאקע נישט אנטוישט אין אונז.

אין די פארשטעלונגען האבן אנטיילגענומען פאלגענדע פערזאנען: מענדל באגאמאלני, חיים גרייפנער, הערשל שווארצבוים, יאובלי זילבערשטיין, לייביש שווארצבוים, נאסע גליקסמאן, יעקלי גליקסמאן, אהרן וואלף כאנפריד, הלל גרייפנער, ישראל בער צוקערמאן און יודל פרייקארן. פרויען: הינדה פרייקארן, בראנע באגאמאלני, רחלי באגאמאלני, בראנדעל בימקה, מלכה חנה איצקאוויטש, מירל צוקערמאן, ליבה גיטל רידלער, מינדילע בינשטאק, שרה'לי קלאסגער, בלומטשע פשעטאצקי א. אנד.

אזוי האט זיך געפירט די טעטיקייט אריינע יארן. א דערפאלגרייכע טעטי־




העקטאָגראַף פון דער יובילעאום אויסגאַבע פונעם יאָר 1937.

קייט אין וועלכע ס'האָבן אָנטיילגענומען פאַרשטייער פון אַלע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געווירקט אין שטשעקאָטשינער יידישן לעבן. וואָס שייך אָבער, דער ביבליאָטעק סעקציעס, זיינען אָפּגעווישט און פאַרשוווּנדען געוואָרן אַלע פּאָליטישע „פּרינציפּן" און פּאַרטיי „דאָגמעס". אין די ד' אמות פון דער ביבליאָטעק, האָט יעדער פּאַרטיי פאַרשטייער געזען פאַר זיך איין איינציקן ציל: צו דערהויבן דעם קולטורעלן ניווא פון דער שטעטלדיקער יוגענט — און דאָס, האָט זיך פּאָלקאָם איינגעגעבן.

ביי דער געלעגנהייט, איז כדאי אויך צו דערמאָנען ווי ווייט ס'איז געווען דער אָנזען פון דער ביבליאָטעק אין אַלע געביטן, פונם שטאָטישן לעבן, דהיינו:



א גרופע פון דראמאטישן קרייז. זיצן: יואבלי זילבערשטיין, יצחק קופערבערג (רעזשיסער), וואלף גליקסמאן, מאטיע זילבערשטיין. שטייען: נטע גליקסמאן, אימשע מאיר פרייקארן און יחיאל רפאלי ראפאלאוויטש (לעבט אין לאנד).

קהלה וואלן. שטאָט־ראט א.ד.ג. אלצדינג וואס האט נאר געהאט א שייכות מיטן יידישן לעבן אין שטשעקאטשין, האט זיך געפונען אונטער דער השפעה פון דער ביבליאָטעק. אלע וויכטיקע בעראטונגען זיינען פארגעקומען אין זאל פון דער ביבליאָטעק — און דאָרט זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן די דעצידירענדע באשלוסן.

צו די ערשטע שטאָט־ראט וואלן (פריער, איז שטשעקאטשין געווען אן אסאדע גמינע) אין וועלכע ס'האָבן זיך געפונען 4 יידישע ראטמענער, האט די ביבליאָטעק געהאט 2 מאן: הירש מאיר לערנער און אברהם יצחק קראָקאָווער. ביי דער אנדערער קאדענץ האבן מיר אויף דער אלגעמיינער צאָל פון 24 ראט־מענער באזעסן 11 מאן, אויך א יידישן לאווניק. צו דער קאדענץ זיינען געוויילט געוואָרן פאָלגענדע פערזאָנען: לייבעל ווילטשעק, שלמה גרייפנער, בעריש וואנ־דערסמאן, מאיר־דודמאנעלא, שמעיה מאדאלינסקי, יהושע גליקסמאן, הערש סטאס, חיים יוסף שווארצבוים, יצחק קופערבערג, חיים דוד דרעזנער, משה וואלף גאלד־שמיד און מענדל שווארצבוים. אין דער לעצטער קאדענץ פארן אויסברוך פון דער מלחמה זיינען געווען פארטרעטן אין שטאָט־ראט פאלגענדע פערזאנען: ד"ר מייזלער, אברהם לייביש באקעלסקי, יוסף ראדזינעק, דוד מיאדאווע, חיים דוד דרעזנער, מאיר דוד מאנעלא און דער שרייבער פון די שורות, און אלס לאווניק ה' יחיאל ריכט.

אין מאגיסטראט איז אויסגעקומען צו שטרייטן אסך מאָל מיט די קריסט־לעכע ראטמענער, וועלכע האָבן דורכאויס פארלאנגט, אז די מארקן זאָלן איבער־געטראָגן ווערן אויף דער אנדערער זייט בריק — דאָס איז געווען צום שאָדן פון

דער יידישער באפעלקערונג. זייער פארשלאָג האט זיך אבער אַנגעשטויסן אין א דיקער וואנט פון די יידישע ראטמענער, וועלכע האָבן ווירדיק פארטרעטן די אינטערעסן פון דער יידישער באפעלקערונג — און אין א פאראייניקטן פראָנט האָבן זיי דורכגעזעצט דאָס, וואָס ס'איז געווען נויטווענדיק לטובת די אינטערעסן פון דער יידישער באפעלקערונג.

אויך אין די וואלן צו דער קהלה האט דער נאציאנאלער לאגער אפגעהאלטן א נצחון און עס זיינען אויסגעווײלט געוואָרן פאלגענדע פערזאנען: יחיאל ריכס, אביגדור בארענשטיין, יצחק קופערבערג, ראובן רושין, לייביש זאלצמאן, פון די רעליגיעזע קרייזן: אלתר קאנאל, פישל קאהן און חיים לייזער דאנציגער.

אן אינטענסיווע, פרוכטבארע טעטיקייט לטובת דעם יידישן האנטווערקער, האט געפירט די האנטווערקער ארג. אינטער דער פרעזעס־ר פון ה' לייביש זאלצמאן הי״ד.

ווען מען שרייבט די זכרונות פון דער גישט ווייטער פארגאנגענהייט קען נישט ארויס פון זכרון די אונטערוואקסענדע יוגענט, אויף וועלכע מיר, פון עלטערן דור, האבן געלייגט גרויסע האָפענונג. א יוגענט מיט טעמפעראמענט און ליבע צו אלץ און אלעמען, וואָס האט געהאט א שייכות מיטן פארבעסערן דאָס יידישע פאָלקס־לעבן. אין זייער דראנג נאך וויסן און קולטור, וואלטן אסייל פון זיי געווען אויסגעוואַקסן צו אזעלכע מענטשן מיט וועלכע דאָס יידישע שטשעקאטשין וואָלט זיכער געווען שטאָלצירט.

די נאצישע קאניבאלן, האבן אסוף געמאכט צו זייערע האפנונגען און חלו־מות — און יונגערהייט זיינען זייערע לעבנס פארשניטן געוואָרן אויפן מזבח פון דער אלגעמיינער פאָלקס־טראגעדיע, וואָס האט נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון פעלקער פארניכטונג.

צי קען דען ארויס פונם זכרון אזעלכע שיינע דערהאָבענע יוגנטלעכע ווי: חיימעלע גרייפנער (דער זון פון ישעיה גרייפנער), יהודה ראפאלאוויטש, יוסעלע בארענשטיין (דער זון פון אביגדור בארענשטיין), דוד צוקערמאן (דער זון פון יאנקל צוקערמאן), יחזקאל און לייבעל לאודאן (די זין פון יוסל לאודאן), די שוועסטערן: מיזשעלע און חוה בארענשטיין, אסתר שפיגעל, סאלא ראפאלאוויטש, מיזשעלע בארענשטיין, די טאכטער פון משה בארענשטיין, די טאכטער פון ראובן זשארנאוויעצקי א. אנד. ווער אין אומשטאנד צו געדענקן אלע, סיי די יונגלעך סיי די מיידלעך, אלע זיינען געווען אדורכגעדרינגען מיטן ציוניסטישן אידיאל. פאר מיינע אויגן שוועבן נאך די פריידיקע פנימער פון די אלע יונגענטלעכע, בעת זיי האבן אדורכגעפירט אן אימפרעזע, אדער א פארשטעלונג לטובת דעם קק״ל אדער



א גרופע אונטערוואקסענדע מיידלעך, מיטגלידערינס פון דער יוגנט גרופע „הנוער הציוני".
פון אלע לעבט נאר רחלי קופערבערג, (וועלכע איז געווען בפחן מבול אין ישראל).

אנדערן ציוניסטישן צוועק. זייער אידיאליזם איז שווער צו שילדערן מיט פשוטע ווערטער.

זייער אידיאליזם, וואלט זיכער געווען א ברכה אין דער מדינת ישראל. פאר דער מדינה, פאר וועלכע זיי האבן זייער יוגענטלעכן התלהבות אוועקגעגעבן, נישט פאראויסזעענדיק, וואס פאר א טראגישן גורל ס'איז פאר זיי פארגעברייט.

כדאי צו דערמאנען נאך א פרט וואס כאראקטעריזירט די אייגענשאפט פון שטשעקאטשינער יידענטום בכלל און די יוגענט בפרט. פונקט ווי אין אלע שטעט אין פוילן, האבן אויך אין שטשעקאטשין געווירקט אלע פאליטישע גרופירונגען אין יידענטום: ציונים כללים, פוע"צ, „התאחדות", הנוער הציוני, הצה"ר, בית"ר, „מזרחי", „צעירי מזרחי", „גורדוניה", וויצ"א, אגודת ישראל — און אויך לינק־געשטימטע עלעמענטן, אבער קיין שום שטאט אין פוילן, האט זיך נישט געקענט בארימען, אז דאס צווישנפארטייאישע לעבן איז געווען אזוי פארמירט אין א הארמאניש אידיליש צוזאמענלעבן ווי אין שטשעקאטשין. אפילו אין די ערגסטע מאמענטן פון פארהאסטן פארטיי־קאמף, האבן די שטשעקאטשינער פארטיי־אנפירער געקענט געפונען מיטלען און וועגן, ווי אזוי צו צוימען די ברויזענדע געמיטער פון ווילדן אומבאגרענצטן זאאלאגישן האס, וואס האט טיילמאל איבער־געשריטן די געוועגלעכע ראמען פון פשוטן פארטיי־קאמף.

דאס, איז געווען צו פארדאנקן דעם ספעציפישן אייגנארטיקן אהבת ישראל און „ואהבת לרעך כמוך" צוגאנג, וואס איז געווען כאראקטעריסטיש פאר די שטשעקאטשינער יידן.

מיט די אייגענשאפטן, האָבן זיי תמיד געלעבט, געווירקט און געשאפן, געחלומט וועגן א בעסערן מאָרגן, וועגן א בעסערע צוקונפט אין א זעלבסטשטענ־דיקער יידישער מדינה — און מיט די זעלבע איינגעבוירענע אייגענשאפטן, זיינען זיי אזוי טראגיש אומגעקומען.

זונטיק, דעם 3־טן סעפטעמבער 1939 בין איך מיטן אויטאבוס פון אָרטיקן מאגיסטראט אוועק מיט מיין גאנצער פאמיליע פון שטשעקאטשין און מיר זיינען אָנגעקומען קיין בוסק. דאָרטן, האבן מיר זיך צוזאמענגעטראָפן מיט די פאמיליעס: שווארצבוים, זילבערשטיין, איצקאוויטש, שווייצער, שפירא, ד״ר מייזלער און לענטשנער — און פון בוסק, האבן מיר צוזאמען אדורכגעמאכט דעם וואנדער־וועג, ביז מיר זיינען אנגעקומען אינם שטעטל קאָרעץ. דארטן האבן מיר זיך איינגעאָרדענט צייטווייליק ביז דעם מאָמענט ווען די רוסישע ארמיי, האט באזעצט די געוו. פוילישע מערב געביטן (זאפאדנע אוקראינע) דעם 17־טן סעפטעמבער 1939 — און דאן זיינען מיר אוועק קיין לוצק און זיך באזעצט דאָרטן.

אינם יוני 1940, האט מען אונז צוזאמען מיט אסך אנדערע פליטים (געוו. פוילישע בירגער) פארשיקט קיין סיביר ווו מיר האבן געלעבט אין זייער שווערע באדינגונגען ביזן סטאלין־שיקארסקי אָפמאך, דאן זיינען מיר אוועק קיין מיטעל־אזיען, ווו מיר האבן געלעבט ביזן יאָר 1946.

אין מיטל־אזיע זיינען געשטאָרבן מיין שוואָגער: הלל גרייפנער ז״ל, מאיר שפירא ז״ל און לייביש לענטשנער ז״ל.



ברוך קופערבערג, יונגסטער ברודער פון
יצחק קופערבערג, דערהרגעט געווארן אין
פוילישן מיליטער אין 1939.

דעם 26־טן מאי 1946 בין איך צוזאמען מיט מיין גאנצער פאמיליע אָפּגע־ראטעוועטע על פּי נס בשלום אנגעקומען קיין סאָסנאוויץ.

מיט אייניקע טעג שפּעטער בין איך שוין געוועזן אין שטשעקאטשין, ווו כ׳האָב מיט די אייגענע אויגן געזען דעם גרויסן חורבן פון אונזער שטעטל...

שטשעקאטשין, דאָס אמאָליקע יידישע שטעטל, איז געוואָרן יידן־ריין. נישטאָ אפילו קיין זכר, אז דאָרט האבן אמאל געוווינט יידן. אלצדינג, איז געוואָרן אויסגעריסן מיטן וואָרצל. אפילו די מציבות פוןביידע „בית־החיימ׳ס״ זיינען נישט געשאָנעוועט געוואָרן דורך די קאַניבאַלן.

דער איינציקער אנדענק פונם אַמאָליקן יידישן שטשעקאטשין איז נאר דאָס, וואס פון די מצבות מיט די פּ.נ. פּ̇ין אויבן, האט מען אויספלאַסטירט די טראָטוארן אויף וועלכע קיין יידישער פיס וועט זיכער מער נישט טרעטן.

זאל דאָס דאָזיקע יזכור־בוך פארוואנדעלט ווערן אין א ווירדיקע מצבה נאָך דער סטאָט שטשעקאטשין, וואָס איז געווען אמאָל — און וועט מער נישט זיין.




די מצבה פון שטשעקאטשינער יידענטום אינעם „מרתף־השואה״ אין ירושלים.

חנוך טריימאן (רחובות)

# קדיש נאך אונזער
# טראגיש אומגעקומענער קהלה



„הנני העני ממעש, נרעש ונפחד מפחד יושב תהילות ישראל, באתי לעמוד ולחנן לפניך על עמך ישראל אשר שלחוני" — דאָס איז די תפילה, וועלכע עס זאָגט פאר זיך דער שליח צבור אין דער שטיל ימים נוראים פאר מוסף. מיט אזא אחריות און טיף ציטערדיק געפיל און מיט א געוואַלדיקן יראת הכבוד ווער איך אדורכגענומען בעת כ׳וויל אנהויבן שרייבן און רעזומירן דעם טרויעריקן סך־הכל פון מיין טייער געבוירן שטעטל שטשעקאטשין.

זאל דער טרויעריקער חשבון הנפש פון דעם יזכור־בוך פארבלייבן ביי אונז פארבליבענע יתומים נאך דער שטאָט ווי אן אומפארגעסלעכע סימבאָלישע מצבה, וואס וועט פארבלייבן איינגעקריצט אין זכרון פאר די נאכקומענדע דורות, ווי אן אומשטערבלעכער מאָנומענט, פאר אונזערע נישט פארגעסענע טייערע קדושים, פרויען, מענער, קינ־דער, שוועסטער, ברודער, טאטעס און מאמעס, וועלכע זיינען אויף דעם טראגישסטן אופן אומגעקומען, נאר צוליב דעם איינציקן חטא, וואס זיי זיינען געווען יידן.

מיין טייער ליבהארציק יידיש שטעטל שטשעקאטשין האט פארגעשטעלט מיט זיך איין גרויסע אידילישע משפחה און די דאָזיקע יידישע משפחה איז כמעט אין איין טאָג אומגעקומען על קדוש השם ועם.

יעדער פון די אומגעקומענע איז דאָך געווען א וועלט פאר זיך און א וויר־דיקער כות און פאקטאָר אין דעם אלגעמיינעם גרויסן יידישן קבוץ פון פוילן.

וועגן יעדן איינעם באזונדער פון די אומגעקומענע וואָלט מען געקענט פיל רעדן און דערציילן און אין זכרון טויכן אויף געשטאלטן פון טייערע און נאָנסטע,

וועלכע האָבן אין זיך פאַרקערפּערט זייטן־ווינקלען, קרייזן, ריכטונגען אין אונזער שיינעם יידישן לעבן, וועלכעס וועט שוין מער ליידער נישט צוריק אויפגעלעבט ווערן אין דעם פאָרם אזן אין דעם געשטאַלט, וואָס איז במשך לאַנגע דורות אויסגעפאָרמט געוואָרן.

צווישן די הונדערטער חרוב געוואָרענע יידישע קהלות, וועלכע זיינען פאַרשניטן געוואָרן, איז שטשעקאָטשין געפאַלן דער ערשטער קרבן. זונטיק דעם 3־טן סעפּטעמבער 1939, איז שטשעקאָטשין שוין געלעגן א פאַברענטע חורבה, ווערענדיק באָמבאַרדירט דורך די היטלעריסטישע בעסטיעס. זייענדיק אַן עד ראיה, א לעבעדיקער עדות, וועלכער האָט דאָס אלס צוגעזען. לעב איך פונדאַסניי איבער די אלע שרעקלעכע מאָמענטן, וועלכע האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון און וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

ווען פאַר די אייגן שווימען אויף יענע שרעקענס בילדער, ווערן די הערצער אָנגעפילט מיט א שרעקלעכן ציטער.

ווי דורך א קאַליידיסקאָפּ גייען אדורך אין דמיון יענע טראַגישע אומגעקומענע הונדערטער יידישע שטעט און שטעטלעך, מיט וואַנדערענדיקע געיאָגטע שוועסטער און ברודער, יידן, בלאַסע, איבערגעשראָקענע פּנימער, שטאַרבענדע קינדערלעך און דאַן אש! — אש! אש!

אש פון 6 מיליאָן קדושים דאַרינטער 2 מיליאָן כשרע יידישע קינדערלעך, פון די גאַז־קאַמערן, האָט זיך דערטראָגן דאָס געוויין פון די קינדערלעך, וואָס צו דער חופה וועט מען זיי שוין קיינמאָל נישט פירן, אפילו קיין קדיש, וועט קיינמאָל נאָך זיי קיינער נישט זאָגן און אין מיטן פונם גרויסן יידישן חורבן־אייראָפּע, געפינט זיך אויך מיין טייער הארציק שטעטל שטשעקאָטשין.

ליידער איז שוין מער נישטאָ דער גרויסער גייסטיקער פּאָטענציאַלער כוח, דער יידישער רעזערוואַר, דער שטאַלץ פון יידישן שעפערישן מקור, דער עמוד־האש פון וועלכן ס'האָבן געשעפּט און געצויגן יניקה אלע יידישע קבוצים אין גאַנצן כדור הארץ — געבליבן איז נישט מער ליידער ווי א גרויסער אומזעבאַרער ברודער־קבר, פול מיט יידישע חורבות, בלאַנזשענדיקע שאָטנס פון יידישע קהלות, טייכן פון יידישע טרערן, קולות פון יידישע תפילות.

צווישן אָט די חורבות פון אַש און טראַגישן אומקום בלאָנדזשען מיינע אויגן און זוכן מיט ציטערדיקע בליקן מיין שטעטל שטשעקאָטשין, דאָרט ווו מיין וויג איז געשטאַנען און ווו מיין ליבע, האַרציקע צניעותדיקע מוטער האָט אזוי זיס געזונגען אירע מאַמע לידער: „תורה צוה לנו משה" — אז תורה, איז די בעסטע סחורה. —

איך געהער פון די געציילטע אין מיין שטעטל, וועמען דער גורל האָט באגליקט, צו זיין א לעבעדיקער עדות פון דעם געשפענסט שיקזאל פון דער גרעסטער און שרעקלעכער עמק הבכא פעריאָד אין דער יידישער געשיכטע און דערפאר וויל איך ביים שרייבן די יזכור ווערטער נאך אונזערע קדושים דערמאנען מיט כבוד און שטאָלץ אלע אונזערע שטשעקאטשינער לעבן געבליבענע שוועסטער און ברודער, וואָס זיינען צעשפרייט און צעזייט אין אלע וועלט קאָנטינענטן, אז זיי מעגן שטאָלץ זיין מיט דעם אופן ווי אזוי אונזערע שטעטלדיקע יידן האבן אויסגעהאלטן דעם נסיון פון נישט פארלירן דעם צלם אלהים אין די שווערסטע מינוטן פון זייער לעבן.



חנהלי טריימאן,
די מוטער פון מחבר פונעם ארטיקל

אלס לעבן געבליבענער עדות, וועלכער האָט אליין איבערגעלעבט און געפילט אויף דעם גאנצן קערפער די שרעקלעכע דם־ואש תקופה, די תקופה אין וועלכע מענטשלעכע לעבנס זיינען געטובלט געוואָרן אין א ים פון יסורים און פיין — איז שוין מיר אליין שווער צו באגרייפן און תופס צו זיין, אז דאָס האט ווירקלעך פאסירט.

לעבענדיק אין א צייט, ווען דאָס מענטשלעכע לעבן איז געווען הפקר, ווען מיט מענטשלעכע קערפערס זיינען אָפּגעטוען געוואָרן די ערגסטע סאדיסטישע ענוים, וואָס קיין שום פאנטאזיע, האָט עס נישט געקענט פארשטעלן זיך, מוז ליידער צום גרעסטן באדוירן קאָנסטאטירט ווערן, אז א טייל פון אונזערע אחינו בני־ישראל, האבן אין יענעם גורל פולן מאָמענט פארלוירן דעם עלעמענטארן מענטש־לעכן געפיל און מיט זייערע מעשים פארשעמט דעם ייד־מענטש.

מיט שטאלץ און גאוה קענען מיר אבער שטשעקאטשינער ברודער דערקלערן פאר דער גאנצער וועלט, אז קיין שטשעקאטשינער האט נישט פארשעמט דעם צלם אלהים. זאָלן דאָס וויסן, אלע מיינע שטשעקאטשינער שוועסטער און ברודער,

איבעראל ווו זיי געפונען זיך, אז עס איז א ספעציעלער כבוד אנצוגעהערן צו דער שטשעקאטשינער יידישער משפּחה, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן דעם שווערן נסיון פון „זיין אדער נישט זיין" און נישט פארשעמט דעם שיינעם נאָמען פון אונזער גלאררייכער יידישער קהלה.

דער טרויעריקער דאטום פון דער תקופה 1939—1945 וועט אויף אייביק פאר־בלייבן איינגעקריצט אין אונזערע הערצער און אין אונזער זכרון ווי אשרעק געשפענסט. מיר קוקן אויף די אלע, וועלכע זיינען געבליבן לעבן נאָך דעם ווי זיי האבן אדורכגעמאכט דעם גהינם־וועג, ווי זיי וואָלטן אויפגעשטאנען תחית־המתים און יעדער פון אונז על פי נס אפגעראטעוועטע האָט כשר פארדינט צו פארנעמען א חשוב קאפיטל אין דער געשיכטע פון יידישער נסימדיקער אויפלעבונג.

ליידער בין איך אָרעם מיט מיין פשוטער שפראך צו באהאנדלן כראָנאָלאָגיש אלע טרויעריקע עפּיזאָדן און שרעקענס־בילדער ארום דעם אונטערגאנג פון אונזער קהלה, פונקט ווי כ'בין נישט אומשטאנד אפצושאצן אלזייטיק אלע שאטירונגען און ריכטונגען, ווי אויך די פארשידענע ליכטיקע געשטאלטן און פערזענלעכקייטן, וואס דאָס שיינע אידיליש יידיש לעבן האט פון זיך ארויסגעגעבן.

די שטאָט שטשעקאטשין האָט געפונקלט און געשפּראָדעלט מיט טויזנטער פייערן פון תורה, חכמה און הארציקער פאָלקסטימלעכקייט, וועלכעס איז געווען א מוסטער פון גאנצן ארומיקן קאנט.

כראָנאָלאָגישע פרטים וועלן איבערגעבן מיינע בני־העיר, מיינע שטשעקא־טשינער ברידער, וועמען דער גורל האָט אויך געגעבן דעם זכות צו זיין מיט־באטייליקט אין דעם „זכור־בוך", איבערהויפט מיין חבר, פרייגט און קרוב ישראל שווייצער, א דאנק וועמענס אינטעלעקטועלער שעפערישער ענערגיע און איניציא־טיוו, דאָס בוך ווערט געשאַפן און ארויסגעגעבן — איך וויל נאָר איבערגעבן עטלעכע פרטים, וועלכע כאראקטעריזירן דאָס יידישע לעבן פון שטשעקאטשין, וואָס איז געווען איינגעהילט אין אן אייגנארטיקער פאָלקסטימלעכע יידישע פאָעזיע, די דאָזיקע פאָעזיע לאזט זיך נישט פארשרייבן מיט מיין ארעמע פעדער שפּראך און מיט מיין באגרענעצטן טאַלאַנט.

מען וואָלט געברויכט א פרישן י. ל. פרץ, אדער א 2־טן ביאַליק וועלכע זאָלן מיט זייער קינסטלערישן טאַלאַנט אויסדריקן און איבערגעבן ווי עס האָט אויסגעקוקט אונזער שטעטל אן ערב־שבת פארנאכט, אדער דעם ברייטן פארנעם און גלאנץ פון א שבתדיקן טאָג, ביאַליקס שבת־המלכה.

אין וויפיל שכינהדיקע קדושה, איז געווען איינגעהילט אונזער הארציק שטעטל א פרייטיק פארנאכט? פון יעדע שטוב, האָט דורך די פענסטער ארויס־געלויכטן אנגעצינדענע שבת ליכט פון די אויסגעפּיצטע מעשענע און זילבערנע

לייכטער. פון פארשידענע גאסן האט מען געהערט פון די חסידים שטיבלעך און בתי־מדרשים דעם שיינעם זינגענדיקן ניגון און די טענער פון „לכה דודי”.

איז דען א מענטשלעכע פעדער אומשטאנד איבערצוגעבן דעם טעם און די געפילן, וואס יעדער ייד, האט געפילט אין יענע געהויבענע מאמענטן? יעדער ייד, האט אויסגעזען אזוי מאיעסטעטיש, באלאדן מיט די רייכע ירושה פון דורות־דיקע יידישע קדושה און מאראל. דאס איז געווען די וואונדערבארע סינטעזע, מיט וואס אונזער שטאט, האט זיך אויסגעצייכענט: תלמודישע חריפותדיקע חכמה — פאלקסטימלעכע פשטות — שפרודעלדיקער פאלקס־הומאר.

מיט אמאל, איז דאס אלץ לײדער, אזוי ברוטאל פארשניטן געווארן. ווו נעמט מען אין אונזער דור אזא טאלאנט, ער זאל זיין פעאיק איבערצוגעבן און באשרייבן די שטראלענדיקע מיסטישע פייערלעכקייט, וואס האט געהערשט אין יעדער יידישער שטשעקאטשיגער שטוב אן ערב־יום־כפור פארנאכט?

ווי נעם איך פערזענלעך כוח און פעאיקייטן צו שילדערן און איבערגעבן די געפילן, ווי עס האט אויסגעזען ביי אונז אין דער שטוב אזא פארנאכט?

פאר מיינע אויגן שטייט נאך דאס בילד, ווי אזוי מיין פאטער הי״ד האט פרב יום־כפור פארנאכט אנגעטון די זיידענע יופעצע, דעם קיטעל און ווייסע זאקן. וויפיל השתפכות־הנפש תמימותדיקן גלויבן און טיפער יראת הכבוד האט געשטעקט אין דעם דערהאבענעם מאמענט?



ר׳ פנחס טריימאן הי״ד
דער לעצטער שטאט חזן און מוהל
אומגעקומען מיט א ספר תורה אין האנט

ווי פרעכטיק, האט אויסגעקוקט דער מאָמענט בעת ער האט מיט זיין זילבער ווייסער באָרד און ביבליש פאַטריאַרכאַלישן געשטאַלט געבענטשט אונזערע קינדער. איידער ער איז געגאַנגען אלס שליח צבור זאָגן כל־נדרי. ליידער, האָט די איראָניע פון גורל געוואָלט, אז אין יאָר 1942, פונקט ערב יום־כפור פאַרנאַכט ווען די שטשעקאָטשינער יידן האָבן זיך געגרייט מיט תמימותדיקער התלהבות און צעבראָכענע הערצער צו דער כל־נדרי תפילה, זיינען א באַנדע דייטשע רוצחים


אהרן טריימאַן
דער עלטסטער ברודער פון חנוך טריימאַן


מאיר טריימאַן
אנדערער ברודער פון חנוך טריימאַן

געקומען צונויפזאַמלען די יידן אין זייער לעצטן טראַגישן וועג. דאַמאָלט האָט מיין פאָטער הי״ד מיט זיין התלהבותדיקער חסידישער עקשנות גענומען א ספר־תורה אין האַנט און ארומוויקלענדיק זיך אין טלית, האָט ער אָנגעהויבן זאָגן מיט א קול דממה דקה: „אור זרוע לצדיק” — און אזוי זאָגנדיק דעם פסוק, האָט א דייטשע מערדערישע האַנט געצילט מיט א רעוואָלווער צו אים. אָט אזוי, איז מיין פאָטער צוזאַמען מיט א ספר־תורה אין האַנט געפאַלן על קידוש השם ועל קידוש השם אין אן ערב יום־כפור פאַרנאַכט — און דער הימעל האָט זיך נישט געשפאָלטן!

אָט אזוי, איז ליידער אין א יום־כפור פאַרנאַכט אויף א טאָטאַל טראַגישן אופן פאַרניכטעט געוואָרן די לעצטע עדה שטשעקאָטשינער יידן. איבערגעריסן געוואָרן דער לעצטער פאָדעם פונם יידישן שטעטל אין וועלכן ס׳האָט זיך געצויגן א דורות־לאַנגע קייט פון מיסטישער פאָעזיע.

עס איז אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס ליכט, וואָס האָט געריפן צום לעבן פון אן איינגעוואָרצלטן יידישקייט. עס איז מער נישט געבליבן נאָר א בלויזער נאָמען.



משהלי פריימאן

און אַט זיינען מיר געקומען די שרידים פון דער שטאָט און מיר שרייבן א יזכור־בוך. מיר די קינדער פון דער יידישער פאלקס־קאַטאַסטראָפע. די יתומים פון אונזער שטאָט, האָבן די זכיה צו שרייבן דאָס בוך פון דעם אָרט, פון וועלכן די קדושים האָבן געשעפט מוט און האָפנונג אין זייערע לעצטע ראנגעלדיקע מינוטן.

מיר שרייבן דאס בוך אין מדינת ישראל. דאָ, ווו עס שפרודעלט א זאנפטיק, ברויזענדיק אמתדיק יידיש לעבן. פון דעם אָרט, פון וועלכן עס קוואלט ווידער ארויס א המשך, א שטראם פון אומצעשטערבארער אייביקייט פון אונזער פאָלק.

דאָרטן טויזנטער מייל פון דאנען, אין אייראָפע, אין פוילן, זיינען אונזערע נאָענסטע אויסגעמאָרדעט געוואָרן אויף דעם בעסטיאלישסטן אופן. — און דאָ ביי אונז אין מזרח־ווינקל, איז געוואקסן און באשטראלט געוואָרן א נייַ קערענדיק יידיש לעבן.

אזוי איז פון תמיד אָן געווען ביים יידענטום, דורך אלע דורות ציט זיך אונזער פערמאנענטע מארטירער געשיכטע. אונטערגאנג — און אויפגאנג! פאר־בליבן איז אייביקייט „ישראל סבא" — „נצח ישראל לא ישקר!"

אונזער טייער שטעטל שטשעקאטשין, איז אוועק פון אונז אויף אייביק, זי וועט זיך שוין קיינמאל מער נישט אומקערן צום יידישן לעבן, אבער די טייערע קרבנות, די קדושים, וועלכע זיינען אומגעקומען על קדוש העם ועל קדוש השם, וועלן תמיד פארבלייבן איינגעקריצט אין אונזערע הערצער, זיי וועלן קיינמאָל נישט פארגעסן ווערן.

דאָס וועלן זיך דערמאנען די קומענדע דורות; דאָס יזכור־בוך וועט ווערן דער מאָדערנער „אורים ותומים״, וועלכן דער כהן גדול, האָט שטענדיק געטראָגן אויף זיין הארץ, אז עס זאָל פאר אלע לעבן געבליבענע שטשעקאטשינער דער־מאנען. אז אונזער שטאָט, האָט געגעבן א חלק אין דעם מאסן־קרבן פון פיין און אומגליק, וועלכעס דאָס פאָלק ישראל האט געבראכט אויפן מזבח פון קאמף קעגן די כוחות פון פינסטערניש, בכדי מעגלעך צו מאכן אויפן יידישן האריזאנט דעם זון־אויפגאנג פאר א בעסערן פריילעכן מאָרגן.





איינינקלעך פון פנחס פריימאן הי״ד

נאָך דעם באנייטן דינאמישן אנטשטיין פון אונזער אלט־ניי־געבוירענע מדינת ישראל, אין וועלכע מיר די שרידים האבן די זכיה זיך צו געפונען, שטרעקן מיר אויס א האנט צו דעם אויסגעלאָשענעם ליכט פון אונזער געבורטס שטעטל. מיר וועלן קיינמאָל נישט פארגעסן איר טראגישן אונטערגאנג. די יזכור ווערטער, וועלכע זיינען פארשריבן אין בוך, וועלן מיר ווי א הייליקע „קמיעה״ טיף טראָגן און אונזערע הערצער. אלס א שטויס קראפט ממשיך צו זיין אין ווייטערדיקן קיום.

די ווערטער געשריבענע אינם בוך, וועלן לייכטן פאר אונז ווי א מעטעאָר אין א פינסטערע נאכט. זיי וועלן דינען פאר אונז ווי א נר תמיד, אלס אנדענק פון דער לעצטער מוראדיקער יידישער פאָלקס־קאַטאסטראָפע.

ברידער געדענקט! —



איינציקלעך פון פנחס סריימאן



בעלא טריימאן, דאס איינציקע טעכטערל
פון חנוך סריימאן הי״ד

אל דומי לך, אל דומי. זכור את שואת ישראל. זכור את האבדן ואת המרי והיו לך לאות וללקח לשנות דור ודור!

נלוה הזכרון הזה אליך תמיד, בלכתך בדרך בשכבך ובקומך
וארשת לך לעולם זכר אחים את איננו עוד, ובא הזכר בבשרך בדמך ובעצמותיך.
חרוק שניך וזכור, באכלך את לחמך — זכור, בשתותך את מימיך — זכור.
בזרות השמש זכור, ובבוא הלילה זכור וביום חג ומועד זכור תזכור!
ובית כי תבנה והשארת בו פרץ, למען יהיה חורבן בית ישראל תמיד לנגדך.
ושדה כי תחרוש, והקימות בו גל אבנים גלעד לאחים אשר לא באו לקבר ישראל.

ולחופה כי תוביל את בניך והעלית על ראש שמחתך את זכר הבנים אשר לחופת עוד לא יובלו. והיו לאחד! החי והמת, החלל והשריד — הלכו ואינם — ואשר נשארו לפליטה.

שמע איש ישראל לקול הקורא אליך ממעמקים:

אל דמי לך. ארץ אל תכסי דמם!
יתגדל ויתקדש שמיה רבה!

ישראל גורטמאן (קרית ביאליסטאָק)

# שטשעקאטשין מיין שטעטל!



כ׳בין געבוירן אין שטשעקאטשין, דאָרטן האָב איך דורכגעמאכט מיין קינדהייט און פריסטע יוגנט. אָבער דאָס איז געווען מיין „אוניווערזיטעט״. ביזן היינטיקן טאָג, א קימא לן פון בערך 50 יאָר, ליגן איינגעקריצט אין מיין זכרון די דאָמאָלסדיקע יאָרן און זיי באהויכן מיין גייסט פון דעם אמאליקן שטשעקאטשין.

ס׳איז געווען דאָס אמתדיקע ראָמאַנטישע שטעטל, ווי אויסגעחלומט פאר דיכטער. ארום דער שטאָט האבן זיך געצויגן צענדליקער געדיכטע וועלדער. דער טייך פיליצא, כראביע האלפערסס פאלאץ ארום וועלכן ס׳האָט געפלאסן א סטאוו פון וועלכן יידישע קינדער האָבן גענומען טאטרעס צו באצירן די פענסטער אין שבועות און הושענות אויף הושענה רבא — אלץ האט מיט זיך פארגעשטעלט א שטיק ראָמאַנטיזם.

די אלייען ביז צום פאלאץ וואָס האָט געדינט אלס ארט פאר א פיינעם שבת נאכמיטאגדיקן שפאציר פאר קליין און גרויס, יונג און אלט און דער שווארצער וואלד דערנעבן אנגעפילט מיט שווארצע יאגדעס און רויטע בארעווקעס, האָט ממש פארגעשטעלט מיט זיך אן גן־עדן התחתון.

א חשובן פלאץ האט פארנומען אין שטשעקאטשין די אלטע היסטאָרישע שול, וועלכע איז געווען פארבונדן מיט לעגענדעס וועגן גראפן און כראביעס, וועלכע האָבן געהאָלפן איר אויפבויען.

מיינע גאָטזעליקע עלטערן זיינען כיים סוף 19־טן יאָר־הונדערט געקומען קיין שטשעקאטשין. מיין פאטער שמשון און מוטער שרה זעלדע ע״ה (פון דער

היים באגאמאלני) האָבן געשטאַמט פון אומאן, ר׳ נחמן בראצלאווערס שטאָט.

מיין פאטער שמעון (מען פלעגט אים רופן פארקירצט שמשי פון דער מיל) איז געווען א מיל מאנטער און אלס ספעציאליסט איז ער געבראכט געווארן, בכדי צו בויען מילן פאר שטשעקאטשין און אומגעגנט. נאָכן איבערבויען די וואסער מיל פון ר׳ קאָפל קאפלאוויטש ז״ל, איז ער געגאנגען ארבעטן אין די 2 מילן פון כראביע האלפערט, וועלכע זיינען געווען אין ארענדע פון ר׳ ישכרווארטמאן ז״ל און זיין איידעם ר׳ פישל קאהן הי״ד.

מיין פעטער (דער מוטערס ברודער) ר׳ זישע דוד באגאמאלני ז״ל, וועלכער האט זיין שוועסטער זער ליב געהאט, און מיט איר נישט געקענט שיידן, האט זיך אויך מיט זיין בני בית באזעצט אין שטשעקאטשין.

דאָס קומען פון די דאמאָלט אזוי גערופענע „ליטוואקעס", האָט ארויסגערופן גרויס אנזען אין שטאָט, מיט זייערע מנהגים, זיטן און קליידונג.



3 חסידישע בחורים, תלמידים
פון זיסמן דוד באגאמאלני הי״ד

זישע דוד באגאמאלני, א ייד א בר אורין און משכיל, האט פון זיין געבוירן ארט באקו (רוסלאנד) מיטגעבראכט קיין שטשעקאטשין א געוואלדיקע ליבע צום תנ״ך, מאדערנעם עברית און הייסען פאנאטיזם צום ציוניסטישן געדאנק. קומענדיק אין שטאָט, האט ער אויפגעמאכט א חדר מתוקן אין וועלכן ער האט מיט א געוואל־דיקער עקשנות איינגעפלאנצט אין די הערצער און מוחות פון די יונגע קינדער די ליבע צום ציוניזם און צום תנ״ך, פאר די דערזואקסענע מענטשן, האט ער מורא געהאט צו פארטרויען דעם הייליקן סוד פון ציוניסטישן אידיאל.

די 2 אייגענשאפטן: ארבעט און גייסט, האבן די קליינע גרופע רוסישע אימיגראנטן געבראכט מיט זיך קיין שטשעקאטשין. דאָס ערשטע מאָל, האָבן די יידן אין שטאָט געזען א יידישן ביי־מייסטער אין דער מיל בראנזשע, ווייל אין דער גאנצער געגענט איז נישט געווען קיין איינציקער יידישער מילנער. סיי אלס

פאכמאן, סיי אלס שטילער ארבעטסגעדיקער ארענטלעכער מענטש, איז ער געווען אין שטשעקאטשין זייער פּאָפּולער און באליבט ביי אלע קרייזן פון דער באפעל־קערונג.

דער לעבעדער גייסט, דער עמוד האש פון דער פּארגעשריטענער יוגענט איז געווען דער פעטער זישע דוד באגאמאלני. זייענדיק טיף רעליגיעז איז ער אבער נישט געווען פאנאטיש פרום. ער איז דערפאר געווען א פאנאטישער אנהענגער פון ציוניזם.

אין מיין יוגנט בין איך ארויסגעפאָרן פון שטשעקאטשין, און מיינע פריינט וועלן זיכער אינם בוך דערציילן וועגן זיין שעפערישער ציוניסטישער טעטיקייט ווי אויך וועגן דער טעטיקייט פון זיין זון מנחם באגאמאלני הי״ד. וועלכער האט א רייע יאָרן פארנומען דעם פרעזעס אמט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.



די ציוניסטישע ארגאניזאציע ביים אבפאר פונעם פרעזעס מנחם באגאמאלני הי״ד.

דער טייך פיליצא, האָט אין זיין לויף איבערן שטעטל געגעבן טרייב־קראפט די יונגע אינדוסטריע פון יענער צייט. וועלכע האט זיך אין דער גרעסטער טייל קאָנצענטרירט אין די 2 מילן פון כראביע האלפערט און אין דער מיל פון ר׳ קאָפּל קאפלאוויטש ז״ל (וועגן קיין טורבינען, האט מען נאך דאמאָלס נישט געוווסט).

שטיל און מאנטאן האָבן זיך געדרייט די גרויסע הילצערנע רעדער פון די וואסער מילן. דאָס וואסער האט געפליאסקעט מיט רעש איבער דעם ראָד, געבענדיק קראפט די מילן, וואָס האבן באזארגט מעל, שטשעקאטשין, זשארקי, מישקאוו און דערגרייכט ביז וואריערטשע, בענדין, סאסנאוויץ א.א.וו.

פול באלאדענע וועגן איינגעשפאנטע אין פערד אויסגערוטע איבער שבת, פלעגן זיך יידן ארויסלאָזן שבת צונאכטס אין וועג אריין איבער די פראדלער וועלדער, וועלכע האָבן אנגעוואָרפן א שרעק, הן אויף די בעלי עגלות, הן אויף די רייזענדע פאסאזשירן, וועלכע זיינען געזעסן אויף די מעל־זעק. אגב, איז דאָס געווען אין יענער צייט די איינציקע קאָמוניקאציע מיט די גרויסע און קליינע שטעט פון ארומיקן קאנט.

ווי שוין אויבן דערמאנט, זיינען די 2 מילן פון כראביע האלפערטס געווען אין דער ארענדע פון 2 גערער חסידים: ר' יששכר ווארטמאן און פישל קאהן. דאָס איז געווען א ברייט פארצווייגטע משפחה, זין, טעכטער, שנירן, איידעמס, — א גאנצע דינאסטיע ממש. דער צענטר פון גערער חסידיזם אין שטשעקאטשין.

אנגעטון אין סאמעט און זייד, ארומגעבונדען די לאנגע קאפאטעס מיט רויטע און שווארצע גארטלען, שטריימלען אויף די קעפ אין די שבתדיקע און יום־טוב־דיקע טעג, האט מען געזען אלע שיינקייטן פון חסידישן לעבנס־שטייגער. ארום אָט דעם גערער חסידות, האט זיך אויך קאָנצענטרירט דער גאנצער תבואה און מעל מסחר — ווי אויך די פילאנטראָפיע און צדקה אנשטאלטן.

דער טייך ארום די מילן פלעגט שטענדיק ציען מיין אויפמערקזאמקייט און די אויפמערקזאמקייט פון קליינוואַרג. באזינדערס, האט געלאָקט אונזער פאנטאזיע די געהיימניספולע „וועלט" פון דער אנדערער זייט טייך. דאָרטן ווו עס האט זיך ארויסגעצויגן דער פאלאץ מיט אלע זיינע שיינהייטן, בלומען און ליכט, פרעכטיקע קאָלירפולע פייגעל, וועלכע האָבן אונז באצויבערט מיט זייערע שווישטשערייען — ארויסגערופן באוואונדערונג און צוגלייך שרעק נישט וויסנדיק אליין פארוואס.

קיין שום שלעכטס, איז פון דער אנדערער זייט טייך נישט געקומען. ארום דעם פאלאץ האבן זיך געדרייט יידן מיט קאפאָטעס און לאנגע בערד, פון די קעשענעס האָבן ארויס געשטאַרט רויטע פאטשיילעס אין וועלכע די יידן האָבן גענומען מוסטערן פון ווייץ, קאָרן, גערשטן און אנדערע תבואות.

דאָס האלץ פון די וועלדער, די תבואות, די מילך, אלץ איז אוועק אין יידישע הענט, שאפענדיק אזוי ארום פרנסה פאר צענדליקער פאמיליעס. געבענדיק אזוי ארום די מעגלעכקייט, או יידן זאָלן קויפן אויף שבת פעטע קאַרפן פון האלפערטס סטאַוון.

פרעכטיקע ווייצן פלעגן ווערן אויסגעשיט פון די רויטע פאטשיילעס אויף דעמבענע טישן ביי די וואַרטמאנס און קאנס. פון וועלכע עס איז גלייכצייטיק אויסגעקליבן געוואָרן דערפון אויף מצה־מעל, אדער אויסגעמאָלן געוואָרן אויף ווייס חלה־מעל, פון וועלכן די צניעותדיקע ווייבער און מאמעס האָבן פארקנעטן

אויף חלות לכבוד שבת. אדער מאָן־קיכלעך, אייער־קיכלעך צו די שבתדיקע פעסע יוכן פון הינער, וועלכע פלעגן בשפע געקויפט ווערן ביי די פויערים פון די ארומיקע דערפער.

שבועות און שמחת־תורה זיינען געווען די פריילעכסטע יום־טובים ביי די גערער חסידים. פון דאוונען פלעגן זיי זיך אלאז טוען אנגעטוענע אין אטלאס און זיידענע קאפאָטעס אין די שטובן פון אנשי שלומנו און ארויסציען פון די פול אנגעשטאָפטע קרעדענסן די גוטע אלטע וויינען טאָרטן, זיסוואַרג, עפּעל, פאַרבייסן מיט קוגל און טשאָלענט, געבראָטענע גענז א.ד.ג. — פיין אויסגעטרונקן און אוועק־געלאָזט זיך אין א פריילעכן חסידישן טאנץ — ניקט נאר אויף דער פּאָדלאָגע, נאר אויך אויף די טישן.

טאנץ, געזאנג און פרייד האט אויסגעפילט דאָס שטעטל אין די יום־טובדיקע טעג. שטיל, רואיק, האט זיך געלעבט דאָס שטעטל אין די וואָכעדיקע טעג. געשפּאנט



א ציוניסטישע גרופּע, געווי תלמידים
פון ר׳ זיסמן דוד באגאמאלני ז״ל

פערד און וואָגן, געהאנדעלט, געלאָזט זיך צופיס איבער די דערפער, איבער די פּריצישע הייף מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס — איינצוקויפן דאָס, פון וואס יידן האָבן געקענט מאכן פרנסה און אויך פעדערן און פּוך אויף באציאונג און איינשיטן פאר א קינד׳ס אַן אויסשטייער.

אונזערע „אוניווערזיטעטן" זיינען געווען די דרדקי מלמדים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו קנעלן דעם „אלף בית" ביז מען איז דערגאנגען צו א פרשה חומש מיט רש״י, דאן האט זיך ערשט פאר אונז אנטפּלעקט .א נייע וועלט, א וועלט פון פרעכטיקע שיינקייט:

אברהם אבינו און די מוטער שרה, די מעשה פון יעקב און עשו, די בכורה, וואס יעקב האט אפּגעקויפט ביי עשון פאר א טאָפּ לינזן. מיר האָבן ממש געזען ווי א קאָכעדיקע פארע שלאָגט פון טאָפּ. אין וועלכן די לינזן האָבן זיך געקאכט —

די פארע האָט זיך צונויפגעמישט מיט די ארבעס און באבעס, וואס מיר פלעגן קויפן ביי די יידענעס אויפן מארק. וועלכע זיי האָבן געהאלטן אין א ליימענעם טאָפ ארומגענומען מיט א שמאטע, אז זיי זאָלן נישט קאלט ווערן.

סיף אין זכרון שווימען אויף דעריננערונגען ווען מיר האָבן געלערנט די פרשה חומש: דאָס ארייננווארפן יוסף׳ן דורך זיינע ברודער אין גרוב אריין, האָט אונזערע יונגע הערצלעך אנגעפילט מיט טרויער, ס׳האט זיך אונז אויסגעוויזן, אז אקאָרשט איצט איז די מעשה געשען.

טרויעריק זיינען מיר געוואָרן בעת מיר זיינען געקומען צו דער געשיכטע, ווי יעקב אבינו באקלאגט זיך פאר יוסף׳ן, אז ער האט זיין מוטער רחל נישט געקענט קובר זיין אין דער מערת המכפלה, נאר אויפן וועג קיין בית לחם. פריילעכער זיינען מיר אבער געוואָרן אז דער רבי האָט אונז דערציילט בעת די יידן זיינען פארטריבן געווארן אין גלות אריין דורך נבוזראדן, זיינען זיי אדורכגעגאנגען דורך איר קבר — האָט זיי די מוטער רחל געטרייסט: רחל מבכה על בניה.

ווען כ׳בין אויסערגעוואָקסין און אָנגעהויבן לערנען גמרא בין איך איבער־געגאנגען צום מלמד ר׳ ישראל איטשע ז״ל. „שנים אוחזין בטלית” האָט מיך גאר שוין ארייגעפירט אין אן אנדערע וועלט, אין א ווייטע וועלט פון יידישער געשיכטע פון יידישע געזעצן און חוקים.

ווען כ׳האב אנגעהויבן לערנען גמרא מיט תוספות, האט מען באשלאָסן מיך אורעקצושיקן לערנען אין דער זאוויערטשער ישיבה. אויף א וואָגן, אנגעפאקט מיט זעקלעך מעל, האב איך זיך א גאנצע נאכט געשלעפט איבער די פוילישע וועגן.



שטשעקאטשינער בחורים אין א פריילעכער שטימונג.

דורך די פּראַדלער וועלדער. וועלכע האָבן אָנגעפּילט מיין יונג האַרץ מיט שרעק בכדי אנצוקומען אין דער זאַוויערטשער ישיבה.

פּאַרסאַג׳ס זיינען מיר אנגעקומען קיין זאַוויערטשע. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן דערזען עלעקטרישע באַלייכטונג. א באַן איז דורכגעלאָפן און ביים קינא „לונא״ דערזען בילדער פון אויסטערלישע געשטאַלטן. דאָ הויבט זיך אַניי־קאַפּיטל אין מיין לעבן — קאַפּיטל: זאַוויערטשער ישיבה.

כ׳דערמאָן מיט ליבשאַפט מיינע קינדער יאָרן אין סטשעקאָטשין. מיט יאָרן שפּעטער, שוין נאָך דער חתונה אפילו פלעג איך פון צייט צו צייט קומען קיין סטשעקאָטשין צו מיין פעטער זישע דוד באַגאַמאַלני און צו מיין גאַסטפריינטלעך שוואָגער יעקב איצקאָוויטש ז״ל. עס איז קלענער געוואָרן דער איינפלוס פון די גערער חסידים אין שטעטל, אָבער א פריילעכער יום־טוב ביי א גוט גלעזל מעד. א פריילעך געזאַנג, האָט זיך דערהערט ביז צום מאָמענט, ווען די צוררי היהודים האָבן אומגעבראַכט די שטעטלדיקע יידן.

סטשעקאָטשין האָט אדורכגעמאַכט די זעלבע אנטוויקלונג וואָס אַלע שטעט־לעך אין קיעלצער קאַנט: פּאַרטייען, ביבליאָטעקן און טעטיקייטן אויף פּאַר־שידענע געביטן אין יידישן לעבן. אזוי צ.ב.ש. האָב איך אין יאָר 1918 געטראָפן אין קיעלץ אויף דער ערשטער ראַיאָן קאָנפערענץ פון „פּועלי ציון״ א דעלעגאַט פון סטשעקאָטשין, דעם פריינט: יצחק קופּערבערג, כ׳פלעג עפטערס טרעפן סטשעקאָטשינער דעלעגאַטן אויף קרן־היסוד, אדער קק״ל קאָנפערענצן. די ציוניס־טישע באַוועגונג אין סטשעקאָטשין, ווערמענס גייסטיקער פאָטער עס איז געווען מיין פעטער זישע דוד באַגאַמאַלני, האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען, אזוי דאָס דער דאַמאָלסדיקער פירער פון קאָנגרעס פוילישן יידנטום יצחק גרינבוים יבדל לחיים, פלעגט זיך אַמאָל אראָפּכאַפּן אויף א רעפעראַט.

די טייערע קדושים אין סטשעקאָטשין, האָבן אדורכגעמאַכט דעם זעלבן טראַגישן וועג פון די דריי מיליאָן יידן אין פוילן.

זאָל זיין געהייליקט זייער אָנדענק!

**א. קלארמן** (תל־אביב, מזכיר הכללי של קק״ל)

# זכרונותי על אחת העיירות בפולין



זה היה בקיץ בשנת 1930. אני ביליתי אז את חופשתי השנתית באחד המקומות הנחמדים בפולין: קאזימירז על נהר וויסלה. בסוף חופשתי קבלתי מכתב מהלשכה הארצית של הקרן הקימת לישראל בוורשה, שאני הייתי אחד מעובדיה הראשיים ובו בקשה לבקר לפני שובי לעובדתי במשרד, בשלוש ערים בעניני הקרן הקימת לישראל לשם תעמולה וארגון העבודה במקומות.

העיירות שעלי היה לבקר היו: קיעלץ, יענדזעיוב ושצקוצין. השם של עיר שצקוצין ידעתי בזמן ההוא. בעיר מולדתי בוסק (עיר־מרפא) התחתנה אחת מבנות העיר, בתה של משפחת פרייס, עם בחור משצקוצין, חיים צבי יודקביץ הי״ד, בחור אינטיליגנטי, יודע ספר, בקי בספרות העברית, וגם בספרות העולמית, ובזמן שבקרתי בשצקוצין, היה מכהן מר יודקביץ הי״ד כמנהל בית־ספר דתי דשם.

כקביעת זמן בקורי בערים הנ״ל, בקשה ממני הלשכה הארצית של הקרן הקימת לישראל, להודיע לועדות המקומיות על מועד בואי לשם.

בזמן התופשה שכחתי לגמרי שצום תשעה באב חל בימים שהקדשתי לביקור הנ״ל, וכנראה שהמכתב בו הודעתי על בקורי בשצקוצין לא הגיע לכתובתו הנכונה. ואני עברתי אז נסיעה קשה מקזימירזש דרך פולב, — לדמבלין, קיעלץ ומסנדישוב ברכבת צרה (קאלייקא) — לשצוקוצין.

בבואי לשצקוצין לפנות ערב לא חיכה לי שום איש. הלכתי העירה וראיתי פתאום שכל אנשי העיר (גברים ונשים) הולכים בלי נעלים. שאלתי את אחד האנשים פירושו של הדבר? והוא הביט עלי מבט מלא רוגזה ובמקום תשובה שאל אותי: וכי אינך יודע שתשעה־באב היום?

עזבתי את האדם בבשת פנים, ושאלתי בן־אדם אחר כתובתו של מר יודקביץ. אמרו לי שהוא בודאי כעת בבית־המדרש (לא בית־הכנסת) — הלא זמן של „איכה וקינות" עכשיו, ואיך זה ימצא איש בשעה זו בביתו? ככל זאת נגשתי לביתו (הוא היה גר עם אמו אשה, אדוקה מאד) ומצאתי הדלת סגורה. חכיתי לשובו, אבל גם הוא היה צריך לחכות לשובה של אמו מבית־המדרש.

הוא שמח מאוד לבואי, אבל הודיע לי מיד, שאי אפשר יהיה לטעום בבית שום דבר, אפילו לשתות כוס מים, היות והאם לא תכין שאפשר גם לא לצום בתשעה באב, ולמרות הכל להיות יהודי טוב.

מצבי היה רע, היה יום חם מאוד והייתי צמא למים, בכל הדרך מקזימירזש עד שצקוצין, כמעט שלא אכלתי שום דבר (אשתו של מר יודקוביץ שהתה באותו זמן כבוסק אצל הוריה). הייתי מאוכזב, אבל לא היתה לי ברירה.

שאלתי על החברים שעמדו בראש ההסתדרות הציונית והקרן הקימת, שוחחנו עוד על כמה דברים והלכנו לביתו של רופא־העיר ד"ר מייזלר הי"ד, אותו הכרתי מזמן שבילינו יחד את חופשתנו במקום מרפא בגליציה. החברים שמעו על בואי, והצטדקו שלא קבלו כל ידיעה על בקורי. בילינו יחד את הערב והחלטנו שההרצאה שהיתה צריכה להתקיים בערב זה, תדחה למחרת בערב.

מלון לא היה בעיר ונאלצתי להתאכסן בביתו של מר יודקיביץ. להתרחץ ולהתגלח בביתו לא יכולתי. בבוקר, חכיתי עד שאמא שלו הלכה לאיזה מקום ונצלתי את הרגעים הקצרים (ברור שעל אוכל בבית לא חלמנו אפילו).



א גרופע אינטעלעגטגטע מיידלעך אין שטשעקאטשין

קבענו עם החברים פגישה ביער. אבל אני לא יכולתי להתרכז לשום דבר. הייתי רעב ונכנסתי לגן־פירות (סאד). רציתי לקנות ק״ג דובדבנים. ושוב התאכזבתי. בעל הגן הביט עלי בתמיה והזכיר לי שתשעה באב היום. עניתי לו, שאני מכין הפירות לערב אחרי הצום. הוא מכר לי את הפירות. ואז נכנסתי ליער ואכלתי אותם מבלי שיראה מישהו.

ביער מר יודקיביץ הפגיש אותי עם בחורה אחת, בתו של היהודי העשיר בעיר שרצה להשיא אותה לאיש מעיר גדולה. אני זוכר כעת, שהיא היתה צעירה ויפה, בת 17 בערך. לא ידעה הרבה על החיים המודרניים, לא למדה יותר מדי ובכל זאת היא היתה שבעת רצון מהרמת החיים שלה.

הרבה לא שוחחנו בינינו, באו החברים ועברנו לדבר על הענינים שלנו זאת אומרת מסרת בקורי בעיר. לארוחת ערב הייתי מוזמן להוריה של הנערה הזאת. הם דברו אתי ברצינות על בתם, ועל עתידה בעיר זו. הם רצו לשתף אותי בעסקיהם הגדולים בעיר זו, וספרו לי, דרך־אגב, על המעלות הטובות של בתם. לבסוף קבלתי תמונה מהבחורה לזכר בקורי אצלם.

לא שמתי לב להדברים האלה, מפני שאני חשבתי על עתיד אחר. שוחחנו עוד קצת עד שבאו החברים ולקחו אותי להרצאתי. גם ההורים של הבחורה הלכו אתנו ביחד. ההרצאה התקיימה באותו ערב באולם של ההסתדרות הציונית. נאומי היה מוצלח ונמשך עד שעה מאוחרת.

אחרי טיול קצר נפרדנו ולמחרת בבוקר השכם עזבתי את העיר מלא רשמות ברכבת הצרה לסנדיזשוב ומשום לינדזשוב.

זכר העיירה הזאת נשאר חרוט בלבי, בין העשרות ומאות הערים שבקרתי בפולין בעניני התנועה הציונית והקרן הקימת לישראל.



א גרופע פון די העברעאישע פולע א. נ. ח. נ. ביאליק. פון זיי לעבן די ברודער: משה און אברהם קופערבערג.

אייזיק שוואַרצבוים (ניו־יורק־לאנדאן)

# דערינערונגען פון אמאל



איך וועל אנהייבן די דערינערונגען אלס חדר יונגל. מיין ערשטער מלמד איז געווען יאולי, א בייזער שטרענגער ייד. אבער צו מיר איז ער געווען גינסטיק געשטימט.

געהאט האב איך א גוטן קאָפּ און דערצו האָב איך געשמט אלס בעסטער קענער אין עברי. אזוי אז טיילמאל פלעגט מיך מיין רבי ארויסשטעלן אלס מוסטער לגבי אנדערע קינדער.

ווען איך האָב אנגעהויבן לערנען חומש מיט רש״י, האָט זיך אין מיר דערוועקט דער חשק צו וואנדערן. די חומש העלדן, האבן געהייצט מיין פאנטאזיע און כ׳האָב מיטגעפילט זייער ראלע.

א באזונדערן איינדרוק האט אויף מיר געמאכט די פרשה „ויחי״, וועלכע דער רבי האט מיט אונז געלערנט ספעציעל אין א מיסטישן טאָן. שילדערענדיק געננוי יעדן טיפ באזונדער, באטיצענדיק יעדן העלד מיט פארשידענע מעשהלעך, האט דאָס געגעבן די שטויס־קראפט צו ווערן באקענען און אנדערע וועלט. ווערענדיק אין א געוויסער מאָס ענלעך צום „בראדיאגע״ פון מאקסים גאָרקי. כ׳האָב אנגהויבן צו פילן א באדערפעניש, צו זען די ווונדער פון דער גרויסער וועלט, צו באקענען נייע מענטשן און הנאה האבן פון דער נאטור און איר לאנדשאפט.

מיט דער צייט, איז דער דראנג געוואָרן אלץ שטארקער. כ׳האָב פארנאכלע־סיקט דאָס לערנען און מיין מוח האט אנגעהויבן טראכטן, ווי אזוי די שטרעבונג צו פארווירקלעכן.

דאָס מזל, האט מיטאמאל מיר צוגעשפילט. אין א געווייסן טאג, האָב איך זיך דערוויסט, אז דער טויבער בעל־עגלה ישראל סטודניבערג פארט קיין סטאשעוו ברענגען א טראנספאָרט צוקער פארן קרעמער יעקב לערער.

אלט זייענדיק דאמאלט 12 יאָר, האב איך לאנג נישט געטראכט און ארויס־

געכאפּט זיך צו אים אויפן וואָגן מיטן געדאַנק: אז ביז סטאַשעוו וועל איך האָבן גלייכצייטיק די געלעגנהייט צו זען א רייע שטעט און שטעטלעך, וועלכע ליגן אויף דעם גאַנצן וועג.

דער בעל־עגלה האָט מיט מיר אויסגענומען, איך זאָל האַלטן די לייצעס און אָנטרייבן די פערד בעת ער וועט שלאָפן. די פונקציע, האָט מיר אָבער פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן. די נסיעה, האָט געדויערט א גאַנצע וואָך און אויף שבת זיינען מיר צוריק א היימגעקומען פול מיט די וואונדערבאַרסטע רייזע איינדרוקן. פאַר די דורך מיר געגעבענע הילף, האָט מיך דער בעל־עגלה אויסגעהאַלטן מיט עסן און טרינקן און בכלל באַצויגן זיך צו מיר מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. און צום סוף נאָך צוגעגעבן מיר א האַלבן רובל. צו מיין שמחה, איז קיין גרענעץ נישט געווען, דען דאָס איז דאָך געווען מיין ערשטער פאַרדינסט.

די ערשטע רייזע, האָט מיך אין גאַנצן ווי באַצויבערט און כ׳האָב נאָר געטראַכט ווי אַזוי אַרויסצוקריגן זיך אין דער ברייטער וועלט אַריין. דאָס לערנען אין חדר, איז מיר מער נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. מיין גאַנץ וועזן, איז נאָר געווען פאַרנומען מיט פאַנטאַזירן וועגן רייזעס.

און ווידער, האָט מיט דאָס מזל צוגעשפּילט און דאָס אויף פאָלגענדן אופן: משה וואָלף איצקאָוויטש (אַלטר בעקערס זון), האָט מיר פאַרגעלייגט מיטצופאָרן מיט אים קיין קיעלץ. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז זיין פאַרשלאַג, האָב איך אָנגענומען מיט דער גרעסטער פרייד. קיעלץ, די ערשטע גרויסע שטאָט, וואָס כ׳האָב געזען אין מיין לעבן, האָט דאַמאָלס געמאַכט אויף מיר א גרויסן רושם. די שיינע הייזער, די ברייטע גאַסן און גרויסע געשעפטן געפּאַקט מיט סחורות, די מענטשן־מאַסע, די שפּאַצירענדע צוזאַמען יונגלעך מיט מיידלעך אויף די רוישענדע פּלעצער, — דאָס אַלץ, האָט אויף מיר, דעם דאַמאַלסדיקן 12־יאָריקן יונגל געמאַכט א קאָלאָסאַלן איינדרוק, צוריבענדיק ביי מיר גלייכצייטיק די גייסטיקע רו.

אהיימפאָרענדיק זיינען מיר צוזאַמען מיט משה הערש קאַמאַשן מאַכער, וועלכער האָט זיך מיט מיר פאַראינטערעסירט און דערוויסנדיק זיך, אַז כ׳האָב נישט קיין חשק צו לערנען, האָט ער מיר פאַרגעשלאָגן, כ׳זאָל זיך לערנען ביי אים דאָס פאַך.

איך האָב מסכים געווען צום געדאַנק, גלויבנדיק אַזוי אַרום צו פאַרווירק־לעכן מיינע פּלענער פון ווערן זעלבסטשטענדיק. אהיימקומענדיק צו מיין טאַטן אין שטוב האָב איך באַקומען דעם אַמתדיקן „ברוך־הבא״ און ווען כ׳האָב אים געזאָגט וועגן משה הערש׳ס פאַרשלאַג, האָט ער נישט געוואָלט הערן דערפון, זאָגנדיק: אַז עס וועט פאַר אים זיין די גרעסטע חרפה, אויב איך וועל ווערן



מעכעלע שווארצבוים (דער פאָטער פון מחבר) מיט זיין פרוי און טעכטער.
דער ו׳סער יידישער קרבן פון די היטלעריסטישע רוצחים אין שטשעקאָטשין.

א בעל־מלאכה, ווייל אינזער גאנצער פאמיליע רעקרוטירט זיך פון גאלע סוחרים.

די דיסקוסיע מיט מיין פאָטער הי״ד וועגן דעם ענין, האט אנגעהאלטן אייניקע וואָכן, סוף סוף האט זיך אריינגעמישט די מאמע עליה השלום. ס׳האָבן אויך אינטער־ווענירט אייניקע גוטע פריינט און ענדלעך איז דער טאטע געוואָרן נאָכגיביקער און אין א מזלדיקער שעה, האב איך זיך אָנגעהויבן לערנען דאָס פאַך.

כ׳גדענק נישט, אויב כ׳האָב נאך געהאט א גליקלעכערן טאג אין מיין לעבן ווי אט יענעם מאָמענט, בעת כ׳ האָב גענומען די ערשטע „לעקציע״ אינם פאך פון קאמאשן שטעפעריי. ווייל געוווסט האב איך שוין דאמאלט, אז דאָס איז דער וועג, וועלכער פירט מיך צו מיין זעלבסטשטענדיקייט.

אלע משפחה מיטגלידער מיינע (די שווארצבוימס), האבן צוליב דעם פאקט, וואס איך האב פורץ גדר געווען אין דער פאמיליען־טראדיציע און אנסטאט א סוחר בין איך גאר געוואָרן אן ארבעטער, איפגעהערט צו סימפאטיזירן מיט מיר, פאראויסזאָגענדיק מיר א שלעכטע צוקונפט, שוין צוליב דעם פאקט אליין, וואס איך בין נישט געווען רעליגיעז, האבן זיי געגלויבט, אז כ׳וועל זיך נאך שמדן און חתונה האבן מיט א גויה.

ווי עס האט זיך אבער ארויסגעוויזן, זיינען זיי געווען פאלשע נביאים, ווייל טיף אין הארץ, האב איך געדענקט אויסשליסלעך יידיש. כ׳בין געווען און פארבליבן

ביזן היינטיקן טאג נאציאנאל געשטימט, צו דער געהעריקער צייט, האב איך חתונה געהאט מיט א כשרע יידישע טאכטער און אויפגעשטעלט, א טראדיציאנעלע יידישע משפחה אין איינקלאנג מיט מיינע פאלקסטימלעכע און מסורותדיקע געפילן און איבערצייגונגען.

דערווייל זיינען פאריבער עטלעכע יאר און אין צווישנצייט האב איך זיך אויסגעלערנט גרונטלעך דאס פאך. א געוויסע צייט, האב איך געארבעט אין קיעלץ און שפעטער אוועקגעפארן קיין ווארשע, ווו כ׳האב גוט פארדינט און פיין זיך איינגעארדנט.

אויף די יום־טובים בין איך אן אויסגעפוצטער מיט א שמייכלענדן פנים א היימגעקומען אין שטעטל אריין. און דא, האט מיך געטראפן אן אנגענעמע איבעראשונג. די זעלבע, וועלכע האבן פריער געקוקט קרום אויף מיר צוליבן „פארשווארצן" זייער פנים מיט דעם, וואס כ׳בין געווארן אן ארבעטער, — די זעלבע האבן דערזעענדיק מיך איצט, שטארק מקנא געווען מיינע עלטערן און געוואונטשן זיך, אז אויך זייערע זין, זאלן ווערן אזעלכע וואוילע פארשוינען, ווי איך בין געווארן — און אזא גלענצענדער פארדינער.

די גאנצע פאמיליע, האט זיך מיט מיר געפרייט און איבעראל האט מען מיך אויפגענומען ווי אן אנגעזעענעם גאסט.

נאכן פארברענגען פריילעך די יום־טוב טעג אין שטעטל, האב איך זיך צוריק אוועקגעלאזט קיין ווארשע און מיט פרישע כוחות און באנייטער ענערגיע פונ־דאסניי אנגעהויבן ארבעטן, אויסניצנדיק גלייכצייטיק יעדע פרייע מינוט, אויף צו דערווערבן זיך וויסן און בילדונג.

כ׳האב אנגעהויבן אסך צו לייענען, באזוכן לעקציעס און רעפעראטן, גענומען אנטייל אין געשפרעכן און דיסקוסיעס איבער פארשידענע טעמאס און פראבלעמען, וועגן סאציאליזם, ארבעטער באוועגונג א.ד.ג. דאס האט מיר אגב פארשאפט גרויס פארגניגען און געגעבן א גייסטיקע באפרידיקונג.

אזוי ארום בין איך ביסלעכוויז אריינגעצויגן געווארן אין דער ארבעטער באוועגונג און גענומען אן אקטיוון אנטייל אין דער סאציאליסטישער טעריטאריא־ליסטישער פארטיי (ס.ס.ר.) אין וועלכע איך בין אין א צייט שפעטער אויסגעוויילט געווארן אלס פארטיי דעלעגאט צום פראפעסיאנעלן פאריין פון קאמאשן־שטעפערס. אין דער ארבעט, האב איך זיך אויסגעצייכנט מיט א דערפאלג, באזונדערס ביי די פארהאנדלונגען צו פארבעסערן די לאגע פונם ארבעטער, ביים אויסגלייכן סכסוכים צווישן ארבעטס־געבער און ארבעטס נעמער — און אויך ביים ארגאניזירן און אנפירן שטרייקן, א.ד.ג.

פון מיין ווארשעווער סעטיקייט'ס פעריאָד, איז מיר פארבליבן איינגעקריצט אין זכרון אן עפיזאָד, וועלכן כ'קען נישט פארגעסן ביזן היינטיקן טאָג:

געוווינט האָב איך אין ווארשע צוזאמען מיט אברהמלע גרייפנער ז"ל (שמעון הערש דוד'ס זון)׳ וועלכער איז געווען א מזג טוב, דערצו האט ער געהאט נאך א מעלה, וואס ער איז געווען אן אומפארטייאישער און ממילא, האט ער נישט איינמאָל מיך ארויסגעראטעוועט פון א פריקרער סיטואציע אין וועלכער כ'פלעג זיך טיילמאָל געפונען, צוליב מיין אומלעגאַלער סעטיקייט.



צינה שווארצבוים, די טאכטער פון מאיר שווארצבוים.



יוכבד סאבמשעווסקי, שמעון הערש דוד'ס אן אייניקל. אניסבאהאלטן זיך א געוויסע צייט אין טשענסטעכאוו אויף ארישע פא־פירן. א פויער האט זי ארויסגעגעבן און אינעם דאָרף סלופיא, איז זי דערשאָסן געוואָרן.

נישט איינמאָל פלעגט די פאָליציי אדורכפירן רעוויזיעס אין אונזער בשותּ־פותדיקן צימער. אבער שטענדיק האט ער מיט זיין מכלומרשטער נאאיוויטעט און חכמה געגעבן צו פארשטיין די זוכער'ס, אז איך האָב פארלאזט דאָס צימער און ער ווייסט נישט מיין אדרעס. אסך מאָל, האט ער טאקע געהאט שטארקע אונאנגענעמ־לעכקייטן פון די אפטע פאָליציי באזוכן, און צוליב מיר, האט מען אויך אים געשלעפט אין פאָליציי אויף אויספארשונגען. בכדי אבער צו פארמיידן פארשידענע אומאנגענעמלעכקייטן און סתם אנשיקענישן, האט ער באשלאָסן אָנצוטון א טלית קטן מיט גרויסע ציצית, און אזוי ארום אָנצוגיין אלס פרומער ייד. נישט אלעמאָל,

איז אבער דער טריק געלונגען. איינמאָל בעת א רעוויזיע, האט ער באקומען גוט געשלאָגן פון דער פּאָליציי, וועלכע האט פארלאנגט פון אים, ער זאל אויסזאָגן ווו איך געפין זיך? ער האט זיך אבער געהאלטן שטאנדהאפטיק און די פּאָליציי איינזעענדיק, אז זי קען גארנישט אויפטוען, איז זיי דאָס שפּיל נמאס געוואָרן און אויפגעהערט אונז צו באוועגן. זייט דאמאלט טליעט א ווארם געפיל צו אברהמלע גרייפּנער און ווי לאנג כ'וועל לעבן, וועל איך שטענדיק געדענקען אים צום גוטן.

טראָץ די געוואלטיקע פּארזיכט'ס מיטלען, וועלכע כ'האָב אנגענומען, האט אבער איינמאָל פּאסירט א „פּאנטשער" מיט זייער ערנסטע רעזולטאטן:

זייענדיק אויף א וויכטיקע פּארזאמלונג אויף וועלכע מען האט ארומגערעדט די פּראגע, וועגן פּראָקלאמירן אן אלגעמיינעם שטרייק, האבן זיך פּלוצים ארייני־געריסן א גרופּע געהיים אגענטן און אָנגעהויבן מכבד צו זיין אונז מיט קלעפּ און צום סוף אוועקגעפירט אין ווארשאווער ראט־הויז אין וועלכן ס'האט זיך געפונען דער שטאב פון דער פּאליטישער פּאָליציי.

נאָך אן אויספארשונג, וועלכע האט געדויערט א גאנצע נאכט, האט מען פּארטאגס אונז פונאנדערגעטיילט אין פארשידענע גרופּן און אוועקגעפירט אין ארעסט אריין, איינזעצענדיק אונז אין פארשידענע צעלס.

מיך מיט נאָך עטלעכע חברים, האט מען ארייננגעזעצט אין דער צעלע נמ. 11, וועלכע האט זיך געפונען אויפן 3־טן שטאָק, און אין וועלכע ס'האָבן זיך שוין געפונען פון פריער בערך 100 פּאָליטישע ארעסטירטע.

די צעלע איז נישט געווען גענוגענד גרויס. זי האט פּארמאגט 2 קליינע פענסטערלעך אין דער הויך. צוליב דעם, וואס קיין זון האט נישט ארייננגעשיינט זיינען די ווענט פון דער צעלע געווען נאס פון די טראָפּענס וואסער, וואָס האָבן כסדר אומאויפהערלעך געטריפט פון זיי.

צוליב דעם וואס אלע פּריטשעס זיינען געווען פארנומען דורך די פריערדיקע ארעסטאנטן, האבן מיר בלית ברירה געמוזט מאכן אונזערע געלעגערס אויף דער נאסער ערד אינטער דער לעצטער אינטערשטער פּריטשע. איבעריק צו דערמאנען, ווי עס האט אויסגעקוקט די היגיענישע באדינגונגען פון 100 ארעסטאנטן אין א קליינער שמוציקער תפיסה צעלע אינטערן צארישן רעזשים. דערצו האבן מיר אויך געליטן הונגער, ווייל בס"ה האט מען אונז געגעבן 2 מאָל עסן איבערן מעת לעת און דאָס אויך אין א זייער באגרענעצטער מאָס.

די אלע שיקאנעס האבן אבער נישט איינטערגעבראָכן אונזער גייסט. אונזערע הערצער זיינען געווען פארפולט מיט טרוימענדע אידיאלן און געהאפט אויף בעסערע צייטן.

אין אונזער צעלע, האט זיך צופעליק געפונען דער פירער און טעאָרעטיקער פון ס״ס פארטיי, ד״ר יוסף קרוק פון טשענסטעכאוו. אלס מענטש, מיט מאראלישע אייגענשאַפטן און הויכע עטישן כאראקטער, האט ער זיך צו אונז באצויגן מיט די טיפסטע און פארנעמסטע געפילן. טיילענדיק זיך מיט אונז מיטן עסנוואָרג און מתנות, וועלכע ער האט באקומען זייער אפט צוגעשיקט.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו באמערקן, אז ד״ר יוסף קרוק, האט געשטאמט פון די אָנגעזעענסטע רייכסטע פאמיליעס אין טשענסטעכאוו, אבער ער האט רעזיגנירט פון אלע באקוועמלעכקייטן און פערזענלעכע פארגעניגענס און געווידמעט זיך ספעציעל דעם קאמף פארן יידישן ארבעטער.

זיצענדיק אין ארעסט, האבן מיר נישט פארלוירן אומזיסט די צייט, מיר האָבן איינגעאָרדענט לעקציעס און רעפעראטן איבער פראָבלעמען פון ארבעטער־פראגן און אלגעמיינע יידישע ענינים, א דאנק דעם, האב איך אויסגעברייטערט מיין גייסטיקער אנטוויקלונג באקומענדיק אזוי ארום אן אינערלעכע סאטיספאקציע, נישט באדויערנדיק דעם ארעסט פון יענער צייט, וועלכער איז געבליבן טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון.

נאָכן אָפזיצן אין ראט־הויז 4 חדשים, האט מען אונז איבערגעפירט אין ציטאדעל, וווּ דער תפיסה־רעזשים איז געווען אביסל לייכטער. דאָ האט מען שוין געקענט שפאצירן יעדן טאג א שעה אין דעם אינערלעכן פלאץ פון ציטאדעל, וווּ מיר האָבן געהאט די געלעגנהייט צו באקענען פרישע ארעסטאנטן, דארינטער א גרויסע טייל מיט העכערע בילדונג מיט וועלכע מיר פלעגן דיסקוטירן איבער פארשידענע פאליטישע וויסנשאפטלעכע און פילאָזאָפישע טעמעס.

אזוי זיינען פאריבער 6 חדשים און צום סוף בין איך פארמשפט געוואָרן ארויסגעשיקט צו ווערן צוריק אין שטעטל ארײַן. די רייזע פון ווארשאווער ציטאדעל ביז שטשעקאטשין, האט דאמאלט געדויערט גאנצע 8 וואָכן, ווייל מען האט מיך געפירט מיט עטאפן דורך פארשידענע טורמעס, און אין דער געזעלשאפט פון פארשידענע אינטערוועלט מענטשן, גנבים, מערדער, וועלכע זיינען צומערסטענ־טייל געווען געקאָוועט אין קייטן, פאראורטיילטע אויף פארשיקונג קיין סיביר אדער אויף לאנג יאָריקע טערמינען — האט מיך די רייזע זייער דערקוטשעט.

אחוץ די שרעקליכע מאראלישע ליידן, האב איך אויך געליטן פיזיש, ווייל צוליב דער לאנגער רייזע אין וועלכע ס׳איז אויסגעקומען צו גיין צו פוס אין בלאָטעס און אין שנייען, זיינען די שיך צעפוילט געוואָרן און מען האט געמוזט דעם וועג פארענדיקן בארוועס.

ענדלעך, נאך שווערע מי און ליידן זיינען מיר אנגעקומען קיין וולאש־

סשאורע און פון דאָרטן. האָבן מיך 2 שומרים באגלייט ביז שטשעקאטשין און דאָרטן האבן זיי מיך באפרייט.

דאָס גאנצע שטעטל, האט מיך אויפגענומען מיט גרויס שמחה, באזינדערס ווארם. האבן מיך באגריסט מיינע עלטערן און די רעשט משפחה־מיטגלידער. פון אלע זייטן, האט מען מיר געגעבן ברייטע שלום־עליכמ'ס. איך בין געוואָרן די הויפט טעמא פון שטעטל. אויך פון יענער צייט, האט זיך אין מיין זכרון איינגעקריצט אן עפיזאָד: חיים קלאסנער, האט מיך אין אן איראָנישן טאָן געפרעגט:



א גרופע עסקנים און כלל טוער: פיניע קראקאווער, ישראל בער צוקערמאן (דער איינציקער וואס לעבט און געפינט זיך אין רמת־גן), מרדכי וויינפעלד, ישראל לענמשנער, מאיר שפירא (געשטאָרבן אין רוסלאנד), פנחס טריימאן און מאשקע ליבערמאן.

ווען כ'וועל אראָפוואַרפן דעם קייזער? — אויף דעם האב איך אים געענטפערט: ס'וועט שוין לאנג נישט געדויערן. אין א גאנץ קורצער צייט, איז מיין „נבואה" טאקע מקוים געוואָרן.

זייער פיל פריינטשאפט האבן דאמאלט מיר אויך ארויסגעוויזן די פרויען און מיידלעך פון שטעטל. כ'האָב באמת נישט געקענט פעסשטעלן, צו זייערע באגריסונגען און פרייד, איז געווען סתם אויס נייגעריקייט, אדער צוליב פשוטער גוטפריינטשאפט. מעגלעך, אז ביידע מאָמענטן, זענען געווען אויסגעמישט אין דער זעלבער פראָפאָרץ, אדער אפשר גאר, האט מיין שטענדיק שטרעבן צו בילדונג, וויסענשאפט און דער עיקר, דער דראנג צו באקענען א שענערע וועלט, געדינט

אין א געוויסער מאָס פאַר א טייל יידישע הייזער אין שטשעקאָטשין אלס מוסטער לויט ווי עס ווערט געשילדערט אין דאָסטאָיעווסקיס ווערק „פאָטער און זון".

פאַרבליבן בין איך דאַמאָלט אין שטשעקאָטשין 8 וואָכן. דאָס מאָנאָטאָנע, וואָכעדיקע לעבן, האָט מיך אָבער לענגער נישט געקענט איינהאַלטן און כ'האָב באַשלאָסן פונדאָסניי עס צו פאַרלאָזן.

נישט טראַכטנדיק לאַנג, האָב איך געשוואַרצט די גרענעץ און אָנגעקומען קיין קראָקע. דאָרטן האָב איך זיך באַקענט מיט נייע מענטשן, אָנגעהויבן אַרבעטן און פאַרדינען, פאַרזעצנדיק גלייכצייטיק מיין זעלבסטבילדונג.

אָבער אויך קראָקע, האָט פאַרלוירן פאַר מיר די רייץ פון מיין פאַנטאַזיע, וועלכע האָט אַלץ געגאַרט צו וואַנדערן, צו באַקענען נייע לענדער און שטעט און פאַרברענגענדיק אין קראָקע ס"ה עטלעכע וואָכן בין איך אַוועק קיין ווין.

אָפּשפּאָרענדיק אַביסל געלט פון מיין אַרבעט, האָב איך פאַרלאָזט ווין און אַוועקגעלאָזט זיך קיין בערלין, באַזוכנדיק אויך אַנדערע שטעט אין דייטשלאַנד ווי: לייפּציק, דרעזדן, פראַנקפורט ביים מיין, מאַנכהיים, שוואַרצוואַלד, באַדען־באַדען א. אנד.

פון דייטשלאַנד בין איך ווידער אַוועק קיין שווייץ באַזוכנדיק די שטעט: בערן, באַזעל, ציריך, זשענעווע. אויף דעם אָט דעם וואַנדערוועג, האָב איך זיך באַקענט מיט פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע קרייזן פון דער רוסישער עמיגראַציע, וועלכע, האָבן דאַמאָלט געפונען א מקום מקלט אין שווייץ — און מיט א טייל פון זיי בין איך אַוועק קיין האָלאַנד און שפּעטער קיין בעלגיען.

לייענענדיק די ווערק פון קנוט־האַמסאַן און הענריק איבסען האָבן זיי אויף מיר געמאַכט א געהעריקן רושם און אינטער זייער השפעה, האָב איך באַשלאָסן צו באַזוכן די לענדער: שוועדן, נאָרוועגיע און דענמאַרק. אלס גוטער פאַכמאַן, האָב איך איבעראַל באַקומען אַרבעט און גוט פאַרדינט.

סיי די נאַטור, סיי די לעבנס באַדינגונגען אין די דערמאָנטע לענדער, זיינען געווען פאַר מיר זייער אינטערעסאַנט. אין אָסלאָ, די הויפּט־שטאָט פון נאָרוועגיע, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען אין א קרייז פון רוסיש יידישע עמיגראַנטן דעם גרויסן שרייבער סטרינדבערג, וועלכער איז געווען דורכגעדרינגען מיט אַנאַרכיסטישער פילאָזאָפיע און געווען אַן אָנהענגער פון פרידעריך ניטשעס אויבערמענטש.

אין נאָרוועגיע, האָט זיך צוביסלעך איינגעשטילט מיין דאָרשט צו וואַנדערונג, בינו לבינו, האָט אינטערגערוקט דער טערמין, ווען כ'האָב זיך געברויכט

צו שטעלן צום פריזיוו. און כ'האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן סקאַנדינאַוויע און אהיים פאָרן צוריק אין מיין שטעטל אריין.

דעם באַשלוס האָב איך אָנגענומען נישט דערפאַר, ווייל כ'בין געווען אזא הייסער אָנהענגער פון רוסישן מיליטאַריזם, נאָר ווייל כ'האָב געוואָלט איינבערעכנען מיין פאָטער צו באַצאָלן שטראָף 300 רובל, אין פאַל כ'וואָלט זיך נישט געווען צוגעשטעלט צום געהעריקן טערמין.

טראַכטענדיק וועגן דעם, האָב איך אָבער ביי מיר געהאַט אָנגענומען א באַשלוס, אומפאַלס, כ'וועל צוגענומען ווערן צום מיליטער, זאָל איך אַנטלויפן פון פוילן מיט דער דעה מער קיינמאָל נישט צוריקצוקומען.

ביי דער קאָמיסיע, בין איך אַנערקענט געוואָרן אלס „גאָדין" און אוועקגעשיקט מיך קיין כאַרקאָוו אין פּולק פון אַרטילעריע. אויפן וועג, זיינען מיר אדורכגעפאָרן ביאַליסטאָק, און צוליב דעם, וואָס כ'האָב נאָך געטראָגן ציווילע מלבושים, איז מיר געלונגען אויסצוניצן די געלעגנהייט און אַרויסגנבענען זיך אומבאַמערקט פונם „זבאָרני־פּונקט" — און אָנגעהויבן זיך רוקן צו דער עסטרייכישער גרענעץ, און אזוי אַרום איז מיר געלונגען אָנצוקומען בשלום קיין קראָקע צום 2־טן מאָל.

אין קראָקע, האָב איך פונדאַסניי אָנגעהויבן אַרבעטן און אָפּשפּאָרענדיק א געוויסע סומע געלט אויף ווייטערדיקע הוצאות בין איך אוועק קיין לאָנדאָן ווו כ'האָב זיך פיין איינגעאָרדענט און אָפּגעלעבט דאָרטן 40 יאָר.

טראָץ דעם געוואָלדיקן מהלך פון יאָרן, ליגט אָבער דער אָנדענק פון שטשעקאָטשין טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון און זאָלן די שורות זיין במקום א בלום, פאַר דער פאַרשניטענער יידישער קהלה, וועלכע איז געווען און וועט מער נישט זיין.



די קינדער פון חיים יוסף ראַפּאַלאָוויטש הי"ד, אַלע אומגעקומען.

מנחם ברין (תל־אביב)

# אביסל זכרונות וועגן שטשעקאטשין



איך פיל זיך ממש גליקלעך, וואס כ׳האָב די זכיה אנצושרייבן די שורות אינם יזכור־בוך פון שטשעקאטשין. דאָס שטעטל, וואס האָט געשפרודעלט מיט יידישער פריילעכקייט און פאָלקסטימלעכקייט.

מיין פאטער ר׳ ברוך מרדכי שו״ב ז״ל, אחוץ זיין פארנומענעם פאָסטן אלס שוחט, איז אויך געווען באטייליקט אין פארשידענע קהלישע און שטאָטישע אינסטיטוציעס ווי: בקור־חולים, „לינת־הצדק״, חברה־קדישה״ און אין אלע צדקה־אינסטיטוציעס.

אחוץ זיין טעטיקייט אין די פילאנטראָפישע אינסטיטוציעס, איז ער אויך געווען בארימט אלס בעל־תפילה. יאָרן לאנג, איז ער געווען דער בעל מוסף אין גערער שטיבל, ווי אויך אין דער שול און אין בית־המדרש.

אויך מיין מוטער ברכה ע״ה, איז געווען באטייליקט אין פארשידענע חברות, וועלכע האָבן געהאט א ציל צו העלפן נויטבאדערפטיקע. שוין נישט רייטענדיק וועגן דעם אז ווער עס איז אריינגעקומען צו אונז אין שטוב א הונגעריקער איז ארויסגעגאנגען א זאטער.

אין זכרון טויכט אויף א מיטוואָכדיקער מארק־טאָג. נישט קוקענדיק אויף דעם וואָס אין דעם טאָג האָבן די מארק־שטייערס געהאט פיל צו טוען, ארויסצושלעפן די סטראגאנעס און די פול געפאקטע קאסטענס סחורות, ווייל דער פדיון פון מיטוואָכנדיקן מארק־טאָג, איז געווען דער פרנסה מקור אויף א גאנצע וואָך, האָט יעדער ייד דעם ערשטן שריט געשטעלט אין בית־המדרש אז ער זאָל דאַווענען שחרית מיט מנין.

איינדרוקספול איז געווען דער שלוס פון מארק. די סטראגאנעס ווערן צע־

נומען, דער מארק־פלאץ ווערט אָפגערייניקט. דאָ און דאָרטן שטייען גרופּקעס יידן און ריידן צווישן זיך. א טייל מאכן דעם בילאַנס פון פארקויף מיט וויפיל ריוח דער טאָג האָט זיך פארענדיקט. אין ווייטן עק מארק שטייען אנדערע גרופּעס יידן און ריידן צווישן זיך פּאָליטיק.

אויף דער אנדערער זייט נעבן דער שענק פון משה אהרן יצחק ז״ל איז אויך היימליך : דאָרטן קומען אריין פארשידענע סוחרים, מאכן טראַנזאַקציעס און דערביי באַנעצט מען די קעל מיט א טרונק בראָנפן. מען טרינקט און מען פארבייסט ביז עס קומט דער זמן פון מנחה־דאַווענען. דאמאָלט, לאָזט מען אלצדינג איבער און מען לויפט ווידער אין בית־המדרש אריין. ווו צווישן מנחה־מעריב לערנט מרדכי ברייטבארד מיט די מארק־שטייערס און בעלי מלאכות א פרק משניות, אָדער „עין יעקב״.

פרייטיק פאר ליכט־צינדן לויפט יוסף מאיר שמש מיט איילִיקע טריט און מיט א קלאַפּ פון א האמער איבער די פענסטער. גיט ער צו וויסן, אז עס איז געקומען די צייט אָנצוצינדן ליכט לכבוד שבת. מיט דעם זעלבן הילצערנעם האמער פלעגט ער קלאַפּן ראש־חדש אלול אין די לאָדענס פון די פענסטער וועקנדיק יידן צו סליחות.

שבת אין דער פרי האָט די פונקציע פון וועקן יידן לעבודת הבורא איבערגע־נומען דער שמש ר׳ מענדל ז״ל, א הויכער ברייטער ייד מיט א באַסאָווער שטימע, מיט א שיינער פּאַטריאַרכאַלישער באָרד, און בעת ער האָט גערופן „אין שול אריין״, האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אז שטשעקאָטשין איז דאָס אייגענטום פון בלויז יידן. אז אויסער דער יידישער באַפעלקערונג לעבט קיינער נישט אין שטעטל. עס האָט קיינעם נישט געקענט קומען אויפן געדאַנק, אז דאָס זעלבע יידישע שטעטל וועט אמאָל ווערן יידן־ריין, אז קיין ייד וועט דאָרט נישט האָבן מער קיין דרי־סת־הרגל.

אָט לויפן אדורך פאר די אויגן די יום־טובים אין שטשעקאָטשין. ס׳דוכט זיך, אז ערשט נעכטן איז דאָס געווען. די לעבהאַפטע באַוועגונג אין די געסלעך, די פרייד וואָס עס האָט זיך ארויסגעפילט פון יעדן ווינקל, לאָזט זיך באין אופן נישט פארגעסן.

פונקט ווי עס קען נישט פארשווינדן פונם זכרון די פרייד פון די שטעטעל־דיקע יידןביים פירן א ספר־תורה, אָדער די הארציקע פרייד פון פראַוון א סעודת־מצוה, אָדער סתם א חתונה אויף וועלכע אלע יידן אָן אויסנאַם, האָבן זיך געפילט ווי מחותנים.

עס וויל זיך נישט גלויבן, אז דאָס האָט אמאָל עקזיסטירט, ליידער איז עס



א פאמיליע אין שטשעקאטשין. אין דער מיט א 90־יאריקע פרוי רעלא קייזער הי״ד. דער מלאך־המות האט איבער איר קיין שליטה נישט געהאט. היטלערס מלאכי־חבלה האבן זי אבער ליקווידירט אין טרעבלינקע.

אבער א טרויעריקע ווירקלעכקייט. צוגלייך מיט אנדערע הונדערטער יידישע קהלות איז אויך חרוב געווארן אונזער שטשעקאטשינער קהלה.

גרויס זענען די פארלוסטן, גרויס איז דער קרבן וועלכעס דאס יידישע פאלק האט געבראכט אויפן מזבח פון דער 2־טער וועלט־מלחמה. הונדערטער יידישע קהלות זיינען אויסגעריסן געווארן מיטן ווארצל און די וועלט האט זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צו דעם אלעם.

דער גורל האט געוואלט, אז מיר די שרידים פון שטשעקאטשין גיבן ארויס דאס יזכור־בוך אין מדינת ישראל. דא אין „אלט־נייאלאנד״, וווּ עס איז באנייט געווארן די גבורה פון די מכבים, וועלכע האבן גענומען דעם גורל פון פאלק ישראל אין די אייגענע הענט אריין, בכדי נישט מער צו פארלאזן זיך אויפן חסד פון די פעלקער, נאר מיט אייגענע כוחות און מיטן שטארקן גלויבן אין אלמעכטיקן, בויען זיך א היים, אז עס זאל מקויים ווערן דער פסוק: „וישבתם לבטח בארצכם״.

דא אין מדינת ישראל שוועבט פאר אונז דער געטלעכער געבאט: „זכור את אשר עשה לך עמלק״. און דא ליגט טאקע א הייליקער חוב תמיד דאס צו געדענקן. דאס יזכור־בוך איז די איינציקע גאראנטיע, אז מיר זאלן נישט פארגעסן דעם טראגישן אומקום פון דער הערלעכער שטשעקאטשינער קהלה מיט אירע יידן.

פון די יידן וועלכע האבן געשטרעבט צו זען א מלכות ישראל, גלויבענדיק, אז מיר לעבן געבליבענע וועלן נקמה נעמען פאר זייערע לעבענס, וועלכע זיינען פריצייטיק פארשניטן געווארן, נאר דערפאר ווייל זיי זיינען געווען יידן, אויסרופנדיק אין זייערע לעצטע גסיסה־ראכלען: געדענקט! פארגעסט אונז נישט!

**אליעזר פאמעראנ׳ן** (גזבר ארגון יוצאי שצ׳קוצ׳ין)

# אן עפיזאד וואס לאזט זיך נישט פארגעסן



פאראן טיילמאָל עפיזאָדן אין לעבן פון יעדן מענטש, וועלכע קריצן זיך איין אין זכרון און ס׳איז שווער זיי צו פארגעסן.

איינער אזא עפיזאָד, וועלכן כ׳וועל אייביק געדענקן, האָט פאסירט אין יאָר 1932 אין שטשעקאטשין.

אין איינעם א שטילן אוונט, איז פאָרגעקומען א זיצונג פונם וועד פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, וועלכע האָט זיך געפונען ביי בעריש מויל אין הויז.

די זיצונג האָט געפירט דער פרעזעס מנחם באגאמאלני הי״ד און ס׳איז דיסקוטירט געוואָרן דאָס פראָבלעם וועגן ״עליה״ פלוצים איז מנחם באגאמאלני אויסגעבראכן אין א געוויין, וואָס האָט אויף אלעמען איבערגעלאָזט א דערשיטערטן איינדרוק. ווען ער האָט זיך בארואיקט, האָט ער אונז דערקלערט, אז די בענקשאפט צו ארץ־ישראל איז ביי אים אזוי גרויס, דאָס ווען ער טראכט וועגן דעם, ציט אים צו דאָס הארץ און ער קען זיך נישט בארואיקן. — און איצט האָט די בענקשאפט דערגרייכט זיין קולמינאציאָנס־פונקט און נישט קענענדיק זיך באהערשן, איז ער אויסגעבראָכן אין א געוויין.

אויף אָט דער זיצונג איז צוו. אנד. באשלאָסן געוואָרן צו שאפן א ציוניסטישע יוגענט אָרגאניזאציע.

אזוי ווי איך האָב געהערט צווישן דער יונגערער גרופע, איז אויף מיר ארויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאבע דעם פלאן צו רעאליזירן. צוזאמען מיט יהודה ראפאלאוויטש הי״ד (יולעק) האָבן מיר זיך גענומען צו דער ארבעט און ס׳איז אונז געלונגען צו שאפן א פרעכטיקע יוגענט אָרג. ״הנוער הציוני״, וועלכע האָט געציילט בערך 100 חברים און חברות. מיר האָבן געפירט א פרוכטבארע טעטיקייט. צוזאמען



דער „הנוער הציוני"

מיט אונז ביידע האָבן זיך אויך באטייליקט אקטיוו די חברים יעקב שווארצבוים, עוזיאל קאגאל הי״ד און יבדל לחיים שמואל ווינער, וועלכער געפינט זיך אין ישראל און ר׳איז טעטיק אלס מזכיר אינם וועד פון ארגון יוצאי שטשעקאטשין.

איינס פון די וויכטיקסטע אויפגאבן אונזרע איז געווען צוצוגרייטן די מיט־גלידער צו הכשרה, בכדי זיי זאָלן קענען עולה זיין. און איך אליין בין געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע האט אדורכגעמאכט די הכשרה און אין 1934 אלס חלוץ עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

כ׳געדענק דעם דאָזיקן מאָמענט, ווי ס׳וואָלט געווען נעכטן: אין א שבת צו נאכט׳ס צו די ערשטע סליחות, האב איך פארלאָזט שטשעקאטשין. צו די קאלייקע



משפחה מיטגלידער פון אליעזר פאמעראנץ. קיינער נישט געבליבן לעבן.

וואָס האָט מיך געפירט קיין טענדזישעוו זיינען געקומען באגלייטן כמעט דאָס גאנצע שטעטל. ס׳איז נישט געווען אזוי לייכט צו געזעגענען זיך מיט א שטעטל באקאנטע מיט וועלכע מ׳האָט זיך צוזאמען דערצויגן, געלערנט אין חדר, פארבראכט די בעסטע קינדער־יאָרן. שווער איז אויך געווען די צעשיידונג פון מיין משפחה, באזונדערס פון מיין מוטער הי״ד. — און ווען די קאלייקע האָט גערירט פון אָרט און כ׳האָב צום לעצטן מאָל אויסגערופן „שלום ולהתראות״, האָב איך אליין נישט געגלויבט, אז כ׳זע מיין שטעטל מיט אלע מענטשן צום לעצטן מאָל אין מיין לעבן.

במשך די גאנצע צייט, וואָס כ׳האָב זיך געפונען אין לאנד האָב איך געהאָט א שטענדיקן קאָנטאקט מיט אלע חברים מיינע, מיט אָט דער וואונדערבארער יוגענט



א גרופע מיידלעך פון דער ציוניסטישער יוגנט ארג. די דריטע שטייענדיק אין דער רייע פון רעכטס אויף לינקס יונה גרייפנער, לעבט אין ישראל

וועלכע האָט זיך געריסן צו קומען אין לאנד אריין. ליידער האָבן זיי נישט זוכה געווען צו זען די פאַרווירקלעכונג פון זייער אידיאַל. אויף די פעלדער פון טרעב־לינקע איז צעשפרייט דער אש פון די פאַרפייניקטע קערפּערס זייערע. דאָרטן, אין א טייל פונם עמק־הבכא פון פוילישן יידנטום, איז ארויסגעריסן געוואָרן פון זייערע הערצער אויף אייביק דער אידיאַל פון שאפן א בעסערן מאָרגן פאַרן יידי־שן פאָלק.

זייער גאנצע בענקשאפט, זייער התלהבות און זייערע ראנגעלנישן פארן קיום פון יידישן פאלק אין א זעלבסשטענדיקער מלוכה, וועט אבער קיינמאָל נישט פארגעסן ווערן פון אונזער זכרון.

**שמואל וינר** (גבעתיים) מזכיר ארגון יוצאי שצ'קוצ'ין

# מטרת הספר וזכרונות



זרם הספרים המוקדשים לזכר הקהילות היהודיות שנכחדו בימי מלחמת העולם השנייה, שראשותיו בעצם ימי הזוועה מעת שהגיעו הידי־עות העגומות אל הארצות החפשיות, לא נפסק בשנים האחרונות להפך: הוא גאה ועלה יותר ויותר.

נולדה אמביציה אצל השרידים להציב מצבות בצורה של ספרים לישוביהם שהושמדו, אף אם הישוב הוא קטן ביותר ומספר ניצוליו מעט. כל אותם הזכרונות ומאורעות העבר שכונסו בספר יזכור לקהילותינו, עיר שצקוצין, אחת מטרתם: — להכניס להיסטוריה מפרקי חייה היפים של קהילה במדינת פולין, קטנה במספרה וגדולה בתרבותה — ופרשת סופה הטרגי.

ככל שמתרחקים והולכים מאותה תקופה שבה היו חייהם של יהודים בעיירות פולין פורחים, כן נעשים זרים יותר בעינינו אותו אורח חיים, אותם נפתולי מאבק של דורות יהודים בפולין, שיצרו ערכי תרבות יהודיים במהותם ומתוכם יצמחו חיי תרבות החדישים של היהודים הן בתפוצות והן במדינת ישראל העצמאית.

כל כמה שרוצים לשכוח את תקופת הדמים ההיטלרית על זוועת השמדת היהודים בידי הגרמנים, כן לא יואמנו בו לספר במיוחד באזני בנינו ובנותינו.

הדור הצעיר הגודל בארצנו לא ראה ולא הרגיש את חיי היסורים ואת הזוועה שהביאו הגרמנים על היהודים החפים מכל פשע.

ובכן עלינו מוטל החוב הקדוש לא להניח למאורעות לשקוע בתהום השכחה ולהזכיר בכל פעם את הדור הצעיר, את הטרגדיה שעברנו בזמנינו אנו ולקיים: „זכור את אשה עשה לך עמלק, לא תשכח"!



א גרופע לעבן פארבליבענע שטשעקאטשינער יונגע. די אויפנאמע איז געמאכט געווארן אין דייטשלאנד אין יאר 1945. דער גרעסטער טייל פון זיי לעבט אין ישראל.

חובה מיוחדת מוטלת עלינו כלפי הדור הצעיר במדינת ישראל, המתגדל באווירה אחרת לגמרי, באקלים לאומי וזרים להם בהחלט חיי היהודים בעבר בעיריות כמו שצקוצין.

בספר יזכור אנו מתכוונים לקרב את הדור הגודל בישראל, בניהם של יהודי שצקוצין שכבר היכו שרשים במדינתנו, — לעבר של חיינו בשצקוצין, שיכירו וידעו את אחיהם שחיו חיי ישרים ומהוגנים, אנשי חסידות ואנשי אמונה, אנשי חרות ואנשי מאבק, שקיוו וציפו לגאולת ישראל ושאפו לחיי תרבות וחופש, לעלות לארץ־ישראל — וסופם כליה אכזרית בידי הקלגסים הגרמנים.

מצבות ממש אי אפשר להקים על קברות קדושינו. המקומות שבהם היו קיימים ישובים יהודיים רחוקים עתה ולא נשאר שם אף יהודי אחד. בהרבה ישובים יהודיים לשעבר אין אף היכן להציב מצבה מפני שיחד עם התושבים היהודיים נעלמו גם בתי הקברות שלהם, ומה שלא הספיקו לבצע הגרמנים גמרו תושבי המקום בלי פחד.

בזכרוני עולה סיפור ששמעתי מפי אבי ז"ל: בבית השלישי של משפחת קרימן (משפחה ידועה בשצקוצין) היה גר נפח גוי. חתנו של הנפח לקח פעם מצבה

מבית הקברות היהודי ובאותו שבוע מתה לו תינוקות באופן פתאומי. פרחו שמועות בעיר, שאצל הנפח הנ"ל דופקים שדים בלילות, עד שהיה נאלץ להחזיר את המצבה למקומה. זה קרה לפני כמה שנים!

ועכשיו? — השרידים מספרים שאחר ההשמדה דרכו על אבני מצבות שעדיין נראות בהן אותיות פ. נ. מתמונות ידים משולבות כשל כהן על הדוכן.

היו ביניהם מצבות של השכנים שגרו אתם ביחד במשך שנים רבות — כעת הם דורכים על מצבות של אותם היהודים השכנים בלי פחד ובלי יראת־הכבוד.

לאחר שהארגון ושרידי עיר שצקוצין החליטו להוציא ספר זכרון, מחפשים עוד משהו לעשות עבור הקדושים ובלבד שלא להפסיק את חוט הזכרונות הנעימים



אברהם שווארצבוים (פרעזעס), יצחק קופערבערג. שטייען פון רעכטס אויף לינקס: דער וועד פון ארגון יוצאי שצקוצין. זיצן פון רעכטס אויף לינקס: יחיאל רפאלי אליעזר פאמעראנץ, חנוך סרייתאן, ישראל שווייצער און שמואל ווינער.

מהימים שעברו בכדי לא לנתק את קשר הלב — וביחד עם זה לא לשכוח את זכר הקדושים והטהורים שנרצחו ללא רחמים.

העיירה שנולדתי בה, שצקוצין, היתה אחת מהקהלות שהושמדו בידי הקלג־סים הגרמנים והיוותה נקודה תרבותית יהודית שגדלה ועלתה ממדרגה למדרגה עם התפתחותה ההיסטורית של העם כולו בפולין.

ספר יזכור של קהלת שצקוצין מהווה זכרונות ודעות כתובים בידי אנשי עירנו שמצאו חובה לעצמם לספר לדורות הבאים מה ומה היתה קהלתם.

ספר יזכור זה ישמש מצבה על הקבר האלמוני של יהודים קדושים ומעונים שהיו בעיירה שצקוצין ערב ההשמדה ושנגרפו במקלחת הדמים.

שצקוצין, לפי מספר תושביה היהודים, לא נחשבה גדולה בערי פולין, אף לא שכנה ליד תחנת רכבת. (התחנה הסמוכה לה ביותר היתה של העיר סנדזשישוב). משצקוצין לרכבת נסעה קרונית עם סוסים מרחק של 19 קלמ. ובחורף, בזמן השלג, היית אנוס לרדת ולדחוף את הקרונית עם הסוסים עד שהגעת לסנדזשישוב. למרות זה, יצאה לה לעיירה זו שם טוב על למדניה ורבניה. ובחסידים שבעיר ובתושבים השקטים נתברכה שצקוצין, עיר של סוחרים ובעלי־מלאכה שהתפרנסו בכבוד רב כראוי. וכאן כדאי להזכיר כמה זכרונות:



ר׳ לייבל גאלדבערג, פרוי, 2 זין און טאכטער. אלע אומגעקומען

סבי ואבי ז״ל היו מחסידי סטריקוב. סבא היה בעל מוסף ראשון בשטיבל. זכרוני מילדותי. אבי הכניסני בצל של חסידי סטריקוב להרגיש טעם של חסידות חסידי סטריקוב נחשבו בין החסידים המודרניים, לומדי תורה, השקטים שבעיר, אנשי עסקים ועשירים כמו ר׳ לייבל גולדברג הי״ד, חבר ועד הקהלה, שנבחר כמה פעמים מרשימת החסידים. היה מעורב בין הבריות. קופל קופלוביץ ז״ל עם חתניו: יעקב גרוספלד, אברהם שויצר, יוסף לאדן, ברוך שפיגל, חיים גוטרמן ובניו, אברהם טורבצקה ובניו, אלתר לייב לנצנר, אשר שוורצבוים, ישראל ולנר, דוד סמברג,

חתנו של בנימין פאנסקי ז״ל, יוסף רודזנק ואחיו שלמה. אבי ז״ל ועוד כמה שיצאו כבר מזכרוני.

זוכר אני את האחווה ואהבת העם ששררה בין חסידי סטריקוב מיומא דהלולא של הרבי מאלכסנדר. היו מתאספים אצל ר׳ קופל קאפלוביץ או אצל ר׳ לייבל גולדברג וערכו סעודת מצווה בידידות בשירה ובזמרה. ושהגיע איזה חג ובמיוחד שמחת־תורה לא היה שיעור לשמחתם. רקדו בחוצות העיר פשוט; נשכחה הגלות. שמחתם אי אפשר לתאר במלים פשוטות.



א דעמאָנסטראַציע אונטער בלוי־ווייסע פענער אויף א כ׳ תמוז אזכרה אין דער שטשעקאָטשינער שטאָט־שול.

אי אפשר לעבור ולא לזכור את הצעירים והנוער של השטיבל כגון: יעקב ושלמה גולדברג, מוסקע, יצחק ואנשל גוטרמן, בני טורבצקה, אריה איצקוביץ ואחרים. הם היו ממייסדי „צעירי־מזרחי״ בעיר. היו להם השקפות ציוניות דתיות. היו פעילים בעבודת קק״ל, קרן־היסוד וביתר עבודות ציוניות.

לסבא ר׳ ליפא היו שני בניס שגרו בשצקוצין: חיים יוסף ואלימלך שוורצ־בוים. חיים יוסף היה איש נבון וחבר מועצת העיריה (מגיסטרט) במשך שנים.

ביתו היה תמיד פתוח לאנשים שונים, מי לשאול עצה, מי להתיעצות בעניינים כספיים וכו׳. בשנים הראשונות היה לו בית חרושת לגזוז. אחר־כך התעסק בבורס־קאות. ההפרנס בכבוד. ביתו היה בית ציוני, נתן לבניו צבי וישראל חינוך דתי־ציוני. צבי (הירשל) היה מילדותו ציוני מובהק. זכרוני, שהייתי ילד והספריה היה בשכנות להם (אינטער די גארבערס), כך היה כנוי שם המקום סגרו. למדתי אז אצל זיסמן דוד בוגומולני ז״ל, זקן הציונים בעירנו. חל אז כ׳ תמוז יום הזכרון של חוזה המדינה, דר״ הרצל. אנשי שצקוצין הלכו בהמונים להשתתף בטקס האזכרה שערך צבי (הרשל) שוורצבוים עם חבריו לדעה: ישראל לנצנר, ישראל אפנהיים, יהודה פרייקורן, מנחם ביגומולני, שמואל שוורצבוים ז״ל ויבדלו לחיים העסקנים שנמצאים כעת בארץ: אברהם שוורצבוים, חנוך טרימן, מרדכי יהודה גריפנר ועוד. ביום הזה היה ששון ושמחה בעיר, לא למדו בחדר — חופש גמור ליום הזכרון של הרצל.

צבי שוורצבוים היה תמיד שקוע בעבודה ציונית: עסקן ועדת קק״ל ובמוס־דות אחרים. מטבע היה בעל לב טוב. תמיד שאף לעלות לארץ־ישראל. במשך הזמן התחתן ועבר בעיירה יענדזשעוו וגם שם המשיך בעבודתו הציונית. שם נבחר ליו״ר לשכת קק״ל.

בזמן הסרגדיה האיומה חזר לשצקוצין בכדי להיות יחד עם היקרים שלה, הורים, אחיו, אחות וחברים וכאן השיג לו הגורל המר והוא נספה עם יתר אנשי שצקוצין ויהי זכרו ברוך!

הבן השני של סבא ר׳ אלימלך שברצבוים היה יהודי תלמיד חכם ומופלג.



טויבעלע גרייפנער און שוועסטער.

היה נוהג לקום השכם בבוקר, ללכת לבית־המדרש ללמוד עד שעה שמונה — הזמן לפתיחת החנות. היה מחסידי אלכסנדר המסורים ואוהד לציונות כל ימיו. בניו היו ממיסדי הציונות בעיר. בנו שמואל ז"ל היה פעיל ב„התאחדות" ומדי ערב בערב היה ישב בהסתדרות. לא פעם הזניח את עסקיו והתמסר לציונות, קרן קימת, קרן היסוד וכו'.

במשך הזמן נשא אשה טובעלע, בתו של שלמה גרייפנער ז"ל, ממשפחה מפורסמת בשצקוצין. ר' שלמה גרייפנר לקח אותו לביתו, נתן לו דירה וחנות. שמואל בנה משפחה של כמה ילדים. לא לקח זמן רב ור' שלמה גרייפנר עלה לארץ־ישראל והתישב בגדרה. שמואל משך את החוטים לעלות עם כל משפחתו. זכרנו ששלח כסף משצקוצין לחותנו לארץ־ישראל לקנות אדמה על חשבונו והוא התכונן ברצינות לעלות, מכר כבר את חלקו בשצקוצין אבל ערב עליתו נשפך הזעם על יהודי שצקוצין ושמואל עם כל משפחתו נלכדו בצפורני הנצים ולא הספיק להגשים את חלומו ונשאר בין ששה מיליוני יהודים שנספו באכזריות.



ר' שלמה גרייפנער און פאמיליע פארן עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

זכיתי אני עוד להפגש בארץ את חותנו והוא ספר לי בדמעות בעיניו ששמואל ומשפחתו יכלו להשאר בחיים לו היה הזדרז לעלות, לפני פרוץ המלחמה. ר' שלמה גרייפנר ז"ל נפטר בארץ בשם טוב והובא לקבר ישראל בירושלים עיר הקודש.

בן דודי יעקב שברצבוים, אחיו הצעיר של שמואל, היה בין מייסדי הסתדרות



יוסף גרייפנר (בן שלמה) אן אקטיווער
טוער אין געזעלשאפטלעכע קרייזן.

הציונית הכללית מסיעת „על המשמר" בשצקוצין. בזמנו בשנת 1930 עלה רעיון של כמה צעירים, כגון: מנחם בוגומולני, יעקב שברצבוים, ראובן דרונר, משה שמואל ולנר, מאיר פומרנץ אברהם לנצנר ותבדל לחיים רחל איצקוביץ (כעת אשתו של ידידנו ישראל שווייצר) ליסד הסתדרות הציונית הכללית. מיד נגשו לעבודה קונסטרוקטיבית. קבלנו חדר צר ברחוב של הרב שפירא ז"ל, קראנו



שטשעקאטשינער בחורים. שטייען: נטצל ראזענבערג, לייבל טייטלעס,
יצחק ראזענבערג (אומגעקומען אין פוילישן מיליטער).
זיצט: חיים לטנסשנער הי"ד.

לאסיפה כללית ונבחר באנשים הללו: מנחם בוגומולני (יו"ר), מזכיר — יעקב שברצבוים, גזבר — ראובן דרזנר. התקשרנו עם המרכז בורשה ואחרי זמן קצר הגיע ציר מועד המרכזי. הוא נאם בשבת בבית־המדרש שהיה מלא עד אפס מקום. למחרת באו כמה צעירים ונרשמו בתור חברים לתנועה. המקום של החדר, קטן היה וצר מלקבל את החברים שנרשמו, אז נאלצנו לקחת 2 חדרים אצל הרשל גולדשר. החברים הראשונים והפעילים היו אלה הנ"ל ועוד: שינדל קרקובר, עוזיאל קנל, ישראל פרייקורן, חיים לנצנר, שמעלקי צוקרמן, אנטשל בורנשטיין, אסתר לנצנר, שיינדל רוזדנק, הינדה הוניק, צירל שברצבוים, אליעזר פומרנץ וכותב השורות. למסירתו של יעקב שברצבוים לא היה גבול, כל העול נשא על שכמו. חוץ מזה שכיהן בתור מזכיר ההסתדרות היה גם מזכיר של לשכת קרן־קימת לישראל, השתתף בכל עבודות הצבוריות בלי יוצא מן הכלל.

בשנת 1931, התחלנו לארגן נוער חלוצי — „נוער הציוני"—„שומר הלאומי" בראשותו של יהודה (יולעק) רפלוביץ, בחור עם מרץ שנבחר לראש־הקן. אי אפשר לשכות את מסירתו לעבודתו הצבורית. אני אז הייתי הצעיר מבין החברים המבוגרים ממני והשתייכתי גם לנוער הציוני בתור סגן ראש־הקן. הנוער הציוני היה המובחר של הנוער בעירנו. בין חברים היה כמה שרצו לעלות ארצה, אבל לפני כן היה הכרח לעבור הכשרה באיזה קבוץ. כמועמדים הראשונים לצאת לקבוץ היו: עוזיאל קנל ויבדל לחיים אליעזר פומרנץ.



א גרופע פון „הנוער הציוני". פון די אלע לעבן: מלכהלע גרייפנער, געפונס זין אין לאנד און רחלי קופערבערג, די טאכטער פון יצחק קופערבערג (האלסענדיק דעם שטעקן פונעם פאָן).



א גרופע פון „הנוער הציוני" וועלכע איז שפּעטער אריינגעטרעטן אין דער „גורדוניה".
אין דער מיט שרגא פריימאן, לעבט אין ישראל, ערב זיין עולה זיין.

בשנת 1932 יצאו ה־2 חברים לקביץ. עוזיאל קנל חזר אחרי זמן לא רב הביתה. הסיבה היתה בלתי ידועה. אליעזר פומרנץ נשאר, עד שהצליח לעלות לארץ־ישראל.

בל"ג בעומר 1933 יצאתי אני לקבוץ הכשרה תודות לבן דודי יעקב סברצ־בוים שעזר לי בכל הדברים, כי היה לי הפרעות מכל מיני צדדים. ותודות לו הצלחתי בשנת 1939 בשמיני לי:וני, חדשים לפני פרוץ המלחמה, לעלות ארצה.

שאיפותיו של יעקב שברצבוים היה לעזוב שצקוצין ולעלות לארץ־ישראל, אבל היד הפושעת והרצחנית של הקלגסים הנצים כרתו את היהודים שהיה להם הרצון לחיות ולהמשיך בעבודתם הצבורית גם בארץ־ישראל. דמם צועק אלינו, והצו של השעה לנקום את נקמתם. דם נקי שנשפך בלי פשע ועון. אנו שארית הפליטה, והדורות הבאים נשמור זכרם לעד. ביחד עם כל אלה קדושים שעינו למות כיהודים כשרים. שמם נכתב בספרים של קדושים שמסרו נפשם על קדושת השם ועם.

רחל שוווייצער (־פּו)

# צום אנדענק פון מיינע חברים און חברות



געבוירן בין איך אין שטשעקאטשין ביי מיינע עלטערן יעקב און חיה איצקאוויטש. אין די יונגע יאָרן האָבן מיינע עלטערן פאַרלאָזט שטשעקאטשין און אוועקגעפאָרן קיין ייענדזשעוו (די געבוירן שטאָט פון מיין מוטער).

אין יאָר 1922 זיינען מיר צוריקגעקומען קיין שטשעקאטשין, ווו איך האָב באַלד אָנגעהויבן לערנען אין דער 2־טער קלאַס פאָלקס־שול. אין דער קלאַס אין וועלכער ס׳האָבן זיך געלערנט קריסטלעכע קינדער האָבן זיך געפונען בלויז 7 יידישע מיידלעך: ליבעלע וואַרשאַווסקי, מיינע 2 קוזינעס, פריידל און ליבע איצקאָוויטש, מאַטל האַניק, שיינדעלע קראַקאָווער, מירעל גאָלדשטיין און שיינדעל רודא קאָהן.

מיר אַלע האָבן זיך געזעצט אויף איין באַנק און זייט דאַמאָלס, זיינען מיר געוואָרן חברות נישט נאָר בלויז אין דער שולע, נאָר אויך אין פּריוואַטן לעבן. מיר האָבן תמיד פאַרבראַכט צוזאַמען. אָמפּריילעכסטן האָבן מיר פאַרבראַכט ביים פעטער משה וואָלף איצקאָוויטש הי״ד פרייטאָג צונאַכטס און שבת, ווו מיר האָבן געזינגען און געטאַנצט און געטרוימט וועגן גליקלעכע צוקונפטן.

אין די ערשטע יאָרן פון אונזער גיין אין שולע, האָבן זיך נישט געפונען קיין יידישע יונגלעך. ערשט שפּעטער, בעת מיר האָבן זיך געפונען אין דער 5־טער קלאַס, זיינען געקומען אויך יונגלעך צווישן זיי ראובן דרעזנער, מיט וועלכן מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט און אונזער פריינטשאַפט האָט אָנגעהאַלטן ביז דער גורל האָט אונז פונאַנדערגעשייט.

געפונענדיק זיך אין דער 6־טער קלאַס. האָט אונז איינמאָל מענדל באַגאַמלני




די ערשטע „בית יעקב" שולע אין שמשעקאמשין. פון זיי אלע לעבט הינדע האניק אין דיימשלאנד.

הי"ד גערופן אויף א פארזאמלונג. אין דער פארזאמלונג, האט אויך אנטיילגענומען דער ה' משה'ל צוקערמאן (ער געפינט זיך היינט אין אמעריקא) אלס פארשטייער פון דער ציוניסטישער ארג. אין וואלבראם — און דאמאלט, איז געשאפן געווארן די ציוניסטישע ארג. אין דער ארג. האבן מיר באקענט און באפריינדעט זיך מיט נאך חברות און חברים. א נאנטע פריינדשאפט, האט אונז פארבינדן מיט חיה שרה צוקער.

די ערשטע צייט, האט מען א טייל פון אונזער חברות געשטערט צו געהערן אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. א ספעציעלע שטערונג מצד אירע עלטערן האט געהאט שיינע רודע קאהן די טאכטער פון אגודה פרעזעס און קהלה דאזאר ר' פישל קאהן הי"ד. זי האט סאקע פארלאזט די ארג. און געווען פון די גרינדערן פון „בית יעקב", ווו זי איז אגב געווען טעטיק ביז די לעצטע מינוטן פון איר לעבן.

די יארן אין וועלכע מיר האבן פארבראכט אין דער ציוניסטישער ארג. זיינען אפשר געווען די גליקלעכסטע יארן פון אונזער יוגענטלעכן לעבן. מיר האבן אויך באקאנט נאך חברים דארנטער, מאיר פאמעראנץ, אבראמטשע לענטשנער,

גרשון מאנגעל א. אנד. מיר האָבן תמיד צוזאמען פריילעך און אנגענעם פארבראכט. אין דער ארגאניזאציע און שפּעטער נאָך מיין חתונה — ביי מיר אין שטוב.

ווען מיר זיינען אינטערגעוואקסן, האט מאטל האניק חתונה געהאט קיין סטשעמיעשיץ, און שיינדעלע קראקאווער קיין ייענדזשעוו. אבער אונזער אינטימקייט, איז אויף קיין איין מינוט נישט אינטערגעבראָכן געוואָרן אפילו שפּעטער. ווען איך האָב אין יאָר 1937 פארלאזט שטשעקאטשין און איבערגעצויגן זיך קיין סאסנאוויץ.

די גרעסטע פרייד, איז פאר אונז געווען, ווען מיר זיינען אמאל אין אַ יום־טוב, אָדער אין א יומא־דפגרא געקומען קיין שטשעקאטשין, ווי מיר האָבן זיך אַלע ווידער צוזאמענגעטראפן. די דאזיקע מאמענטן פון פרייד, איז שווער ארויסצוברענגען אויפן פאפיר. נאָך היינט, טראָץ דעם געוואלדיקן צייט־אפשניט בעת איך דערמאָן זיך די טעג, טויכט אויף א הייליקער פריידיקער ציטער אין מיין הארץ, א ציטער, וועלכעס מען קען נישט ארויסברענגען אין פשוטע ווערטער.

דער גורל האָט געוואָלט, אז ווען די מלחמה איז אויסגעבראכן האב איך צוזאמען מיט מאָטל האניק זיך געפונען אין שטשעקאטשין. אויך די רעשט חברות אחוץ שיינדעלע קראקאווער, האָבן זיך געפונען צוזאמען.

דעם 2־טן סעפּטעמבער 1939 שבת פארנאכט, בעת ס'האָט זיך אנגעהויבן



א גרופּע חברים און חברטעס. זיצנדיק אין דער מיטן שיינדעלע קראקאווער מיט איר ברודער פיניע און קינד.

די ערשטע בהלה און פון זשאריק האָבן אנגעהויבן אנצוקומען די ערשטע פּלטים זיינען מיר אלע געשטאנען און פארברענגט אין אן אינטימען געשפרעך ביים הויז פון יעקב שלמה האניק ז״ל. מיר זיינען געשטאנען א צייט לאנג ביז די אנטשטאנענע בירגער מיליץ, האט אונז פאנאדערגעטריבן, ווייל די ערשטע דייטשע עראָפּלאנען, האבן זיך באוויזן אין שטעטל. און דאס איז געווען דאס לעצטע מאל, ווען איך האב געזען מיינע חברטעס. די דאזיקע בהלה, האט אונז אויף אייביק צעשיידט.

צומארגנס זונטיק בין איך אוועק קיין ייענדזשעוו, ווו עס האט געוווינט מיין מוטערס פאמיליע. אין מארק האב איך געטראפן שיינדעלע קראקאווער. דערזענדיק מיך האט זי אויסגערופן: אזוי זעט אויס טשעקאָטשין? — וואָס מאכט מיין



איינס פון די גליקלעכע פאר־פעלקער וואלווטלע און פרומעטל לענטשנער

מוטער? — ליידער האב איך נישט באוויזן איר צו ענטפערן, ווייל דייטשע עראפלאנען האבן אנגעהויבן צו באמבאדירן די שטאט און איך בין אוועק באהאלטן זיך. מער האָב איך זיי ליידער נישט געזען. נישט געזען מער אויך די רעשט חברים און חברטעס. אלע אן אויסנאם זיינען זיי אויף אן אכזריותדיקן אופן אומגעקומען אין טרעבלינקע.

זאלן די עטלעכע שורות זיין אנשטאט בלומען אויף די צעשפרייטע אשן פון דער גאלדענער טשעקאטשינער יוגענט, וועלכע איז צו קבר־ישראל נישט געקומען, אבער זייער אנדענק טליעט טיף אין די הערצער פון די אלע, וועלכע האָבן זיי געקענט — און זייער ליכטיקע געשטאלטן קענען נישט פארגעסן ווערן און קענען נישט פארשווינדן ווערן פון זכרון.

אלתר איצקאָוויטש (יפו)

# שטשעקאָטשין, ווי איך געדענק עס

שטשעקאָטשין אַלס קליין שטעטל, האָט נישט געהאַט די געהעריקע באַדינגונגען פאַר איר קולטורעלער און ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. נישט פאַרמאָגנדיק קיין באַן־ליניען איז ביז אין דער לעצטער צייט בעת ס׳איז אויפגעקומען די צווישן שטאָטישע אויטאָבוסן קאָמוניקאַציע, געווען כמעט ווי איזאָלירט פון דער אויסערלעכער גרויסער וועלט.

אָבער אויפן געביט פון יידישער קולטורעלער דערציאונג, איז שטשעקאָטשין אין אַלע צייטן נישט געווען אונטערשטעליק לגבי אַנדערע גרעסערע יידישע שטעט אין פוילן, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ גרעסערע יידישע באַפעלקערונג.

די אַנטוויקלונג פונעם קולטורעלן לעבן און ספּעציעל פונעם יידישן קולטורעלן לעבן אין שטעטל איז געווען צו פאַרדאַנקען אַ גרופּע ענערגישע יידישע עסקנים. וועלכע האָבן אין 20ער יאָרן פונעם יאָר־הונדערט פיל געלייסטעט אויף דעם געביט.

יעדער איז שווער צו געדענקען די נעמען פון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך מיט לייב און לעבן געווידמעט די דערציאונג פּראָבלעמען פונעם יונגן דור. דאַמאָלט בין איך ס״ה געווען אַ קליין יינגל און ממילא זיינען די נעמען אַרויס פונעם זכרון, דערפאַר וויל איך שרייבן וועגן יענע צייטן, פון וועלכער דער זכרון דינט מיר נאָך פון 1920 ביז צום אָנהויב פון דער 2־טער וועלט־מלחמה, בעת ס׳איז געקומען דער חורבן פון פּוילישן יידנטום בכלל און פון שטשעקאָטשינער יידן בפרט.

מיינע זכרונות דערגרייכן צו יענע טעג, בעת יעדער יידישער יינגל האָט געלערנט אין אַ חדר (דאָס לערנען אין דער פּאָווסעכנער שולע, איז נאָך דאַמאָלט נישט געווען קיין צוואַנג) אין וועלכן מען האָט נאַטירליך קיין אַלגעמיינע וויסנשאַפט נישט געלערנט.

דאַמאָלט, האָט דער שטשעקאָטשינער האַנטווערקער פאַראיין אָרגאַניזירט אָוונט קורסן אין וועלכע ס׳האָבן אַנטייל גענומען כמעט די גאַנצע פרייערע יוגנט פונעם שטעטל. דאָס איז טאַקע געווען דער אָנהויב פון אַלגעמיינער יידישע

בילדונג פאר די ינגלעך, וועלכע האָבן זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט דעם, וואָס זיי האבן געלערנט אין חדר.

אין יענע יאָרן איז דאס ממש געווען א „רעוואָלוציאָנערע" איבערקערעניש אין שטעטל ווייל די איינשטעלונג און מענטאליטעט פון רוב פון דער יידישער באפעלקערונג איז געווען דורכאויס א רעליגיעזע און דערפאר האָט מען געדארפט האָבן א ספעציעלן מוט פורץ־גדר צו זיין די סיוגים, אין וועלכע דאָס רעליגיעזער יידענטום האָט זיך געקלאמערט.

א דאנק אָבער די אומדערמידלעכע האנטווערקער עסקנים, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאר א ציל צו דערציען די יידישע יוגנט אין רעליגיעזע נאציאָנאלן גייסט איז זיי דאָס פאָלקאָם געלונגען או די אָוונט קורסן איז געווארן דער קערן פון די שפעטערדיקע העברעאישע שולע אין שטאָט.



מאטקע ראָזנבערג דער יונגסטער זון פון יאָשל נאקנער, מיט זיין כלה ביילה גבריאלס איי[ניקל]

לוידער זיינער מיר די נעמען  פון די עסקנים ארויס פונעם זכרון. כ׳בין אָבער איבערצייגט, אז די שטשעקאטשינער פונעם עלטערן דור, וועלכע לעבן דאָ אין לאנד און זיינען מיטבאטייליקט אינעם יזכור־בוך, וועלן זיי זיכער דערמאָנען צוזאמען מיט זייער פיאָנערישער טעטיקייט.

א פאָר יאָר שפעטער זייט די גרינדונג פון די אָוונט קורסן, איז געקומען דער 2־טער עטאפ און נעמלעך: די גרינדונג פון דער העברעאישער שולע „יבנה". די גרינדער זיינען געווען די 2 העבראיש ריידער אין שטאָט: חיים הערש יודקעוויטש און ראובן זשרנאוויעצקי הי״ד.

אלס שילער סיי פון די ערשטע אוונטקורסן און סיי פון דער „יבנה" שולע ליגט אויף מיר א חוב צו דערמאָנען וועגן יענע טעג.

די אַוונט קורסן ארגאניזירט דורך דער האנדווערקער ארג. האָבן געווירקט אויפֿן אלגעמיינעם יידישן געביט. דאקעגן די „יבנה" שולע, האָט זיך מער אנגעגעבן מיטן רעליגיעזן נאציאנאלן געביט. די „יבנה" שולע, איז געווען דאָס ערשטע אָרט, אין דער שטאָט, ווו ס'איז דערהערט געוואָרן די ציוניסטישע שטימע. אַ דאנק דער שולע קען מען זאָגן, האָט זיך שפּעטער פונאנדערגעוואקסן און אנטוויקעלט די ציוניסטישע טעטיקייט אין שטאָט. אַ טעטיקייט, וועלכע איז געקומען צום אויסדרוק אין אלע ציוניסטישע ארגאניזאציעס און יוגנט גרופּן, וועלכע, האָבן געווירקט אויף דער יידישע גאס שפּילענדיק אזוי ארום אַן אנגעזעענע ראָלע אין אלגעמיינעם יידישן לעבן.



חיים יצחק קאנאל
חיה'לה שטיבעלמאן

די דאָזיקע שפּעטערדיקע טעטיקייט איז געווען צו פאררעכענען די גרינדער און לערנער פון דער „יבנה" שולע חיים הערש אדקעוויטש און ראובן זשארנאָוויעצקי הי"ד.

אַ סך שילער, פון דער דערמאָנטער שולע זיינען ארויס פון דאָרטן באלאָדענט מיט אַ באגאזש פון וויסן און ידיעות אין דער אלגעמיינער יידישער און ציוניסטישער געשיכטע, זייענדיק באהאוונט גלייכצייטיק אין דער העברעאישער ליטעראטור און שפּראך.

דעם דאָזיקן נאציאָנאלן באוווסטזיין, וואָס די אויבערדערמאנטע 2 לערער'ס

האבן ארייגעבראכט אין זייערע תלמידים, האָט געשלאגן טיפע וואָרצלען אין יידישן לעבן פון שטשעקאטשין.

א גרויסע צאָל פון זייערע תלמידים, זיינען שפּעטער געוואָרן די אָנפירערס פון אלגעמיינעם יידישן און ציוניסטישן לעבן אין שטאָט.

א טייל פון זיי, וועלכע האבן על פי נס אויסגעמיטן די היטלעריסטישע פארניכטונג, געפינען זיך אין ישראל און פארנעמען אָן אנגעזעען אָרט אין געזעלשאפטלעכן לעבן.

א דאנק די ערשטע „יבנה" שולע, איז שפּעטער געשאפן געוואָרן די „תרבות" שולע, וועלכע איז געווען איינע פון די שענסטע אינסטיטוציעס נישט נאָר אין שטשעקאטשין, נאָר אויך אין ארומיקן קאנט.

אזוי איז אנטשטאנען א דור עסקנים, וועלכע האָבן זיך געאָפּפערט פארן ציוניסטישן געדאנק ארויסרופענדיק אנערקענונגען מיט זייער טעטיקייט ביי יעדן איינעם, וואָס איז מיט זיי געקומען אין קאָנטאקט.

א טייל פון זיי האָבן מצליח געווען אנצוקומען קיין ישראל, אָבער דער רוב פון זיי ליידער, זיינען אומגעקומען אויף דעם טראגישסטן אופן נישט האָבענדיק די זכיה צו דערלעבן און פרייען זיך מיט דער אנשטייאונג פון מדינת ישראל.

זאָלן די דאָזיקע באשיידענע שורות דינען אלס א הייליקער אנדענק פאר זייערע ליכטיקע נשמות, צוזאמען מיט די איבעריקע נשמות פון שטשעקאטשינער יידענטום, וועלכע זיינען אויף אן אכזריותדיקן אופן אומגעקומען.



חיים שמואל זיידנער
אומגעקומען צווישן די פאר־
טיזאנער אין 1943

דוד ריכט (חולון) (חיטנליד פון ועד ארגון יוצאי שטשעקאטשין)

# שטשעקאטשין, שטייט מיר פאר די אויגען

גערוידמעט דעם אנדענק פון מיין פאָטער יחיאל מרדכי ריכט הי״ד.

היה איש ואיננו עוד
קודם זמנו מת האיש הזה
ושירת חייו באמצע נפסקו

די ווערטער פון ח. נ. ביאליק, האב איך געזאגט אין דער שטשעקאטשינער שטאט־שול אויף א הערצל־ביאליק אקאדעמיע אין ערשטן יאָר, ווען ס׳איז געגרינ־דעט געוואָרן די העברעאישע שולע אין אונזער שטאָט.

די ווערטער דארפן אויך געזאָגט ווערן יעדעס מאל, ווען מיר דערמאָנען זיך און סגייען אויף אין אונזער זכרון די מענטשן, די עסקני בצרכי צבור פון שטשע־קאטשין בכלל און די אומפארגעסלעכע געשטאלט פון מיין פאָטער הי״ד בפרט.

אלט זייענדיק 12 יאָר, האָב איך אלס פארשטייער פון דער העבראישער שולע מספיד געווען הרצל און ביאליקן אין דער העברעאישער שפראך. איך געדענק, ווי ס׳וואלט געווען ערשט נעכטן. אלע אָן אויסנאם איינוווינער האבן זיך געוואונדערט. איז דאָס אמת א שטשעקאטשינער בחורל רעדט פריי העבראיש אין דער שטאָט־שול! פאר מיינע אויגן שטיים דאָס געשטאלט פון מיין פאָטער יחיאל מרדכי ריכט, וועלכער האָט ממש געשטראלט פאר פרייד. כ׳האָב געפילט, אז ער איז פשוט יונגער געוואָרן און געגעבן אים א שטויס קראפט מיט זיין גאנצן טעמפעראמענט ווייטער זיך צו ווידמענען די עקזיסטענץ פון דער שולע, ווו דער רוב פון דער שטעטלדיקער יוגנט האָבן באקומען א נאציאָנאל־רעליגיעזע דער־ציאונג, פאר מיינע אויגן שוועבן נאָך די פריילעכע שמייכלען פון די עלטערן, וועלכע האָבן געשעפט נחת פון זייערע קינדער, וועלכע האבן אין זעלבן טאָג אויסגעפירט א פארשטעלונג אין דער העברעאישער שפראך.

ביי מיין פאָטער אין שטוב, אלס קהלה פרעזעס האָב איך בייגעוווינט פארשידענע פאקטן, וועלכע האָבן זיך איינגעקריצט טיף אין מיין זכרון און וועגן איינעם אזא פאקט וויל איך דערמאָנען אינעם יזכור בוך:

געווען איז עס ביי אונז אין שטוב. א גרופע חסידישע יידן מיט מיין זיידן



א גרופע פון דער העברעאישער שולע א. נ. ח. נ. ביאליק

ר׳ יעקב שלמה האניק ז״ל בראש זיינען ארייגעקומען צו אונז און פארמאכט זיך מיט מיין פאטער פירענדיק מיט אים אן אינטימען געשפרעך. פלוצים האָב איך געהערט ווי מיין פאָטער רעדט מין אן אויפגערעגטער שטימע: — ניין! — ווי לאנג איך וועל זיין פרעזעס, וועט דאָס בילד הענגען און קיינער וועט עס נישט אראָפנעמען. און פארענדיקט האָט ער מיט א דעצידירענדער שטימע: מער האבן מיר ליידער וועגן דעם נישט צו פירן קיין דיסקוסיעס.

געהאנדלט האָט זיך וועגן דעם: אלס קהלה פרעזעס איז אים צוזאמען מיט נאָך עטלעכע ייבדל לחיים (וועלכע געפינען זיך אין לאנד) געלונגען איינצולייגען דאס אלטע בית־המדרש און אויף דעם אָרט איז אויפגעבויט געוואָרן א ניי מאדערן בית־המדרש מיט גרויסע ליכטיקע פענסטער. עס איז געווען א פרעכטיקער בנין און אויף דעם גארן איז אויסגעבויט געוואָרן א שיינער זאל, וואָס האָט געדינט אלס קהלה צימער. אינעם קהלה זאַל, איז אויפגהאנגען געוואָרן א גרויס בילד פון ד״ר הרצל. היות, אָבער, דאָס בילד איז געווען בגילוי ראש האָבן דאָס נישט געקענט סובל זיין די חסידישע דאזארעס און באמיט זיך מיט אלע מעגליכקייטן דאָס בילד אראָפצורייסן.

אָנטרעפענדיק זיך אויף אן ענערגישן ווידערשטאנד מצד מיין פאָטער און



א פאַרשטעלונג פון דער העבראַישער שולע

מצד די אנדערע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע דאַזאַרעס האָבן זיי דערפון געמוזט רעזיגנירן.

ווען איך זאָל וועלן באַשרייבן די פיל פאַקטן און עפּיזאָדן, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון וועגן דער טעטיקייט פון מיין פאָטער וואָלט איך געדאַרפט אַ סך ווידמענען אין דעם יזכור בוך. איך לאָז דאָס איבער פאַר אנדערע ביי וועמען דער אנדענק פון מיין פאָטער איז נאָך זיכער טיף איינגעקריצט אין זייערע זכרונות.

אומגעבראַכט איז ער געוואָרן אין סוף 1942 דורך אַ געסטאַפּאָ שאָס. וואָס איז אין אים געצילט געוואָרן בעת ער איז געפירט געוואָרן אויף אַן אויספאַרשונג אלס פאַרדעכטיקער אין מיטהעלפן אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער גרופּע אין שטשע־קאַטשינער וואַלד.

תהי נפשו צרורה בצרור החיים!

מרדכי בן שלמה (גרייפנר) גדרה

# קהלת שצקוצין



מתוך אחריות גדולה נטלנו על עצמנו לערוך את הספר לזכר קהילות שצקוצין (הידועה בשם סטקוסשין) הקרוב והיקרה לליבנו.

משאת נפשנו היא להציב יד וזכר לקהילה בתפוצות הגולה, שאם, כי לא נחשבה בין הקהלות הגדולות בגלות פולין במספר יהודיה, — אך לעומת זאת נתפרסמה כמקום תורה בסביבתה וממנה יצאו הרבה אנשי תורה וחכמי השכלה במאה שעברה.

יחד עם השמדת יהודי העיירה הלכו לאבדון ולכליון גם פנקסי הקהילה (בני מאות שנים), הספרים, התעודות וכל המסמכים של המוסדות הדתיים והחילוניים. וכמו־כן — של כל המוסדות והארגונים הכלכליים שפעלו במקום ויכלו לשמש לנו חומר חשוב, ומפני זה נמנע מאתנו המקור, ליצירת תמונה שלמה מחיי יהודי שצקוצין בעבר.

מפי שרידי זקני העיירה שהיו אתנו בארץ בשנים האחרונות, גם משיחות עם חברנו המבוגרים שיבדלו לחיים, הנמצאים כעת בארץ, הצלחנו לאסוף חומר על חיי אבותנו בדורות עברו.

באנציקלופדיה הכללית הפולנית הוצאת גוטנברג כרך XVI עמוד 302 קראתי מתחת למילה Szczekociny בזה הלשון: עיר בפלך וולושטשבה (מחוז קילצו ע"י הנהר „פיליצה" העליונה 19 קל"מ מתחנת סנזישוב (מס. ה"ב קילצו—סטזשעמיעשיצע) מונה 5.611 תושבים. נמצאים בה: בישיר לספורס, ביח"ר לעורות (בורסקי), תחנת קמח, ומנסרות. כמו כן: מסחר בהמות ותוצרת חקלאות. שצקוצין היא עיר מהמאה ה־15 עם בית־משפט ומוסדות מוניציפאליים.

בשנת 1560—1660 היתה משמשת כמקום ריכוז של המורדים הפולנים. בשנת 1790 ניהל קושטשוקא קרב לא מוצלח עם צבאות רוסיה—פרוסיה, שבו נפלו 2 גנרלים.



נתן, מרים לאה זיידנער און פאמיליע. אלע אומגעקומען
געבליבן אין איינקל וולאדימיערסקי לעבט אין ישראל

מה שנוגע לשצקוצין היהודית חסרים לנו מקורות היסטוריות אמתיים. ישנן השערות, שהקהילה הזאת היא אחת מהראשונות בפולין.

זקני העיר היו מספרים, שהראשונים שהתישבו שם היו מהגרים, או יותר נכון פליטים מגרמניה, רובם ממשפחת שברצבוים שסדרו ע״י הנהר בית מלאכה לבורסקי, גם משפחת זילברשטין היו בין התושבים הראשונים ויצרו דבק חם (נגרים) מהפסולת של העורות, סביבם התאספו והסתדרו תושבים אחרים שיסדו קהילה יהודית.

מפי אבות אבותינו שמעתי, שבת אצילה, כנראה בתולה זקנה וקתולית אדוקה בנתה על חשבונה הכנסיה הנוצרית וגם להבדיל בין טומאה לטהרה את בית הכנסת.

סבה של אמא ז״ל ממשפחת זילברשטיין שהוא זכר את מרד הפולנים, סיפר לי בילדותי שהיהודים סבלו אז משני הצדדים בזמן שהעירה שמשה קטע מהחזית והיתה עוברת מיד ליד. היו צעירים שהשתתפו בגדוד היהודי של המצביא בערק יוסלביץ ביחד עם הפולנים.

הקוזקים הטילו קנסות על יהודי המקום ובכבשם את העירה הכריכו את היהודים לספק לצבא הרוסי בגדים ומגפים.

במלחמת השבדים נשרפה העיר כולה, והפולנים האשימו את היהודים בנאמנות לאויביהם ועשו בהם פרעות.

כפי שמוסרים המקורות ההיסטוריים, וגם לפי שסיפרו זקני העיר היו לתושביה היהודים בעלי זכות ביחד עם הנוצרים. העשירים שבהם היו מלווים בריבית לבעלי אחוזות, וקנו מהם את תוצרתם כמו יין שרף ותבואות. חלק מהם החזיקו בחנויות וספקו את צרכי האיכרים בסביבה. היו ביניהם גם רוכלים שהסתובבו בכפרים בכל ימי־חול בשבוע, קנו ומכרו בצורת חליפים ואשראות. החיים האלה התנהלו כל זמן שבפולין היה שלטון פיאדלי, ותושבי העירות היו תלויים באצילים (שלאכטא) ושלמו להם מסים. לעומת זאת היה להם חופש בסידורים התרבותיים והדתיים, ונהנו מזכויות מיותרות שלא היה לתושבים האחרים.

במשך הזמן התגבשו בין היהודים שלושה סוגים: א) בני תורה על פי רוב חסידים. ב) בעלי בתים יודעי ספר. ג) סתם יהודים. הם היו בעלי מלאכות ורוכלים. החסידים התרכזו בבתי תפילות שלהם (שטיבלעך) כל קבוצה לפי הרבי שאליו היו נוסעים ובידיהם היה גם השלטון של הקהילה.

בעלי־הבתים היו מתאספים בבית המדרש ובו היו מבלים את ימי השבתות והחגים, וגם בערבים החופשים.



חתן כלה; אהרן ישראל לעשענערס און אייניקל
די כלה, שלמה גאָלדשמידס טאָכטער

בעלי מלאכה היו מתפללים בבית הכנסת והיו גם חברות משלהם, כגון: חברת החייטים, הקצבים, וכדומה.

הנוער מקטנותא הווה שני עולמות: למלמד הדרדקאי היו באים תלמידים מהגבירים ובעלי בתים. ילדי העניים היו לומדים בחדר „תלמוד תורה” חינם על

השבון החברה. בגיל 10—12 התפלגו. חלק התחיל ללמוד מקצוע אצל אבא שלו או אצל אחר, כרצונו. בני הגבירים ובעלי האמצעים עברו למלמדי „גדולים" ובילו אצלם כמה שנים בהתעמקם בגמרא ותוספות.

בהגיעו לגיל המצוות עברו ללמוד לבית המדרש בכדי ללמוד באופן עצמאי. ולשמוע שיעור בתלמוד ממורה השיעור או מאברך שלמדו אתם חינם.

מצב היהודים בפולין נעשה רע. השלטון הרוסי הוציא חוקים הגובלים את היהודים בהתעסקותם למשל: מסחר וכו׳ היה כמעט לגמרי בידיהם ונלקח מהם ע"י המונופול ונמסר לפקידים ממשלתיים בפנסיה וכו׳ גם האינטליגנציה הפולנית התחילה ללטוש עין רעה למסחר היהודי בכל מיני תחבולות ע"י פתיחת צרכניות חנויות פרטיות פולניות ולקחו מהם את פרנסתם.

התשוקה מצד הנוער היהודי להשכלה, וגם המצב הכלכלי גרמו שחלק מהם עזבו את העירה. מי לישיבה גדולה בנכר, ומי לעיר גדולה למצוא עבודה בבית־מסחר או באיזה מקצוע אחר. ובבואם הביתה לחג, הביאו אתם מחדשות הארץ הן בלבוש והן בחיים התרבותיים והחברתיים.

בילדותי כבר נודע לנו מהרעיון הציוני. הגורם העיקרי להפיץ את הרעיון הזה בעירנו היה מורינו ר׳ זיסמן דוד בוגומולני ז"ל איש רוסיה שהתישב בשצקוצין בתור מלמד, אחרי שעזב הארץ מסיבות שונות (נכדיו הנמצאים כעת ברחובות) ספרו לי: שעבד כגדרה בגידול טבק (כפי שמסר להם). אצלו ראיתי את העתון „הצפירה" והצצתי בפעם הראשונה כחיי בעתון עברי.



שלמה קראקאווער אומגעקומען אין פאריז, יעקל מייראָוויטש אומגעקומען אין סאָסנאָוויץ

לאט, לאט, התחיל הרעיון הציוני להכות שרשים. בבית המדרש קראו את העתון בין שיעור לשיעור כמובן באופן מסתורי מאחורי הגמרא. גם מלחמת רוסיה—יפן, בהתחלת המאה הנוכחית הכשירה את הרקע לקרוא עתונים באידיש ובעברית באופן גלוי.

יחד עם החדשות של המלחמה קראנו גם כן כל המאמרים הפוליטיים והתרבותיים וזאת הביא להתענינות בספרים חילונים לפי שקראו לזה הזקנים „אפיקורסים". מובן מאליו שהנוער תוסס לא פסח מעל כל חדשות של ההתעוררות הסוציאליסטית שקמה אז ברוסיה ובפולין ושמשה נושא לשיחות חולין בין חובשי בית־המדרש.

המצב הכלכלי של היהודים נעשה קשה ושפל ע"י תנועת החרם „בויקאט) מצד האינטליגנציה הפולנית כלפי המסחר היהודי והדבר הזה היה מורגש גם בעירנו. מסיבה זאת אחדים מבני טובים אברכים ורווקים עזבו את שצקוצקין ועברו לערים גדולות לחפש פרנסה. הרוב מהנוער בעיר החליטו ללמוד מקצוע ככדי לחיות מיגיעת כפיהם.

מובן מאליו ששינוי זה השפיע לא פחות גם על השכבה הצעירה בבית המדרש שהתחילו לחפש כל מיני דרכים לשינוי מצבם.

בהיותם מתוחים עם כל מיני רעיונות לעתיד קפצה עליהם המלחמה העולמית הראשונה „1914".

המאורע הזה החזירה שוב כמעט את כל יוצאי עירנו „הביתה" לשצקוצין. עם היריות הראשונות באו הגרמנים, בהתחלת שנת 1915 חזרו הרוסים והחזיקו חזית בסביבת העיר איזה חודשים ובמקומם השתלטו על העיר האוסטרים ונשארו שמה עד קום פולניה העצמאית.

גם בקרב הנוער היהודי לא פסחה ההתעוררות הזו.

השינוי הכביר שהמלחמה העולמית הראשונה הביאה בעולם עם התעוררות של העמים הקטנים בכלל והעם הפולני בפרט, הקיץ את הנוער היהודי מתרמתו ודחף אותם לחיים חדשים. לפי רוח הזמן, הן בין חובשי בית־המדרש, הן בין הנוער המתקדם.

יחד עם עתונים היו מביאים ספרי לימוד בשפת המדינה שהיו מתהלכות אז, ספרי מדע באידיש ועברית וגם כל מיני חוברות של מפלגות פוליטיות שצצו אז כפטריות ברחוב היהודי.

כל הגורמים הנזכרים נתנו דחיפה להתעוררות כללית בין הנוער. אלה שישבו ערב ובוקר והתעסקו בבעיות התלמוד בבית המדרש ובבתי תפילות שונות של החסידים, וגם אלה שעזרו להוריהם במסחר ובעבודה התחילו ללמוד פולנית.



פייגעלע קראקאווער די פרוי
פון אברהם יצחק קראקאווער

גרמנית אצל מורים פרטיים והיו אפילו כאלה שחלמו להתכונן לבחינות כניסה לבית ספר תיכון שנפתח בעיר.

אחרי פגישות רבות, ונסיונות שונים נוצרה האפשרות לקבל בהשאלה ספרים לקריאה נגד תשלום זעיר או פקדון של ספר אחר. ככה שטפו החיים החדשים והתוססים מזה זמן בפלגים זעירים בכל החוגים המתקדמים במקום.

הספריה החשאית וכמעט פרטית לא יכלה לספק את התשוקה לספרי קריאה שגדלה מיום ליום. בכדי להתגבר על הצורך הזה הסתדרו קבוצות בחורים כסקציה דרמטית חובבים, שהכינו בכוחות עצמאים הצגות תיאטרליות לטובת ספריה צבורית.

(כדאי לציין שבזמן הראשון לא נמצאו בעיר בחורות שתעזנה לפרוץ את הגדר ולהשתתף בהצגות, ותפקידי הבנות מילאו בחורים). בכוחות משותפים של כל האינטלקטואלים שנמצאו במקום הצליחו הפעולות האלה במובן התרבותי והחברותי. והודות לזאת שכל העבודות הטכניות נעשו בהתנדבות הספיקו ההכנסות לצבר קרן לשם פתיחת ספריה צבורית, ולהגדיל את מספר הספרים נוסף לאלה שהיו, ונאספו מאנשים פרטיים.

ככה התקדמו החיים בקרב הנוער שהתחילו לרקום רעיונות ולשרטט תוכניותיו לעתיד. והנה קמה פולניה העצמאית ונפל בגורלה לצאת למלחמה נגד רוסיה הסובייטית. יחד עם הכרזת גיוס כללי ע״י הממשלה הפולנית הזמנית



דאָס פּאַרפּאָלק, בערל לייב און הינדה ווײַדנער אומגעקומען אינעם יאָר 1942

התחילו המתנדבים הפולנים לעשות פרעות ביהודים (קילץ 1919). מובן מאליו שבתנאים כאלה הנוער היהודי לא נענה בהתלהבות לצאת לחזית. „בעד המולדת" הצעירה.

חלק גדול חצו את הגבול לגרמניה השכנה ומשם התפזרו לכל פינות העולם ואחדים מהם הגיעו לארץ ישראל.

לאור האנדרלמוסיה בא שיתוק גמור בחיים החברתיים. הספריה ירדה לשפל גמור, עד שאחד מהתושבים רחם עליה ושם את הספרים על עלית הגג בביתו.

רק בשנת 1922 כשהותיקים נשתחררו מהצבא וביחד עם כוחות צעירים שהתבגרו בינתיים באה התעוררות בחיים הצבוריים.

הספריה השתכנה באולם גדול. חודשו ההצגות התיאטרליות ומהכנסותיו נוספו ספרים חדשים לשארית הפליטה.

הנוער הציוני התארגן מחדש במפלגות „התאחדות" ו„פועלי ציון שמאל". עם האפשרות הראשונה עלו כמה משפחות ורווקים ארצה. גם כותב הזכרונות עלה בתוכם. זה היה בסוף שנת 1925.

המצב הכלכלי של היהודים בעירה השתפר כנראה קצת. נוספו תושבים צעירים בלי הרף וביחד עם הנוער שגדל בתנאים יותר טובים וליברליים פתחו בית ספר עברי לשעות אחרי הצהרים. בהתחלה היה שייך לזרם „מזרחי" אחרי איזה שנים עבר לרשת בתי ספר „תרבות" וקבל אישור ממשלתי כמוסד חינוכי יסודי יהודי.



די שטשעקאטשינער יוגנט אויף א זומער קאלאניע

גם שלטון הקהלה עבר לידים לאומיות ובמועצת העיריה רוב נציגי היהודים היו ממפלגת הציונים. אחדים מבני הנוער קבלו חנוך תיכוני ואף הגיעו להשכלה אקדמית. (שניים למדו כאן בארץ). למרות כל ההתפתחות התרבותית במובן החברתי, התפלג שיב הנוער וקמו סניפים נוספים של „בית״ר, „גרודוניה״

„הנוער הציוני״, „צעירי מזרחי״, „אגודת שלומי אמני ישראל״, ו„צעירי אגודת ישראל״ עם נוער שלהם וגם בית ספר „בית־יעקב״. בחורים אחדים יצאו להכשרה ובילו זמן ניכר בתנועות החלוציות של אז. לצערנו לא הגיעו לעליה חוץ משלושה קרוב לפני פרוץ מלחמת העולם השניה.

דיין חדש, תלמיד חכם צעיר עם לב יהודי חם שהיה ידוע בשם „הרב מלאזי״ ארגן שעורים בתלמוד לנוער הלומד וביחד עם הרופא המקומי ד״ר מייזלר הי״ד יזמו קופת גמ״ח שהביאה עזרה גדולה בהלואות בלי ריבית לרוכלים, חנונים ובעלי מלאכות.



א גרופע באפרייטע פון בטרגן בעלזען

כל החיים האלה נפסקו עם פרוץ מלחמת הנאצים בפולנים וכל הרכוש היהודי ביחד עם הספריה הגדולה הלך לאבדון.

כל בתי היהודים נשרפו ע״י פצצות שרפה מהאויר כבר בשבת הראשונה (בספטמבר 1939) אלה שראו את הנולד אספו את בני משפחתם והגרו מזרחה לכיוון רוסיה. בשנת 1946 הצליחו לחזור לפולניה בהשאירם שם 3 קברים ודרך גרמניה הגיעו למחוז חפצם למדינת ישראל העצמאית.

אלה הם תולדות קהילת שצקוצין שהייתה פעם ושוב לא תהיה.

תהי זכרה צרור בתוכנו לעולם ועד.



אגרופע מיידלעך, פון זיי אלע לעבם אין ישראל די מיטעלסטע אין די ערשטע רייע, ראכעלע איצקאָוויטש (איצט מיאדאווע)



שוועסטער און ברודער:
אליהו אוןביילע זיידנער אומגעקומען אין 1942



א קינדער פאַרשטעלונג ביים ענדיקן דאָס שול יאָר



א גרופע שטשעקאטשינער מיידלעך
פון זיי אלע לעבט אין ישראל טובה (יונה) גרייפנער

## חלק שני
## צווייטע טייל

# התחלת החורבן

# דער אנהויב פונעם חורבן

אבראמטשע

# דער אנהויב פונעם חורבן

אין די ערשטע טעג פונעם חודש אויגוסט 1939, האט מען שוין אין שטאט באמערקט, אז עס „גרייט זיך עפעס": אלע יידן, וועלכע האבן געהאט א שייכות מיט שטשעקאטשין, בעפירט געשעפטן אויסער שטשעקאטשין, ווי זאגלעמביע, אויבערשלעזיען א.ד.ג. האבן כסדר געבראכט זייערע סחורות און „פארשטעקט" זיי אין די קעלערס ביי זייערע באקאנטע פון שטאט.

די שטימונג, איז געווען א געררייצטע. ביים סוף פון חודש אויגוסט בערך דעם 24טן, איז פארגעקומען די לעצטע זיצונג פון דער קאאפעראטיווער באנק לויט די אנווייזונגען פון דער ווארשאווער צענטראלע ווי אזוי די באנק דארפט געפירט ווערן, אויב עס וועט אויסברעכן א מלחמה.

אויף אט דער זיצונג, האט דער ראט־פרעזעס ד"ר לער איבערגעגעבן, אז זיינע שוויגער עלטערן, וועלכע האבן געוווינט אין קאליש געפינען זיך שוין ביי אים אין רעזולטאט פון די מלחמה־שטימונגען, וואס האט ארומגענומען גאנץ פוילן.

אויף אט דער זיצונג, איז אויך ארומגערעדט געווארן די פראגע, הלמאי, אלע לאקירן זייערע סחורות אין אונזער שטעטל ? א טייל, האבן ארויסגעזאגט די מיינונג, אז עס וועט זיין שווער פארן דייטש אדורכצוברעכן דעם פראנט פונעם שטשעקאטשינער שטח ווי: טשענסטעכאוו, זאוויערטשע, זשארקי א.ד.ג. ווייל אלע סלעצער זיינען מינירט און שטארק פארפעסטיקט. איבריק צו דערמאנען, אז אונזער זיצונג האט אנגענומען באשלוסן אינעם גייסט פון די אנווייזונגען פון דער ווארשאווער צענטראלע

די שטימונג אין אבער פון שעה געווארן געשפאנטער, מיר האבן געפילט, אז עס דערנענטערן זיך גורלפולע מאמענטן פאר דער פוילישער מלוכה בכלל און פאר אונז יידן בפרט.



Zarząd Miejski w Szczekocinach — Szczekociny dn.20.XII.1945 r.

Nr.58/27/45

Do
Ob.M-Ulejpnera
M.ben-Shlome
Gadera Palestyna

W odpowiedzi na pismo Ob.Zarząd Miejski zawiadamia, że rodziny żydowskie powracające z obozów koncentracyjnych na terenie miasta Szczekociny nie zamieszkują.

Sekretarz — Burmistrz

העקסאָגראַף פון דער טעלעגראַמע, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון שטשעקאָטשינער מאַגיסטראַט אין וועלכע ס'ווערט מיטגעטיילט, אַז שטשעקאָטשין איז יידן ריין.

די פּאַניק, האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז דעם 27־טן אויגוסט, בעווען איז עס מיטוואָך אין מאַרק־טאָג. מען האָט אָנגעהויבן אויסקלעבן מאָביליזיר־פּלאַקאַטן. די בהלה האָט ארומגעכאַפּט די גאַנצע באַפעלקערונג. ווי די מלחמה וואָלט שוין אויסגעבראָכן און א פייער האָט ארומגענומען אַלצדינג.

די צעררייצקייט, האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז פרייטיק פרי דעם 1־טן סעפּטעמבער. הגם די ידיעה וועגן מלחמה־אויסברוך, האָט דער פּוילישער ראַדיאָ איבערגעגעבן די בירגער ערשט 10 אזייגער פרי, האָבן מיר שוין אָבער 7 פרי געהאַט א מאַסגעבענדע ידיעה, אַז דער טונעל סענדזישאָוו מיעכאָוו איז 4 אזייגער פאַרטאָגס באַמבאַרדירט געוואָרן דורך דייטשע עראָפּלאַנען.

פון באַגינען אָן, האָט נישט אויפגעהערט דער שטראָם פון מענטשן און סחורות, וועלכע זיינען אדורכגעפאָרן און אדורכגעפירט געוואָרן דורך שטשעקאָטשין — קיין מזרח צו.

דעם זעלבן פרייטיק, האָט דער מאַגיסטראַט ארויסגעגעבן א פאַראָרדנונג, אַז אלע מענער פון 16 ביז 60 דאַרפן צומאָרגנס (שבת) זיך שטעלן גראָבן שוץ־גראָבנס. אין דער פאַראָרדענונג איז גלייכצייטיק געזאָגט געוואָרן: אַז יעדער זאָל מיטנעמען מיט זיך כלים צו דער אַרבעט.

לויט דער איניציאַטיוו פון דער קהלה לייטונג, זיינען אלע יידן גערופן געוואָרן צו דאַווענען שבת צוזאַמען בכדי אין דער באַשטימטער שעה זיין גרייט ארויסצוגיין צו דער אַרבעט.

אַרויסקומענדיק אויפֿן זאַמעל־פּונקט (אינעם מאַרק) האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גרעסטער טייל, האָט נישט קיין אַרבעטס מכשירים. די יידישע אייזן סוחרים, האָבן אָבער גלייך געפּעפּנט זייערע געשעפֿטן און אַרויסגעגעבן די נויטיקע מכשירים.

די אַרבעט ביי די גראָבענס האָט געדויערט ביז 6 אָוונט.

אין צווישנצייט האָבן מיר שוין באַקומען די ערשטע טרויעריקע בשורה: זשאַרקי, איז מיטאָג צייט געוואָרן באָמבאַדירט. עס זיינען פאַראַן אַ סך קרבנות און דאָס שטעטל שטייט אין פלאַמען. אַוועקגייענדיק פֿון דער אַרבעט האָבן מיר זיך שוין באַגעגנט מיט די ערשטע פּליטים פֿון זשאַרקי, ווי אויך עטלעכע פאַרוווּנדעטע, וועלכע האָבן געהאָפט צו באַקומען הילף אין טשענסטאָכאָוו.

ליידער אָבער, זיינען מיר געווען אַליין הילפלאָז און אומגעכטיק און שוין געפונען זיך אונטערן רושם פֿון דעם, וואָס עס האָבן דערציילט די אַנטלאָפענע פֿון אַרומיקן קאַנט, וועלכע זיינען אין דער גרעסטער פּאַניק געקומען צו אונז.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַזעלכע בשורות האָבן געווירקט דערפרימירענד אויף די געמוט אונזערע נערוון צעטרייסלונג און גלייך, האָבן מיר אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאַרלאָזן די שטאָט, צוגלייך מיטן פּליטים שטראָם.

אין יענער נאַכט פֿון 2־טן אויפֿן 3־טן סעפּטעמבער 1939, איז זיכער קיין איין מענטש נישט געשלאָפֿן. עס איז געווען אַ „ליל שימורים״. די בהלה איז געוואָרן אומבאַשרייבלעך. מענטשן זיינען געלאָפֿן פאַרצווייפלט מיט דער איינציקער פֿראַגע: וואָס טוט מען? אַלעמענס נערוון זיינען געוואָרן געשפּאַנט אין דער ריכטונג זוכענדיק מיטלען ווי אַזוי אַרויסצופֿאָרן פֿון שטעטל.

עס איז געוואָרן אַ פּסיכאָז צו לאָזן זיך אויפֿן וועג קיין מזרח, ווער צו פוס מיט די פּעק און קינדער אויף די פּלייצעס, אַ סך מיט געדונגענע פורן, די מער מזלדיקע האָבן פאַרן פּרייז פֿון בענזין און אַנדערן ברען־מאַטעריאַל, אַרויפֿגעכאַפּט זיך אויף אויטאָס ביי וועלכע עס האָט זיך שוין געפֿילט אַ מאַנגל אין בענזין.

אַ ספּעציעלן מזל האָט צוגעשפּילט אַ גרופּע טשענסטאָכאָווער יידן דאַרינטער אויך עטלעכע קריסטלעכע משפּחות, וועלכע האָבן געהאַט צוגעגרייט בענזין און דענאוטאַרס—אַריינצובאַקומען זיך אינעם גרויסן אויטאָבוס, וואָס האָט קורסירט אויף דער ליניע סאָסנאָוויץ—טשענסטאָכאָוו—קיעלץ. דער אויטאָ, האָט אַריינגענומען אין זיך 80 מענטשן.

שווער איז געווען אַריינצובאַקומען זיך אין איס, אָבער נאָך שווערער איז געווען אַרויסצופֿאָרן דעם אויטאָ פֿון שטאָט. דורך דעם גאַנצן וועג ביז מאַסקאָשעוו

—באלעגעוו. אין דער שאסיי געווען באדעקט מיט א מענטשן מאסע. וואס האט אונאויפהערלעך געשטראמט נאך מזרח. הונדערטער מענטשן האבן אויסגע־שטרעקט אין זייער נעבעכדיקייט די הענט זוכענדיק ביי אונז רעטונג.

פאר די אויגן שוועבט דאס בילד; בעת איך בין א מזלדיקער אריין אינעם אויטאָ און געזעגנט זיך מיט א גרופע יידן צווישן וועלכע עס האט זיך אויך געפונען דער עסקן און מיטגליד פונעם אנטי־היטלער קאָמיטעט ישעיה מיאדאווע הי״ד. וועמענס לעצטע ווערטער זיינען געווען: „הלואי זאלן מיר זיך נאך זען״!

שוין דאמאלט אין די ערשטע מינוטן פונעם ווילדן געלויף, האט געקענט פאסירן אזא פאל; (אין די ערשטע מינוטן פונעם קריגס־אויסברוך איז עס נאך געווען א זעלטענהייט). א היימלויפענדיק נאך די דאָקומענטן, האט א פרוי פון זשארקי געיאָמערט; יידן האט רחמנות לאָזט מיר ערגעץ ווו אָפּלייגן א האלבן וואגן שניט סחורה, בכדי כ׳זאל קענען ווייטער פאָרן, די פערד שטייען אָט און איך וועל בלייבן פארשטעקט דא.

— מיין ענטפער איז געווען: איר קענט אָפּלייגן די סחורה ביי מיר, אָבער איך אליין פארלאָז די שטאָט.

איבערגעבנדיק די פרוי די שליסלען, האָב איך אין דער גרעסטער איילעניש זי פארלאָזט בכדי צו באוויזן אריינצופאקן זיך אינעם אויטאָ.

אונטער דעם שווערן דראנג פון דער מענטשן מאסע צונויפגעמישט מיט פערד, בהמות מיט וועלכע דער וועג איז געווען געפראפט, האט דער אויטאָ קוים געקענט פריי מאכן זיך א־וועג ביז נאך מאסקאשעוו. דאָרט, איז דער וועג שוין געוואָרן אביסל פרייער און אזוי זיינען מיר א זייגער 9.30 פרי אָנגעקומען קיין יענדזשעוו.

דאָ האט אונז געטראָפן אן אנגענעמע איבערראשונג. אין יענדזשעוו, הגם זי האט באזיצט א באן ליניע, האט מען לגמרי נישט אנגעזען די מלחמה שטימונג און קיין איינער פון די שטאָטישע איינוווינער האט נאך נישט געוווסט, ווי טריוועריק דער מצב איז.

מיר האָבן אָבער געוווסט, אז דאס איז א שטילקייט פאר א גרויסן שטורם און פארברענגענדיק א האלבע שעה אין יענדזשעוו זיינען מיר ווייטער געפאָרן קיין פינטשעוו. אין דער מיינונג זיינען מיר געווען צו פאָרן קיין בוסק (א באריִמט קוראָרט אין פוילן) ווו מיר האבן געגלויבט, אז אין דעם שטילן שטעטעלע, וועלן מיר קענען פארבלייבן א געוויסע צייט עד שיעבור זעם, אזוי אָבער, ווי דער שאָפער האט געזען, אז עס גייט אויס דער בענזין זאפאס, האבן מיר באשלאָסן אויפצוהאלטן זיך דערווייל אין פינטשעוו און באמיען זיך וועגן בענזין.

אין אונזער גרופע האט זיך אויך געפונען דער קריסטלעכער אדוואקאט

בעקער ווילכער איז צופעליק געווען באקאנט מיטן ארטיקן געריכטס עקזעקוטאר און ביי אים האט אדוואקאט בעקער געפועלט. אז ער זאל אינטערוועניר̈ן ביים סטאראסטווע, אז מען זאל אונז פארקויפן בענזין. ווייל דא האבן מיר זיך דערוווסט אז דער גאנצער בענזין איז רעקווירירט פארן מיליטער.

די אינטערווענצן האבן זיך געצויגן ביז 6 א זייגער אוונט און דאן, האבן מיר זיך ערשט דערוווסט, אז אונזערע באמיאונגען זיינען געגאנגען אין ניוועץ, מיר קענען קיין בענזין נישט באקומען.

נישט האבענדיק קיין ברירה, האבן מיר באשלאסן צו דינגען פערד און וואגן ביז אפאטאוו־קיעלץ. מיר האבן זיך באדונגען מיט די בעלי־עגלות צו 100 זל. פאר א פאר פערד (ביים אנהויב פון דער מלחמה איז דאס געווען א גרויסע סומע געלט). אין נארמאלע צייטן האט אזא יאזדע געדארפט קאסטן מאקסימום 15 זלאטעס.

מיר האבן געגעבן האנט־געלט צו 20—30 זל. און באשטימט אז 3 א זייגער ביינאכט זאלן מיר פארלאזן פינטשעוו.

די נאכט האבן מיר פארבראכט אין אויסערגעווײנלעכער שפאנונג. אייגענטלעך נאר א האלבע נאכט, ווייל ארום 12 אזייגער האבן מיר זיך דערוווסט, אז די בעלי־עגלות האבן חרטה באקומען מיט אויסרייד, אז זייערע פרויען לאזן זיי נישט אוועקפארן, ווייל מעגלעך, אז זיי אליין וועלן דארפן זיך עוואקואירן.

ביינאנד מיט דעם, האבן מיר זיך דערוווסט, אז דער יעצטשעווער סטא־ראסטווע, די פאליציי, און אלע באאמטע פארלאזן די שטאט, קלאר זיך פאר־צושטעלן, וואס פאר א בהלה די ידיעות האבן ארויסגערופן ביי דער באפעל־קערונג.

מיר האבן נאכאמאל באשלאסן פרובירן מזל ביים סטאראסטווע בכדי צו באקומען בענזין. מיר האבן אנגעקלאפט אין אלע טירן און אין דער לעצטער מינוט ארום 4 פארטאג איז אונז ממש געשענא נס; דער סטאראסטווע. האט באוויליקט צו געבן בענזין נאר מיטן באדינג, אז מיר זאלן פארלאדנען א האלבן אויטא מיט רעגירונגס־ארכיוון. געבענדיק אונז דערוויל 5 ליטער בענזין, אז מיר זאלן קענען צופארן צום ארט איינצולאדנען דעם ארכיוו...

אין דעם מאמענט איז אנטשטאנען א שארף פראבלעם ׀ דער אויטא, אין דאך געווען אנגעפאקט פול מיט מענטשן, האט מען געדארפט דעצידירן, ווער ס'זאל פארבלייבן און ווער עס זאל פארן? די לאגע איז נאך באשווערט געווארן מיט דעם, וואס אין פינטשעוו זיינען צו אונזער גרופע צוגעקומען נאך 2 שטשעקאטשינער פאמיליעס: מאיר האניק מיט די פרוי און 2 קינדער און יעקב

בארנשטיין מיט זיין כלה הינדה האניק (זיי אלע געפינען זיך היינט אין דייטש־לאנד) אויך א זאוויערטשער יונגערמאן (דער נאָמען איז ליידער ארויס פונעם זכרון), האָט זיך מיט געוואלד אריינגעריסן אין אויטאָ און געשריען: אז נאָר טויטערהייט קען מען אים ארויסשלעפן פונעם אויטא און ווער ווייסט מיט וואָס דער סכסוך וואָלט זיך פארענדיקט, ווען מיר זאָלן נישט האָבן פלוצים באקומען די ידיעה, אז מיר קריגן זיך צוליב א ביצה שלא נולדה: ווייל דער סטאראסטווע, האָט שוין פארלאָזט די שטאָט. דעהערנדיק דאָס, איז וואס אן אמת, ביי א טייל פון אונז אראָפּ א שטיין פונעם הארץ. מיר האבן דאמאלט געפילט די באדייטונג פון „ויחד יתרו" — מיר זיינען געווען „צופרידן" אז אזוי האָט עס זיך געענדיקט, ווייל ס'וואָלט זיכער געווען געקומען דאמאָלט צו טראגעדיעס. וועלכע עס איז שווער געווען פאָראויס צו זען.

איין פאָזיטיווע דערגרייכונג האָבן מיר דאמאָלט פאָרט געהאָט: מיר האבן באקומען 5 ליטער בענזין און דאס האט אונז געגעבן די מעגלעכקייט, צו פארלאָזן פינטשעוו.

ארויספאָרענדיק פון שטאָט האָט מיט אונז ווידער פאסירט א נס, וואס האָט איבערצייגט נאכאמאל, אז עס איז אונז באשערט געווען (לכל הפחות דעם גרעסטן טייל פון אונז) צו בלייבן לעבן, בכדי מיר זאָלן קענען דערציילן פאר דער וועלט און פאר די אלע שטשעקאטשינער אין לאנד און אין חוץ לארץ, דאָס וואָס עס האָט מיט אונז פאסירט. געשען איז אָט וואָס:

אָפּפארענדיק עטלעכע קילאָמעטער, האָבן מיר באמערקט ווי עס לויפט א פוילישער פלוטאנאָווע. מיר האָבן אין אים דערקענט אז דאָס איז יוזעף קאָזש מינסקי, א שגץ פון גראבצע א דאָרף אונטער שטשעקאטשין. מיר האָבן איָם אריינגענומען אינעם אויטאָ און ער האָט אונז דערציילט פאָלגענדעס: ער איז א פארבינדלער אין אן אָפּטיילונג פון דער ארמיי. אָבער צוליב דער דייטשער באָמבארדירונג האָט ער פארלאָזט זיין מיליטערישע אייניהייט. אריינקומענדיק קיין בוסק, איז ער אוועק צום אָרטיקן סטאראסטווע און צו אלעמענס פרייד האָט ער געבראכט 15 ליטער בענזין.

אין בוסק האָבן מיר נאָך געטראָפן עטלעכע שטשעקאטשינער יידישע משפחות, אויך זיי האָבן מיר אריינגעשלעפט אינעם אויטאָ, דאָס מאָל האָבן א טייל שוין געמוזט זיצן אויפן דאך. אזוי האָבן מיר געהאט די מעגלעכקייט צו פארלאָזן בוסק און מיר זיינען אָנגעקומען קיין אָפּאטאָוו. ווו עס איז אונז געלונגען צו באקומען עטלעכע פושקעס ברען־שפירט. מיר האָבן באלד פארלאָזט די שטאָט, ווייל מען האָט מורא געהאט פאר דער דייטשער באָמבארדירונג.

געפינענדיק זיך אויסער דער שטאָט, זיינען צו אונז דערגאַנגען קלאַנגען, אז דאָס פוילישע מיליטער האָט אָפּגעהאַלטן אַ שטאַרקן נצחון, דערנאָכדעם צוריק אַסך פּאָזיציעס און פאַרשאַפענדיק די דייטשן גרויסע פאַרלוסטן, זעלבסט־פאַרשטענדליק, אַז אַזעלכע ידיעות, האָבן אויפגעהייטערט אונזערע געמיטער און מיר האָבן באַשלאָסן צו וואַרטן אויף דעם אָרט. געווען אַ טייל פון אונז, וועלכע האָבן שוין אפילו געטראַכט צוריקצופאָרן אַ„היים".

לאַנג, איז אונז אָבער נישט באַשערט געווען צו פרייען זיך מיט די „ידיעות", ווייל אַרום 6 אָוונט האָבן מיר באַקומען די אמתע ידיעות, וועלכע האָבן אונז געצוואונגען צו פאָרן ווייטער, מורא האָבענדיק, אַז די דייטשן זאָלן אונז נישט אַניאָגן.

אַרום 8 אָוונט זיינען מיר אָנגעקומען קיין אוזשאַראָוו. דאָס שטילע שטעטל אין קיעלצער קאַנט האָט דאַמאָלט אויף אונז געמאַכט אַן איינדרוק ווי אַן אַוויס אין אַ ווילדן מדבר. די מלחמה שטימונג, האָט דאַמאָלט דאָרטן אַהין נאָך נישט געהאַט דערגרייכט. אין די רעסטאָראַנען, האָט מען נאָך געקענט קויפן למשל געבראָטענע הינדלעך צום נאָרמאַלן ביליקן פּרייז א.ד.ג. אַזוי ווי מיר האָבן אָבער געוווּסט די נאָרמאַלע לאַגע האָבן מיר באַשלאָסן אָט וואָס: אַלע מענער זיינען געווען קאָנצענטרירט אויף איין פּלאַץ נישט ווייט פונעם אויטאָ און די פרויען מיט די קינדער האָט מען איינקוואַרטירט אין פאַרשידענע פּריוואַטע ערטער.

און דאָס איז טאַקע דער גורל פון אַ מלחמה: אינעם זעלבן אָרט, וווּ די מלחמה שטימונג האָט זיך לגמרי נישט געפילט, האָט מען אונז מיט איניקע שעה שפּעטער געוואָרנט, אַז מען זאָל פאַרלאָזן דאָס שטעטל און זען אַריבערצוכאַפּן זיך איבער דער ווייסעל־בריק, ווייל ווי מען שמועסט, זאָל די בריק באַלד באַמבאַרדירט ווערן.

אויף דער שנעל, איז אונז געלונגען צו באַקומען עטלעכע פּושקעס ברענשפּירט מיר האָבן נאָך באַוויזן אַדורכצופאָרן די בריק און מיר זיינען אָן אָפּהאַלט געפאָרן ביז לובלין.

אויך דאָ אין לובלין, אין דער עיר ואם בישראל. האָבן מיר געטראָפן דאָס לעבן פליסן נאָרמאַל. דאָס אָנקומען פון אונזער אויטאָ אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען 93 מענטשן דאַרונטער 40 קינדער ביז 13 יאָר, האָט אין דער שטאָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. אויף דער פראַגע פון די לובלינער יידן, ווער מיר זיינען ? האָבן זיי באַקומען אַן ענטפער: — מיר זיינען היימלאָזע.

דערהערענדיק דאָס, האָבן די לובלינער יידן אָנגעהויבן אַרויסטאָגן פאַרשיידענע עסנוואַרג און זיסקייטן פאַר די קינדער. אַזוי ווי מיר האָבן אָבער נאָך

דאמאלס אין קיין שום זאך זיך נישט געגויסיקט. האבן מיר נישט געוואלט געמען. די הארציקע יידישע פרויען האבן אבער זייער גוטס אריינגעווארפן דורכן פענסטער פונעם אויטא.

אויך דא ווי געוועגליך, האבן מיר זיך אנגעהויבן פאראינטערעסירן וועגן בענזין, אבער לײדער זיינען אלע אונזערע באמיאונגען געווען אומזינסט. דערפאר האט מען אונז געראטן, אז מען זאל ארויספארן קיין פיאסקי, א דאיק שטעטל 22 קלמ. פון לובלין. דארטן, האבן די לובלינער יידן געזאגט: וועט איר קענען פארבלייבן ביז די ענדע פון דער מלחמה. דאמאלס, האבן נאך קיינער נישט געגלויבט, אז די מלחמה וועט געדויערן 6 בלוטיקע יאר און וועט איינשלינגען מיליאנען מענטשן דארונטער 6 מיליאן יידן.

דינסטאג 6 א זייגער אוונט זיינען מיר אנגעקומען קיין פיאסקי. מיר זיינען צוגעפארן צום אייגנטימער פון דער ארטיקער מיל, וועלכער האט אונז אויפגענומען מיט דער הארציקער יידישער מדה פון הכנסת־אורחים. ער האט רעזערווירט פאר אונז 3 גרויסע צימערן, געגעבן א פלאץ פארן אויטא. באזארגט אונז מיט שטרוי, אז מיר זאלן האבן ווו דעם קאפ אוועקצולייגן — און נאטירליך געגעבן אונז צו עסן אויך. אויך אין דעם פאל, האבן מיר די פרויען און קינדער איינקווארטירט ביי פארשידענע מענטשן אין שטאט.

אין מיטן דערנאכט, מיר האבן קוים באוויזן רעכטצייטיק איינדרימלען האט דער בעל־הבית זיך געוואנדן צו אונז מיט א ביטע, אז מיר זאלן פריימאכן א צימער, ווייל עס זיינען פלוצים אנגעקומען וויכטיקע פוילישע געסט פאר וועלכע ער דארף אפגעבן א צימער.

פארטאגס, האבן מיר זיך דערוווסט, אז די געהויבענע געסט זיינען געווען: דער געוו. פוילישער האנדלס־מיניסטער ראמאן קוויאטקאווסקי און דער דעפארט־מענט דירעקטאר פון דער פוילישער באנק. אין יענעם מאמענט, האבן זיך אויסגעגלייכט די סאציאלע אונטערשידן פון די הויכגעשטעלטע פאליטישע אריס־טאקראטיע — מיט פשוטע עמך יידן.

אין דעם פאל האבן מיר אויסגעניצט די געלעגנהייט און געוואנדן זיך צו זיי וועגן בענזין. אויפן ארט, האט ער טאקע אנגעשריבן א שריפטלעכע פארארדנונג, אז מיר זאלן באקומען בענזין. אבער לײדער, אלע בענזין סטאציעס זיינען געווען ליידיק, צוליב דעם אבער, וואס דאמאלס איז פונקט פארגעקומען א זיצונג פון דער פוילישער רעגירונג אין לובלין אין וועלכע זיי האבן אנטייל גענומען. האבן זיי מיטגענומען מיט זיך א פושקע — און צוריקגעבראכט איר פול מיט בענזין.

איבערגעבענדיק דאָס, האָבן זיי גלייכצייטיק אונז געראטן צו פאָרן צו דער רומענישער גרענעץ, דורך זאלעשטשיקי, ווייל אויך זיי פאָרן דאָרט אהין.

מיר האָבן פארלאָזט פיאסקי און געפאָרן ביז זאמאשטש, ווי איבעראל, האָבן מיר אויך דאָ, דאס ערשטע פרובירט צו פאראינטערעסירן זיך וועגן בענזין. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז אין שטאָט איז פאראן א גרויסער חייך־האנדל, וווּ מיר וועלן קענען באקומען ברען־שפּירט. וכך היה: דער אייגנטימער מיטן פאמיליע נאָמען פארשטענדיק האָט זיך ארויסגעוויזן אלס ייד מיט א ווארים הארץ און האָט אונז פארקויפט 80 ליטער ברען־שפּירט צום נאָרמאלן פאר מלחמה־דיקן פרייז. אחוץ דעם, האָט ער פארלאנגט פון אונז, אז מיר זאָלן ארויספאָרן קיין קראסנאבראד, ווו ער האָט געהאט 2 ווילעס, וועלכע ער גיט איבער צו אונזער דיספּאָזיציע אָן שום באצאלונג.

מיר זיינען אָנגעקומען קיין קראסנאבראד אין מיט דער נאכט און אזוי ווי די ווילעס, האָבן זיך געפונען אין מיטן וואלד זיינען מיר דאָרטן אהין נישט געפאָרן, נאר מיר האָבן זיך „דערווייל" איינקווארטירט אין שטעטל, גלויבענדיק, אז צומאָרגנס, וועלן מיר קענען צופאָרן צום באשטימטן אָרט, אין וואלד.

מיר האָבן נישט געוווּסט, אז קיין קראסנאבראד איז נאר פאראן איין אריינפאָר, אימפאלס מען וויל ארויס פאָרן מוז מען צוריקפאָרן קיין זאמאשטש, דאס האָט ביי אונז ארויסגערופן א געוויסע שרעק און מיר האָבן באשלאָסן נישט צו געניסן פון דער גאסטפריינטלעכקייט פונעם זאמאשטשער ייד, נאר מיר האָבן פארלאָזט קראסנאבראד און געפאָרן ביז הרוביעשאוו.

מיר זיינען אָנגעקומען קיין הרוביעשאוו מיטוואך אוונט. מען האָט צו אונזער דיספּאָזיציע איבערגעגעבן דעם אָרטיקן יידישן ספּאָרט־קלוב. אויך דאָ, האָבן מיר די פרויען מיט די קינדער איינקווארטירט אין פארשידענע פריוואטע שטובן, אין צווישנצייט, האָבן מיר אָנגעהויבן מאכן באמיאונגען צו באקומען א דערלויבעניש אדורכצופאָרן דעם טייך בוג. פון די אלע באמיאונגען איז גאָרנישט געוואָרן. ערשט שבת אין דער פרי, בעת די לאגע איז געוואָרן ביז גאָר ערנסט און צוזאמען דערמיט האָט זיך געשאפן א גרויסע בהלה, האָט די אָרטיקע מאכט אָנגעהויבן ארויסגעבן „פּשעפּוסטקעס" אריבערצוגיין דעם בוג.

זונטיק פארטאָגס, האָבן מיר פארלאָזט הרובעשאוו אדורכפארענדיק אגאנצן שטח אין וועלכן די מלחמה שטימונג, האָט זיך אזוי שטארק נאך נישט געפילט. ווי אין די שטעט און שטעטלאך אין וועלכע מיר זיינען שוין געהאט אדורכגעפאָרן.

מיר זיינען געפאָרן אָן אפרו ביז ראוונע.

אונזער אָנקומען קיין ראוונע, האָט אויפגערודערט די גאנצע שטאָט. מיר

זיינען געווען די ערשטע „ביעזשענצעס" אינם רעזולטאַט פֿון דער מלחמה. אויף אַ ספּאַנסאַנישן אויפֿן האָבן מענטשן געבראַכט טישן מיט בענק אין די גאַס אַריין איינאָרדנונג פֿאַר אונז אַן אונטער ברויט.

די קהלה־לייטונג האָט גלייך פֿאַראָרדנט און צו אונזער דיספּאָזיציע זיינען געשטעלט געוואָרן די לאָקאַלן פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף פּאַניאַטאָווסקי גאַס. אויך דאָ, זיינען די פֿרויען און קינדער איינקוואַרטירט געוואָרן אין פּריוואַטע צימערן.

בעת אונזער אויפֿענטהאַלט אין ראַווע איז כדאַי צו דערמאָנען אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פֿון יענע וואַנדער טעג. אַן עפּיזאָד, וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון: דערנעבן ווו מיר האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן האָט זיך געפֿונען אַ גרויס מאַנופֿאַקטור געשעפֿט, דער אייגנטימער, איז צופֿעליק געווען דער וויצע־קאָמענדאַנט פֿון דער אָרטיקער בירגער מיליץ (ליידער איז מיר דער נאָמען אַרויס פֿון זכרון) — אַטאַ דער יונגערמאַן, האָט אַרויסגעוויזן די מידה פֿון הכנסת אורחים. אַז עס איז כדאַי צו דערמאָנען אים אין יזכור־בוך אַלס אייביקן אָנדענק. ער האָט אַרויפֿגעבראַכט עטלעכע באַלן מיט סחורה, אַז מיר זאָלן אויפֿנייען שעניקעס. באַזאָרגענדיק גלייכצייטיק אַ וואָגן מיט היי, אַז מיר זאָלן האָבן אויף וואָס צו שלאָפֿן. עס איז באמת שווער צו גלייבן, אַז אין אַ צייט ווען „כל דאַלים גבר", אַז אַזעלכע יידן האָבן זיך געפֿונען אין אַמאָליקן פּוילן. יידן מיט וואַרעמע הערצער און ברייטע הענט, וועלכע זיינען גרייט געווען תמיד פֿאַר אַ ייד צו גיין ממש אין פֿייער אַריין.

ליידער, האָבן מיר נישט באַוויזן ווי געהעריק אויסצוניצן די גאַסט־פֿריינדלעכקייט פֿון דעם האַרציקן ייד, ווייל מיטוואָך ערב־ראש־השנה, איז באָמבאַרדירט געוואָרן די ראַוונער באַן־סטאַציע דערביי זיינען אומגעקומען אַ סך מענטשן.

ביי דער ערשטער באָמבאַרדירונג, איז אין שטאָט אַנשטאַנען אַ שרעקלעכע פּאַניק און מיר האָבן נישט געקענט טראַכטן וועגן איינאָרדנען זיך אַפֿילו צייטווייליק אין דעם גאַסט־פֿריינדלעכן ראַווע. נאָר מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן פּראָטעקציע, אַז מיר זאָלן קענען אַרויספֿאָרן פֿון שטאָט נענטער צו דער רוסישער גרענעץ. דאַמאָלס, האָבן נאַאיווע מענטשן דערציילט (און געגלויבט הייליק אין דעם, וואָס זיי האָבן דערציילט) — אַז עס איז פֿאַראַן אַן אָפּמאַך צווישן ראַטן־פֿאַרבאַנד און דייטשלאַנד, דאָס 50 קלמ. פֿון דער רוסישער גרענעץ טאָר מען נישט באָמבאַרדירן.

מיר האָבן באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין קאַרעץ. דאָס שטעטל פֿון ר' פּנחס'ל קאָריצער וואָס איז דאַמאָלס געלעגן אויפֿן גרענעץ־פּאַס צווישן פּוילן און ראַטן־

פאַרבאַנד און לויט די קורסירענדע קלאַנגען, האָט דער דייטש נישט געהאַט קיין „רעכט" דאָס שטעטל צו באָמבאַרדירן.

אונזערע באַמיאונגען האָבן נישט געגעבן דעם געווּנטשענעם רעזולטאַט, אָבער צוליב דעם, וואָס ראָוונע, איז נאָך עטלעכע מאָל באָמבאַרדירט געוואָרן און אין דער שטאָט, איז אויסגעבראָכן אַ געוואַלדיקע סאַמאָטאָכע, האָבן מיר באַשלאָסן, אָן אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון ראָוונע.

דעם 2־טן טאָג ראש־השנה בעת די קאָריצער יידן זיינען געווען אין די בתי־תפילות, געדאַוונט שחרית בעסענדיק אויף אַ גוט נײ־יאָר איז אונזער אויטאָ אַריינגעפאָרן אין מיטן מאַרק אַריין.

דאָס אָנקומען פון אַן אויטאָ מיט 93 מענטשן, דאַרונטער 40 קינדער, האָט אויף די קאָריצער יידן געמאַכט אַ דערדריקענדן רושם. יידן זיינען אַנגעטרענע אין טלתים אַרויסגעלאָפן אין איין שרעק פון די בתי־תפילות נישט וויסנדיק, וואָס עס האָט פּאַסירט? בכלל, האָבן זיי במשך פון די לעצטע 2 טעג נישט געהאַט קיין באַגריף וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט — און ווי עס האַלט מיט דער מלחמה? אפילו, ווען מיר האָבן זיי דערציילט, האָבן זיי נישט געגלויבט, אַז אויך צו זיי דערנענטערט זיך די מלחמה.

מאָמענטאַל זיינען די תפילות איבערגעריסן געוואָרן און עס איז גלייך געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט, וואָס האָט באַזאָרגט, אַז אַלע אַן אַן אויסנאַם זאָלן איינגעאָרדנט ווערן ביי פאַרשידענע פּריוואַטע מענטשן. אויך דאָ, האָבן יידן אַרויסגעוויזן זייער וואַרעם געפיל און געטאָן אַלדאָס מעגלעכע, צו פאַרלייכטערן אונז דאָס שווערע לעבן. (עס איז שוין געווען 2 וואָכן ווי מיר האָבן רעכט זיך נישט געהאַט אויסגערוט). דער קהלה פּרעזעס, דערוויסענדיק זיך, אַז מיר זיינען אַריינגעקומען אָן אַ דערלויבעניש, האָט מאָמענטאַל אינטערווענירט, אַז עס זאָל אונז געגעבן ווערן די מעגלעכקייט, אַז מיר זאָלן קענען פאַרבלייבן אין שטעטל.

די אינטערווענץ האָט געפּועלט, און צומאָרגנס שבת־תשובה, איז די דערלויבעניש געגעבן געוואָרן. מען האָט אונז לעגאַליזירט און איינגעמאָלדן.

מיר האָבן אַביסל לייכטער אָפּגעאָטעמט גלויבענדיק אַז אין דעם שטילן שטעטל וועלן מיר קענען פאַרבלייבן ביז די מלחמה זאָוועט זיך אַביסל איינשטילן. לאַנג איז אונז אָבער נישט אויסגעקומען צו פרייען זיך מיט דער „רואיקייט". ווייל נאָך דעם זעלבן אָוונט בחצות הלילה, האָט די רוסישע אַרמיי איבערגעשריטן די פּוילישע סטרינאַריע פאַרנעמענדיק די געוו. געביטן פון מערב־אוקריינע.

דעם 17־טן סעפּטעמבער 1939 זונטיק פרי אַרויסקומענדיק אין קאָריצער מאַרק האָבן מיר געזען ווי עס מאַרשירן אָן אויפהער רוסיש מיליטער מיט

שווערע האַרמאַטן, און פאַרשידענע אַנדערע געווער. ווי אויך אַן אַ צאָל פּוסטע מיליטער ציס צו די פּוילישע געביטן.

עס איז געוואָרן פרייערכער אויף די הערצער, ווייל פאַר קיין באָמבאַרדי־רונג האָבן מיר שוין קיין מורא נישט געהאַט. די שרעק פון דער מלחמה איז טאַקע פאַריבער, אָבער אין די הערצער האָט זיך געשאַפן אַן אַנדערע שרעק: מה יולד יום? — וואָס וועט זיין אונזער גורל?

ווי עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, זיינען מיר ווייטער געווען אויסגע־שטעלט אויף שרעק. פּאַסירט האָט פאָלגענדעס: דינסטיק אָוונט, איז אויסגע־בראָכן פּלוצים אַ בהלה. מענטשן האָבן געוואוסט צו דערציילן: אַז די פּוילישע אַסאַדניקעס, האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דעם רוסישן מיליטער און קעמפן אויף מיט די אַרטיקע אוקראַינישע איינוווינער.

אַ גליק וואָס די בהלה האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן און מיר זיינען אָפּגעקומען מיט בלויזע שרעק.

ביים איבערנעמען די מאַכט דורך ראַטן־פאַרבאַנד זיינען גלייך איינגע־פירט געוואָרן נייע געזעצן און פאַראָרדנונגען, איינע פון די פאַראָרדנונגען איז געווען צו קאָנפיסקירן אַלע אויטאָס, אויך אונזער אויטאָ, איז קאָנפיסקירט געוואָרן. נאָך אינטענסיווע באַמיאונגען איז אונז דער אויטאָ צוריקגעגעבן געוואָרן דעם 1־טן טאָג סוכות.

דעם 1־טן טאָג ח״ל־המועד האָבן מיר פאַרלאָזט דאָס גאַסט־פריינדלעכע און ליבע שטעטעלע קאַרעץ און מיר זיינען צוריקגעפאָרן קיין ראָוונע.

דאַסמאָל, האָבן מיר געטראָפן אַן אַנדער ראָוונע, ווי מיר האָבן זי געזען ביים ערשטן מאָל. אַ גאַנץ אַנדערע שטאָט. אַפילו די מענטשן זיינען אַנדערש געוואָרן. עס איז אַפילו נישט געווען ווו איבערצונעכטיקן. אַ חוץ דעם האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַנדערע שוועריקייטן. דערווייל האָט זיך אויסגעלאָזט אונזער בענזין זאַפּאַס און וועגן קריגן בענזין אין איצטיקן ראָוונע, האָט קיין רייד נישט געקענט זיין. אַזוי זיינען מיר געבליבן שטעקן, אָן שום אויסזיכטן צו פאָרן אַרויס פון שטאָט. דאַסמאָל, איז אונזער ציל געווען צו פאָרן צוריק.

ענדלעך נאָך גרויסע אַנשטרענגונגען — צו הילף זיינען דאַסמאָל געקומען די 40 קינדער וועלכע עס איז מיט זייער געווינען געלונגען ווייכער צו מאַכן די הערצער פון די רוסישע באַהערדן — האָט מען אונז צוגעטיילט עטלעכע ליטער בענזין, וואָס האָט געסטייעט צו פאָרן ביז לוצק.

כדאי צו דערמאָנען, אַז מיר האָבן געמוזט אַוועק פון ראָוונע, ווייל אין יענע טעג איז געווען שווער צו קריגן ברויט ממש קריעת ים־סוף.

מיט אַ געפיל פון פאַרלייכטערונג, זייענדיק אַדורכגענומען מיטן געדאַנק

פון „מסנה מקום משנה מזל" זיינען מיר הושענה־רבא אנגעקומען קיין לוצק.

אין לוצק, ווי דאָס לעבן איז געווען אסך לייכטער ווי אין ראָוונע, האָבן מיר זיך קאָנצענטרירט אויף פארשידענע ערטער. אָבער דאָ, איז ווידער אנטשטאנען פאר אונז די פראגע אין דער גאנצער הארבקייט: וואָס טוט מען? — ווו גייט מען?

דערווייל האָבן זיך פארשפרייט קלאנגען, אז די וועלכע האָבן בדעה צוריקצופארן צום דייטש, וועלן רעגיסטרירט. דעם רוב פון אונז, האָבן זיך נישט רעגיסטרירט, דאקעגן די, וועלכע האָבן יאָ דאָס געטאָן און זיינען צוריקגעפארן זיינען ליידער אלע אומגעקומען און געפונען זיך אין דער קדושים רשימה פונעם יזכור־בוך. קיין איינציקער פון זיי איז נישט אפגעראטעוועט געוואָרן פון דער פאברעכערישער האנט.

אין לוצק, האָט זיך יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן צוביסלעך איינגע־אָרדענט, א טייל ביי ארבעט, א טייל ביים מסחר זייענדיק, איבערצייגט, אז עס וועט אונז אלעמען געלונגען איבערצולעבן די מלחמה. אָבער געשען איז עפעס אנדערש:

אָנגעהויבן האָט עס זיך אין חדש מאי 1940, נאכט ביי נאכט, האָט מען ארויסגענומען פון זייערע שטיבער די „כאלאסטאקעס" ־רוקים), און פאמיליעס און אוועקגעשיקט זיי קיין רוסלאנד. מיר האָבן דערפילט, אז עס דארף פאסירן אויך עפעס מיט די, וועלכע האָבן פאמיליעס, אז אויך אונז וועט דאָס נישט אויסמיידן.

מען האָט אנגעהויבן צו דערציילן פארשידענס, צוו. אנד. האָט מען איבער־געגעבן: אז מען גרייט צו עשאלאנען פאר אלע „ביעזשנעצעס" בכדי זיי אוועק־צושיקן. אָבער דאָס מאָל האָבן די „אלץ ווייסערס" קיין טעות נישט געהאַט און אין דער נאכט פון 29־טן יוני 1940 זיינען אלע פליטים ארויסגענומען געוואָרן פון זייערע בעטן און אריינגעזעצט געוואָרן מיט כוח אין וואגאנען.

אויף דער פראגע פון א טייל: וואוהין פאָרן מיר? — האָבן מיר באקומען דעם לאקאנישן ענטפער: „איר פאָרט אלע א היים"!

ויהי בחצי הלילה, האָבן די וואגאנען געריכט, אָבער צום „גליק" נישט קיין מערב נאָר קיין מזרח, העט ווייט איבער דער רוסישער טעריטאָריע אזש... קיין סיביר.

ארויסגעשיקט געוואָרן זיינען מיר אלס נישט געווונטשענע עלעמענטן און געשלעפט האָט מען זיך אין די פארלויזטע רוסישע וואגאנען 16 מעת־לעת, אין די ערגסטע רוסישע באדינגונגען אין נאוואסיבירסקער ראיאן קיין אסינא, דאָרטן האָט זיך געענדיקט די באן־ליניע.

אין אסינא האָט מען אונז פונאנדערגעטיילט אין עטלעכע גרופן און מען האָט אונז מיט פאראכאדן אוועקגעפירט ווייטער אויפן צפון אין די סיבירער טייגעס.

צו באשרייבן דאָס אומנאָרמאַלע לעבן אין די סיבירישע טייגעס וואָלט מען געדאַרפט א ספעציעלן בוך. מען וואָלט אין דעם פאַל געקענט זיך באנוצן מיט די ווערטער פונעם מחבר פון אקדמות: ווען פון אלע וואסערן זאָלן ווערן טינט, פון אלע העלצער זאָלן ווערן פעדערס, וואָלט אויסגעפעלט פאפיר בכדי צו באשרייבן די יענע טראגישע חדשים פון אונזער „לעבן" אין סיביר, ביז יענעם מאָמענט ווען די פוילישע עמיגראציע רעגירונג אין לאָנדאָן מיט גען. שיקארסקי בראש, האָבן געשלאָסן דעם אָפּמאך מיט דער רעגירונג פון ראטן־פארבאנד, אז אלע געווע. פוילישע בירגער זאָלן באפרייט ווערן און קענען זיך פריי באוועגן איבער דער גאנצער רוסישער טעריטאָריע.



הלל גרייפנער ז״ל

אין סיביר זיינען במשך דער צייט געשטאָרבן פאָלגענדע שטשעקאָטשינער יידן: לייביש (ברוך זעליקס) לענטשנער, הלל גרייפנער (שמעון הערש דוד׳ס זון) מאיר שפירא (דער זון פון הערש איצעק) מאָטל פראמער מיט זיין פרוי זיסל, און אברהמלי לאודן (דער זון פון יוסף לאודן) — און אייניקל פון קאפל קאפלאוויטש. אויסער דער רשימה, פעלן נאָך עטלעכע פערזאָן, וועלכע זיינען געווען צוזאמען מיט אונז. אָבער לײדער, האָבן מיר וועגן זיי קיין שום ידיעה נישט.

נאָך דער באפרייאונג אין סיביר זיינען מיר אלע צעזייט און צעשפרייט

געוואָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד נישט וויסענדיק כמעט איינער פון צווייטן. פֿייגעבּ־דיק זיך יעדער איינער אויף זיין שטייגער. במשך פון זייער אויפנהאַלט אין רוסלאַנד. ביז עס איז געקומען די מפּלה פון היטלעריזם און עס איז געוואָרן שלום אויף דער וועלט.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן די דעפּאַר־טאַציע פון ראַטן־פאַרבאַנד זיינען מיר צוריקגעקומען קיין פּוילן, ווו מיר האָבן געטראָפן ליידער א פּוילן אָן יידן בפּרט אונזער קהלה — יידן ריין.

א טייל פון אונז ניצל געוואָרענע האָבן גלייך פאַרלאָזט פּוילן. געפאָרן קיין דייטשלאַנד און פון דאָרט קיין ישראל. א טייל זיינען פון דייטשלאַנד גע־פאָרן קיין דרום און לאַטיין אַמעריקע לענדער. א טייל זיינען מיט דער פּוילישער עליה אָנגעקומען קיין ישראל. איינצעלנע יחידים געפינען זיך נאָך ביים היינטיקן טאָג אין פּוילן.

דער רוב פון די, וועלכע האָבן איבערגעלעבט דעם חורבן, סיי אונטער דער היטלער אָקופּאַציע, סיי אונטער דער רוסישער הערשאַפט געפינען זיך אין ישראל. דאָ זיינען מיר ממשיך דעם קיום פון א מאַליקן גלאַררייכן שטשעקאָ־טשינער יידענטום. א יידענטום, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך חלוצים און פּיאָנערן, וואָס האָבן צוגעהאָלפן און מיטגעווירקט צו דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל.



2 טעכטער פון מאיר שווארצבוים
איינע די עלטערע צירעלע לעבט אין
דייטשלאנד

בן פנחס

# לקהילת שצ׳קוצין אשר הושמדה באכזריות

בירֿאת הכבוד וברגש תודר לנפש, ניגש אני לסכם במקצת ולנסות להעלות על גבי הניר הסך־הכל העגום של עיר מולדתי היקרה שצ׳קוצין ישמש נא ספר „יזכור" זה לחשבון הנפש העצוב שבו כמצבת זכרון סמלית בלתי־נשכחת לנו השרידים אשר נשארו אחר השואה (לאחר השמדת עירנו היקרה). מצבה זו תהיה תרותה בזכרון שרידי עירנו לעד ותספר לדורות הבאים ותמשיך מסורת שצ׳קוצין היהודית. כן יהיה ספר זה יד אל מות ליקירנו היקרים והבלתי נשכחים אשר מתו מות קדושים, נשים וילדים, זקנים וטף, אחים ואחיות, אמהות ואבות. הם עונו בכל מיני ענויים אכזריים ושטניים — אך ורק על חטא שהיו יהודים ובדרכם האחרונה לתשו פיותיהם תפילה לאל בשמים, כי מידת הרחמים מאת ההשגחה העליונה תתגלגל עליהם...

עיירתי היקרה והחביבה שצ׳קוצין היתה כעין משפחה גדולה יהודית אחת ואצילית ומשפחה יהודית יקרה זו נכרתה מעמה, כמעט כולה ביום אחד, על קדוש השם ועל קדוש העם.



חרים און בעלא פריימאן, פרוי און טאכטער פונעס מהבר

הרי כל אחד מאלה שניספו היה עולם בפני עצמו (עולם קטן) ואפשר היה לספר עליהם רבות, כי הם היו כוח פורה בקרב יהדות פולין התוססת ומלאת חדות יצירה וחיים.

יש רצון להתחלק אתך הקורא בזכרונות הטבועים עמוק בלב וחקוקים בזכרון על יקירינו שנטלו מאתנו ביד טמאה ללא שוב. הן כל אחד מאתנו נושא עמו בזכרונו רשמים על חוגים, זרמים, קבוצות בחיי התרבות היהודית של עירנו אשר למרבה הצער לא ישובו עוד. לא בצורתם ואף לא בתוכנם אשר במשך דורות התגבשו. ברשימה הארוכה והאיומה של מאות רבות מקהילות ישראל שנחרבו בשואה האכזרית — לעירנו שצ׳קוצין בין מקומות הכבוד, היא היתה ראשונה לחיסול. יום ראשון בספטמבר 1939 הפכה עירנו לעיי חרבות, כהפצצת הרוצחים הנאציים, הייתי, לצערי, עד ראיה לזוועות אלה ולבי נפעם לבלי לשכוח את כל המוראות למשך כל חיי. כאשר עולים בזכרוני ימי הזוועה שעברו עלינו, ניצת בלב רעד של חיל וצפות ועולות ומתחדשות בזכרוני התמונות האיומות מאז...

וכשמנסה אני להעלות בכתב את אשר עבר עלי נפתחים ונגולים לפני ובדמיוני עולים רפלקסים וניצוצות מהן. עירי היקרה, כה נולדתי, ובה ביליתי את האביבים הטובים בחיי, וחלומות נעורי.

וכשאנו עורכים במחשבה סיור על פני כל יבשת אירופה הרי מתחדשות שוב ומתעוררות התמונות הנוראות והטרגיות, בדמיוני, וכבמטה קסמים מתפתחות וחולפות חיש־מהר הדמויות של הנספים באופן כה טרגי, יהודים של מאות הערים, העיירות והכפרים. אחינו ואחיותינו שנרדפו על צואר פניהם החוורים והמבוהלים וילדי ספותיהם הגוועים אתם ואז אפר, אפר אפר ואפר.

מתוך למעלה מ־6 מיליון יהודים קדושים, מעונים נרצחים במיתות שונות ומשונות, היו כמעט 2 מיליון ילדים יהודים כשרים, חפים על לא־עוול בכפם שניתק פתיל חייהם ביד נפשעת, מלוה אותנו ההרגשה כאילו שומעים אנו את תחנוניהם ובכיים וזעקתם של ילדי ישראל אלה היקרים, אלה המובלים לתאי־הגזים — אך לחופה לא יובלו, ואף קדיש לא יקרא מישהו לזכרם...

ובתוך התורבן העצום של יהדות פולין באירופה כלולה גם עירי היקרה, והבלתי נשכחת מקום הולדתי שצ׳קוצין איננו עוד המרכז התוסס הגדול והמאגר וכשרת — יוצר יהודי המקור ממנו ינקו וקבלו השפעה הקבוצים היהודים בכל חלקי התבל שרדו מכל זה, אך קבר אחים גדול ורב ממדים בלתי נראה, וצללים דלים ותוהים של קהילות אשר נחרבו והושמדו. נהרות נחלי דמעות נגרו ואוקינוסים דם יהודי אשר נשפך ואנקת נפילות של אלה שהובלו לטבח... ועיני תוהות ומחפשות במבטים רועדים את מקום עיר מכורתי בה עריסתי עמדה, ומקום אמי הצנועה

והאהובה היתה שרה לפנינו בעדיגות את שירי הילדים „תורה צוה לנו משה מורשה"...

כי תורה היא סחורה העוברת לסוחר... ונדמה לי כי שם פסעתי את פסיעתי הראשונות. לצערי אני מהיחידים שנותרו כעדים אשר יספרו לדור האחרון.

רצה הגורל וזיכנו להחיות ולרשום הרעות והזוועות, אשר בבשרי חזיתי. לאלה שיטו אוזן לשמוע את הקורות לנו בתקופה. „עמק הבכא" מתוך כל תקופות ענותנו הסרגיים במשך 80 דורות תולדות ישראל אשר יכתב ויסופר.

בעת שאני רושם ספר יזכור זה לקדושינו, נזכור בכבוד ובגאווה את אחינו בני עירנו שצקוצין הפזורים על פני ארצות ומדינות שונות, כי ידעו ויזכרו את חללינו הקדושים שנפלו. יוסיף ספר זה כבוד לנופלים ויהיה מקור מרענן לדורות הבאים לשאוב עדוד ממנו.

אני כאחד המעטים העדים ששרד בחיים שעברתי עצמי בדרך היסורים האיומה ביותר ובכל רמ"ח אברי חשתי את סיוטי אותה תקופה „דם ואש" בה אנו סבלנו בנהר, נחלי דם ודמעות — אשר אין ביכולתו של אדם רגיל ונורמלי לתפוס ולהאמין כי יוולדו אנשים בעלי תפיסות סדיסטיות, אנשים שמסוגלים יהיו לבצע לאנשים אחרים ענויים סדומיים כגון אלה, אשר נבצר מדמיון אדם. אך, לצערנו הרב יש לציין כי אכן נמצאו באותה תקופה נוראה גם מאחינו בני ישראל אשר אבדו באותו זמן את צלם ד' ואת רגש הרחמנות האלמנטרי, ואשר במעשיהם המיטו קלון על המין האנושי במעשי שיתוף הפעולה...

אולם אנו משרידי בני שצקוצין נוכל להעיד בגאוה ובכבוד כי אנו ובני עירנו לא העטינו חרפה על צלם אלוה ואף לא ביישנו את כבוד ישראל בכלל ואף את שם קהילת שצקוצין בפרט, וידעו זאת בני שצקוצין באשר הם, ולכבוד ייחשב להם להמנות על משפחת בני עירנו, כאשר היינו שרויים במצבים נואשים וחסרי תקוה, בכל זאת עמדנו בנסיון ולא ביישנו את עיר המכורה ואת האדם מישראל.

באותו פרק־זמן ומלא אימים (של עמק הבכא) בשנים 1939—1945 כאשר עברנו גלגולים שונים, שבענו נדודים ונרדפנו על צואר יומם ולילה על ידי חיות הטרף הנאציות בסיועם של עוזריהם השונים על פני דרכי נווד ומחנות הריכוז של אותם שלטון רשע ארור... בדרכי נדודי פגשתי ברבבות יהודים — צללים נעים ונדים — שכל אחד מהם ייצג טרגדיה יוצאת מגדר הרגיל, ונס בלתי רגיל כאחד. זכל אימי האינקויזיציה בספרד והטורקבמדות למיניהם ושיטות עינויים את האנוסים בזמנו — חוורים הם לעומת היסורים והענויים שאנו נתנסינו בהם בתקופת בלהות בת זמננו. התאריך הנורא של תקופתנו ישאר חרות בזכרוננו בלבותנו ומלווה אותנו בחווית סיוטים, ואנו בני שצקוצין שלוקחים חלק בספר יזכור זה

יש לנו ההרגשה כאילו קמנו בתחית המתים וראויים כל יהודי בן דורנו ובכללם כל יהודי בן עירנו שעבר ונתנסה בדרך היסורים הנוראה כענויי שאול כי ייוחד לו קטע ופרק בספר תולדות עמנו הדווי.

לדאבוני דלה עטי ולשוני תלשה מלהביע באורח כרונולוגי ולתאר רשמי זכרונות ותיאור אפיזודות שונות ויקיף את כל מכלול רשמים ותמוגות מחיי שצקוצין היהודית הרב־גונית. אוצר המלים שלי דל כדי שאוכל באופן מקיף להעריך ולתאר כל הדמויות השופעות אור על ההווי החברתי הנאה בצבור היהודי בעירנו, שפעמו ולחשו באלפי רשפי תורה וחכמה ושפעו בעממיות לבבית. פרטים לפי סדר כרונולוגי ימסרו בני עירי אשר הגורל זימן גם להם הזכות להשתתף מפרי עטם בספר־יזכור זה. וביחוד לחברי ידידי ושאר־בשרי ישראל שויצר אשר תודות לכת יזמתו וכשרון היצירה האינטלקטואלית הביאה לחיבור ספר יזכור זה.

אין האמן אשר יוכל לתאר רשמיו את מראה עירנו בערב שבת עם שקיעת החמה. את הרחבת הדעת והזוהר בעירנו — שהיה מורגש בכל. יהודיות „שבת מלכתא״. ובאותם ערבי שבתות בין השמשות כמה מידות חן היה נסוך על פני עירנו ואז נתגלתה כל המהות היהודית שהטביעה מחותמה של שבת בכל פינות העיר. ובכמה קדושה שבשכינה היתה עטופה עירנו בערב שבת עת מכל בית ומכל חלון האירו נרות השבת שדלקו בתוך פמוטי נחושת ובכסף ממורטים ומרתובות שונים ומבתי המדרש וה„שטיבלך״ בקעו הניגונים הערבים של „לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה״.

כלום מסוגל עט מתכת למסור ולתאר הטעם שחש והרגיש כל יהודי באותם רגעים של התרוממות הנפש. כאשר, הוד שבתפארת עטרה כל יהודי עמוס וקדושה והיה בזה משום סגטוזה מופלאה בעירנו: חכמה של חריפות המות התלמודי פשטות עממית והומור עממי שופע.

אולם על כל זה לדאבוננו הרב, נגזר האלם ביד רשע אכזרית. איפה הכשרון הזה בדורנו אשר יהיה בכוחו למסור לנו הרשמים לתאר לפנינו החגיגות הדתיות קורנות הוד וכל בית יהודי בעירנו בערב יום הכפורים בין השמשות. ולא אעצור כח ודל כשרוני כדי למסור תאור נכון וממצה את ערב יום הכפורים בין הערבים כבית הורי בהשתפכות הנפש וביראת כבוד עמוק ובאמונת תום היה אבי ז״ל בפשטותו הזכה מבדולח ובהתלהבותו הדתית התסידית היה מתכונן ללבוש קפוטת המשי, הקיטל הצחור, והטלית והגר בים הלבנים. ולאחר מכן היה נגש אלינו לברכנו, במראהו הפטריאכאלי כהדרת פניו וזקן הכסף שלו היורד על מידותיו, בטרם צאתו לבית הכנסת לתפילת כל נדרי.

כרם, חמד הגורל לצון ובדיוק בערב יום הכפורים לפנות ערב בשנת 1942 כשעדת יהודי שצקוצין התכוננו בהתלהבות ובתמימותם לתפילת כל נדרי

בלב שבור. — כמרי שנה בשנה — הופיעה פתאום חבורת מרצחים גרמנים פראי־אדם וחיות טרף בצורת אדם ויבואו לאסוף לדרכם האחרונה והטרגית את בני־עדתי היהודית היקרה.

ויתעטף אז אבי ז"ל בעקשנות ובהתלהבות החסידית בטליתו ויקח בידיו ספר תורה ובקול דממה דקה החל ללחש הפסוקים — „אור זרוע לצדיק ולישרי־לב שמחה" ובעצם הרגע הזה כוונה אליו יד רצחנית גרמנית קלע וכך נפל אבי ז"ל, ויצנח ספר התורה בידו ארצה על קדוש השם ועל קדוש העם בעצם ליל הכפורים. והשמים לא זעקו! — — —
כך לדאבוננו הושמדה שארית קהילתנו היהודית משצקוצין בליל הכפורים 1942 באופן טראגי מוחלט.

ונתכבינה נשמותיהם הטהורות של יהודי שצקוצין היקרים ותנתק שלשלת הזהב של המשפחה היהודית כה המסועפת והמושרשת לא נשאר יותר מאשר השם בלבד שצקוצין

והנה אנו השרידים האודים המוצלים רושמים עלי ספר היזכור אנו בני דור השואה, אנו היתומים של עירנו בתקופתה האחרונה רושמים את דברינו מהמקום היחידי שסיסמתו היחידה והתקוה של קדושינו ברגעי חייהם האחרונים היו מופנים אליו. אנו כותבים מכאן, מקום שם פורחים ונרקמים חיים יהודים עסיסיים אמיתיים ותוססים מהארץ בה נתחדש ההמשך של חיי עמנו. השלמים והבלתי מופרים ולעומת פולין ואירופה בכללה שם בא הכליון האכזרי ביותר על מיליוני אחינו ואחיותינו, הורים וילדים שהומתו בכל מיני מיתות משונות על קדוש השם.

הרי כאן מתפתחים ופורחים החיים ומכים שרשים עמוקים בקרקע המולדת כמו בתקופות הזהר השונות בעבר בתולדותינו, חדלון — ותחיה — וישראל סבא לעד בארצו ישכון. נצח ישראל לא ישקר!

עיירה יקרה שצקוצין חלפת מאתנו לבלי שוב ולא נוסיף לראותך עוד. אולם את קדושינו אשר מסרו את נפשם על קדוש השם וקדושי העם — זכרם ישאר חרוט בלבותנו לעד ולנצח.

לא נשכח את קדושינו.

וספר יזכור ישמש יד לזכר יקירינו שאינם עוד ויהיה למזכרת לדורות הבאים, ויספר על הקרבן העולה ההומני שלא היה לשוא והיה זה חלקה של עדת שצקוצין היהודית כקרבן הגדול והכללי של עמנו הדווי, שהעלה על מזבח האנושות. קרבן שאין משל לו בתולדות הדורות ואין לתאר אכזריותו וממדיו חורגים ממושגי אדם. אכן הפצוע באופק עמנו שאר ראשית.

גאולה אשר בסופו של דבר תביא השמחה באהל ישראל. התחדשות עצמאותנו הממלכתית בחלק מארצנו, מקום שם נתלקטו גם השרידים מעירנו החרבה, ומכאן נושיט ידנו לקראת האור שדעך בעיר מכורתי, שלא יסוף זכרה, ואנו השרידים הפזורים ברחבי תבל רוצים כי תוכן ספר זה יהיה כקמיע בלבות כל בני עירנו באשר הם שם כי ישאו אתם הזכרונות באהבה ובהערצה ויתחזקו בזה בדרכם לקראת עתיד טוב יותר ויתלווה אתנו לעד. כלפיד המאיר בחשכת ליל וכימיטאור בשמים מעורפלים זכרם של קדושנו ויקירנו הסיכום האילם מגי תהום, של חורבן בית ישראל בתקופתנו. והמספר האסטרונומי של 6 מיליון קרבנותנו התמים יאיר את דרכנו לעתיד כנר תמיד זוהר.

אנו שראיתי חשתי ועברתי על כל מוראות התקופות הנוראה הזאת הנוראה ביותר מכל הפורעניות שפקדו את עמנו בזמנים שונים זכור תזכורו!

אחים אל דמי לך. אל דמי!



משעקאשינער בחורים אויף דער פלאושע



3 שמשעקאסשינער פרויען
רעלא גרייפנער, חאלע ראפאלאוויטש, איירעלע זילבערשטיין

ישראל בער צוקערמאַן (דמת־גן)

# 28 חדשים אין א בונקער — און איבערגעלעבט

פרייטיק, דער 1־טער סעפטעמבער 1939 דער טאָג אין וועלכן היטלער האָט דערקלערט קריג דער מענטשהייט, איז פארבליבן איינגעקריצט אינם זכרון פון אלעמען און ספּעציעל אינם זכרון פון מיר און מיין פאמיליע, וועלכע איז די איינציקע אין שטשעקאָטשין, וואָס האָט איבערגעלעבט 28 חדשים אין א בונקער אין די ערגסטע אומענטשלעכע באַדינגונגען — און על פּי נס ניצל געוואָרן.

שבת דעם 2־טן סעפּטעמבער בין איך צוזאמען מיט נאָך הונדערטער שטשע־קאָטשינער יידן געווען באַשעפטיקט ביים גראָבן אַקאָפּעס. ווען כ׳בין א היימגעקומען פארנאכט, האָב איך געזען אָנקומען די ערשטע פּליטים פונם דערנעבענדיקן שטעטל זשארקי (30 קל״מ פון שטשעקאָטשין), וועלכע האָבן דערציילט, אז זייער שטעטל ברענט פון די אראָפּגעוואָרפענע דייטשע באָמבעס — און דערביי זיינען פאראַן א סך מענטשלעכע קרבנות.

זייענדיק שטארק מיד און דערשעפּט, האָב איך זיך געלייגט שלאָפן, איינ־רעדענדיק זיך, אז די לאַגע, איז נישט אזוי טראַגיש. כבין נאָך נישט אנדרימעלט געוואָרן ווען כ׳האָב פלוצים דערהערט א שטארקן קלאַפּן ביי מיר אין טיר און נישט באַווייזענדיק אפילו צו פרעגן ווער ס׳קלאַפּט ? — האָט זיך מיט אשטורעם א ריינגעריסן ישעיה בארענשטיין און געפרעגט: וואָס דו שלאָפסט גאָר ?— דאָס גאַנצע שטעטל פּאַקט זיך און אנטלויפט.

כאַפּענדיק א קוק ארויס, איז מיך באַפאַלן א שרעק: אלץ און אלעמען האָט ארומגעכאַפּט א בהלה פון פּאַקן און אנטלויפן ווי ביי א שׂרפה. כ׳האָב אין איילעניש אָנגעהויבן עפּעס צו פארפּאַקן, כ׳האָב אָבער געפילט אן אונמאַכט. אלעס איז מיר געפאַלן פון די הענט און פון ציים צו צייט כאַפּ איך זיך ארויס אין גאַס אריין און יעדער מינוט קומט אצווייטער מיט אנאנדער בשׂורה. איינע ערגער פון דער אנדערע צום סוף דערוויסן מיר זיך, אז דאָס דייטשע מיליטער געפינט זיך שוין אין פּראַדלע (14 קל״מ פון שטשעקאָטשין).



ישׂ׳אל בעי צוקערמאן, פרוי און קינדער נאך דער באפרייאונג

שטייענדיק צווישן א גרופע פארצווייפעלטע מענטשן, האָב איך פלוצים באמערקט אדורכפאָרן אן אויטאָ פון וועלכן ס׳האָט מיך באגריסט מאיר שפירא ז״ל. כ׳בין גלייך אוועקגעלאָפן צו זיין שווער פאליוואדע דערוויסן זיך געוויע פרטים. פון אים בין איך סאקע געוואָר געוואָרן, אז אין דעם זעלבן אויטאָ זיינען אוועק פון שטשעקאטשין 50 מענטשן (אגב פון דעם זעלבן אויטא מענטשן זיינען כמעט אלע אָפגעראטעוועט געוואָרן אין רוסלאנד).

דער באריכט, האָט מיר געבראכט צו דער איבערצייגונג, אז די לאגע איז סאקע גאָר ערנסט און כ׳האָב זיך אָנגעהויבן צו פאראינטערעסירן וועגן אן אויטאָ, אָבער לײדער אָן דערפאָלג. אויב האָט שוין יא אימיצער מסכים געווען צו פארן מיט מיר, האָט ער אָבער מאָמענטאל חרטה באקומען.

נישט זעענדיק קיין אויסוועג, ווייל מיט יעדן מינוט, איז די בהלה פארשטארקט געוואָרן, האָב איך בלית־ברירה גענומען מיין פרוי מיט די 2 קינדער און מיט קליינע פעקלעך אין די הענט געלאָזט זיך אין וועג אריין, נישט זעענדיק קיין שום ציל פאר זיך.

מיד און דערשעפט זיינען מיר אָנגעקומען קיין דזשעשקאוו (14 קל״מ פון שטשעקאטשין) ווייטער, האָבן די כוחות שוין מיר נישט אויסגעהאלטן און מיר האָבן געמוזט זיך אָפרוען.

לאנג, האָט מען אָבער נישט געקענט רוען, ווייל אויך פון דזשעשקאוו, האָט מען אָנגעהויבן לויפן. צום גליק, האָב איך צופעליק באגעגנט א שטשע־

קאטשינער בעל־עגלה, וועלכער האָט נאָך שווערע אויסדינגעניש מסכים געווען אונז אויסצובעמען אויף דער פור.

אזוי זיינען מיר זונטיק ביינאכט דעם 3־טן סעפטעמבער אָנגעקומען קיין ייענדזשאוו אָבער דאָ, האָבן מיר אנגעטראָפן אויף נאָך א גרעסערע פּאניקע און בהלה, ווייל מיט איינציקע שעה'ן פריער, האָבן דייטשע עראָפּלאנען באָמבארדירט די באַן־סטאַציע, נישט טראַכטענדיק לאַנג, האָבן מיר באַשלאָסן ווייטער צו פאָרן, ביז מיר זיינען אָנגעקומען קיין אָזשאַראָוו. און דאָ זיינען מיר צום ערשטן מאָל ניצל געוואָרן פון א זיכערן טויט. אונטער אָזשאַראָוו, האָט אונז מקבל פּנים געווען א דייטשער באָמבארדירער.

מיר האָבן נאָך באַוויזן אַרונטער צולויפן פונעם וואָגן און אויסגעצויגן זיך אין א פעלד, ס'האָט געדויערט ס"ה געציילטע סעקונדן און גלייך האָבן נעבן אונדז אויפגעריסן באָמבעס. קומענדיק צו זיך פון דער געוואַלדיקער איבערראַשונג און איבערציייגענדיק זיך, אַז מיר זיינען ניצל געוואָרן, האָבן מיר אויסגעבראָכן אין א ספּאַזמאַטישן געוויין. (דאָס ערשטע מאָל ווען מיר האָבן געוויינט אויף אונזער וואַנדער וועג) גלייכצייטיק האָבן מיר אָנגענומען א באַשלוס, נישט צו פאָרן מער ביי־טאָג, נאָר אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

אין מיטן נאַכט זיינען מיר אָנגעקומען קיין סאַנדאָמיערזש, אָבער מיר האָבן ווייטער נישט געקענט פאָרן, ווייל די בריק איבער דער ווייסל, איז שוין געווען צעקלאַפּט פון די דייטשע באָמבעס. באין ברירה, האָבן מיר אָנגעהויבן צו פאָרן צוריק איבערגעבענדיק אונזער גורל אין גאָטס־הענט.

מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין א דאָרף, וואָס האָט זיך געפונען אין א זייטיקן וועג דאַרטן, האָבן מיר פאַרבראַכט 2 טעג און ווען מיר האָבן זיך דערוווסט, אַז די דייטשן געפינען זיך שוין אין סאַנדאָמיערזש, זיינען מיר צוריקגעפאָרן קיין שטשעקאָטשין.

געפינענדיק זיך בערך 3 קל"מ פון שטשעקאָטשין, האָבן מיר אָנגעטראָפן איינציקע שטאָטישע יידן דאַרונטער 2 זין פון הערשל זילבערשטיין, וועלכע האָבן אונז איבערגעגעבן די ערשטע גרוסן וועגן דער לאַגע אין שטאָט. זיי האָבן אגב דערציילט, אַז זיי לויפן זיך ערגעץ ווו אויסבאַהאַלטן, ווייל די דייטשן, האָבן אַרויסגעגעבן א פאַראָרדנונג, אַז אַלע אַן אויסנאַם מענער פון 16 ביז 60 יאָר, דאַרפן זיך צו שטעלן פאָרן מאַגיסטראַט צומאָרגנס 6 א זייגער אין דער פרי.

זייענדיק מיד פון אונזער רייזע, האָב איך באַשלאָסן מער נישט צו אַנטלויפן און בין אַריינגעפאָרן קיין שטשעקאָטשין ווו כ'האָב זיך אָנגעשטויסן,

אויף די חורבות פון שטעטל. איבעראל האָט מען געזען פארברענטע הייזער, אויך מיין הויז, איז געווען פארברענט. א נס, וואָס דאָס געשעפט מיינס, איז געווען געבויט אויף בעטאָן איז עס פארבליבן גאַנץ.

קומענדיק אין געשעפט אריין, האָב איך געטראָפן דאָרט מיין ברודער דוד מיט זיין פאמיליע (4 קינדער) מיין שוועסטער מירל מיט 4 קינדער און מיין פאמיליע 4 מענטשן, האָבן מיר צוזאמען איינגעאָרדנט זיך א צייטווייליקע דירה. בייטאָג האָבן די דייטשן אונז ארויסגעטריבן צו דער ארבעט און ביינאכט האָבן מיר געלעבט אין שרעק, ווייל תמיד בעת די דייטשע פאטראָלן, האָבן אדורכשפאצירט, האָבן זיי אלס א פארוויילונג׳ס שפיל אריינגעשאָסן צו אונז. א נס וואָס ס׳איז א דורכגעגאנגען אָן קרבנות. ווייזט אויס, אז די השגחה האָט געוואָלט, אז כ׳זאָל בלייבן לעבן. בכדי איבערצולעבן גרעסערע שרעק אין די שפעטערדיקע חדשים און יאָרן אין אונזער באהאלטעניש. אָבער לאָזן מיר דערציילן כראָנאָ־לאָגיש ווי אזוי ס׳האָט פאסירט.

ביסלעכווייז, איז די שרעק געוואָרן א געוווינהייט. מיר האָבן זיך ממש צוגעוווינט צו דעם. בייטאָג, האָט אונז געשראָקן די ארבעט, ווו מיר זיינען אויסגעשטאנען פארשידענע שיקאנעס, מאָראלישע באליידיקונגען אויף טריט און שריט. ביינאכט האָבן מיר געלעבט אין פחד, אז א דייטשע־קויל זאָל אומגע־ריכט נישט פארבלאָנזשעט ווערן אין שטוב אריין.

אָבער דאָס שרעקעוודיקע לעבן, האָט מען אונז אויך נישט פארגונען באלד האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן אויף אונזערע קעפ גזירות איינע ביטערער פאר דער אנדערע. די זעלבע גזירות, וועלכע זיינען ארויס־געגעבן געוואָרן אויף יידן, אין אנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, זיינען חל געווען אויף די סטשעקאָטשינער יידן באלד אין די ערשטע חדשים פון דער דייטשער הערשאפט אין דער שטאָט.

די ערשטע פאראָרדענונג האָט געלויטעט: אלע סחורות, וואָס ס׳געפונט זיך אין יידישן באזיץ, זאָל במשך 24 שעה געבראַכט ווערן צום מאגיסטראט די צווייטע פאראָרדענונג איז געווען: אלע יידן, וואָס באזיצן געלט, גאָלד און זילבער זאָלן במשך 24 שעה דאָס ברענגען אין מאגיסטראט אריין. דערביי. איז צוגעגעבן געוואָרן א וואָרנונג: פאר נישט אויספירן די באפעלן וועט מען דערשיסן .

וואָס אמאָל, איז דער מצב געוואָרן אלץ ערגער און ערגער, פאר מיר ספעציעל איז דער מצב געוואָרן קאטאסטראפאל, ווייל אלע שטעטלדיקע שונאי ישראל האָבן מיר ספעציעל געטאָן א״טובה״ און אריינגעפירט אין געשעפט

יעדן איינעם וועלכער האָט זיך געגויטיקט אין לעדער. (און ווער האָט זיך נישט געגויטיקט אין דעם קריגס אַרטיקל?!)

אָפּשאַצענדיק די לאַגע אין שטשעקאָטשין פאַר האָפענונגס־לאָז, האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָרן קיין וואָדיסלאַוו אין דער געבוירן שטאָט פון מיין פרוי דאָרטן האָבן אַגב זיך געפונען אירע עלטערן און ברידער.

ס'שרייבט זיך לייכט „פאָרן", אין יענער צייט, איז דאָס פאָרן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער געווען אַ לעבנס־געפאַר, אָבער נאָך גרויסער מי, איז אונז געלונגען צו פאַרלאָזן אין געהיים שטשעקאָטשין און קומען קיין וואָדיסלאַוו. דאָס שטעטל, האָט נישט געליטן פון דער דייטשער באָמבאַרדירונג און יידן האָבן אַביסל פרייער „אָפּגעאָטעמט" אין דער ערשטער צייט לויט די מלחמה פאַרהעלטענישן. דאָ, האָבן די דייטשן ווידער אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרד־נונג, אַז אַלע יידישע געשעפטן מוזן זיין אָפן און אויספאַרקויפן זייערע פאַרבליבענע סחורות.

די יידן האָבן טאַקע אין די ערשטע צייטן געמאַכט פאַרשידענע מסחרים. דער הויפּט האַנדל, האָט זיך קאָנצענטרירט אויף שמוגעל קיין קראָקע. און איך, זעענדיק, אַז מיין אָפּגעשפּאָרטער קאַפּיטאַל ווערט וואָס אַמאָל אַלץ מער איינגעשרומפּענער, האָב איך אויך געטאָן אין דער ריכטונג. אייניקע מאָל, האָב איך טאַקע מיט דעם אומלעגאַלן האַנדל מצליח געווען, אָבער איינמאָל זיינען אונז אונטער סלאָמניק באַפאַלן אַ גרופּע פּאָלקס־דויטשן, צוגענומען אַלצדינג וואָס מיר האָבן געהאַט ביי זיך און דער ביי נישט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ. אַזוי, דאָס מיר האָבן געהאַלטן פאַר אַ גליק, וואָס מיר זיינען ניצל געוואָרן מיטן לעבן. דער דאָזיקער דורכפאַל, האָט אָבער ווייטער נישט אָפּגעשראָקן אונז צו ריזיקירן מיטן לעבן באַדיי, אַבי אַריינצוברענגען ברויט אין שטוב אַריין.

אָבער דאָס שווערע שטיקל ברויט, איז געוואָרן נאָך שווערער, בעת ס'איז אַרויס די פאַראָרדנונג וועגן איינפירן אַ „געטאָ" — מיט אַ וואָרנונג: אַז פאָרן פאַרלאָזן דאָס געטאָ דראָט טויט־שטראָף.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן איבער אונזערע קעפּ גזירות נאָך גזירות און צוזאַמען מיט די גזירות זיינען געפאַלן יידישע קרבנות. ס'איז נישט אַ דורך קיין טאָג אָן יידישע מתים.

כדי צו דערמאָנען אַז דאַמאָלט האָבן געוווינט אין וואָדיסלאַוו אייניקע יידישע־פאַמיליעס פון שטשעקאָטשין ווי: אביגדור בערנשטיין, טוביה טריימאַן א.אנד.

אַזוי, האָבן מיר זיך ווידער „צוגעוווינט" צום טרויעריקן אומנאָרמאַלן לעבן

ביז יאָר 1942. פֿון איבעראַל זײַנען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות וועגן שרעקליכן אומקום פֿון פּוילישן ייִדנטום. מען האָט זיך אויך דערוווּסט, אַז פֿון וואַרשעווער געטאָ, האָט מען אַרויסגעפֿירט אַ האַלבן מיליאָן ייִדן אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג. (דאַמאָלט האָט מען נאָך נישט געוווּסט, אַז מען האָט זיי געשיקט אין קרעמאַטאָריומס אַרײַן). אַ ביסל שפּעטער האָט מען אונדז איבערגעגעבן וועגן די ייִדן פֿון ראַדאָם, און נאָכדעם פֿון קיעלץ. מיר האָבן אָנגעהויבן צו פֿילן, אַז דער שרעקלעכער ביטערער גורל דערנענטערט זיך צו אונדז:

און ס'איז טאַקע געשען: פֿאַר ראש־השנה 1942 זײַנען געקומען צו לויפֿן ייִדן פֿון זשאַרנאָווצע צווישן זיי מײַן פֿעטער משה חיים מיט זײַן פֿאַמיליע ווי אויך אַ גרופּע ייִדן פֿון דזשאַלאָשיץ וועלכע האָבן אונדז איבערגעגעבן די אומגלויבלעכסטע פֿאַקטן פֿון דײַטשער פֿאַרניכטונג. יעדער איינער פֿון אונדז האָט מיט די הענט ממש אָנגעטאַפּט דאָס באַפֿרשטייענדע אומגליק, וועלכעס איז אומפֿאַרמײַדלעך.

גליקלעכערווײַז, איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק אָפּצוגעבן די קינדער צו אַ קריסטן, אויך מײַן פֿרוי איז אַוועק צו אַ קריסטן נעבן אַ וואַלד — און איך האָב זיך אָנגאַזשירט צו אַרבעט קיין סענדישעוו. די אַרבעט איז געווען אויף אַ זויפּיל ווײַכטיק, דאָס מיר האָבן אַרויסבאַקומען פֿון דער געסטאַפּאָ באַפֿולמאַכטיקונגען, אַז מ'זאָל אונדז נישט שטערן, ווײַל מיר טוען ניצלעכע אַרבעט, ווי איז געווען צו דעם יעניקן, וועלכער האָט פּרובירט צו דערווײַטערן זיך פֿונעם אַרבעט'ס פּלאַץ, אָדער פֿון באַראַק אין וועלכן מ'האָט אונדז אײַנקוואַרטירט — דער איז באַלד אויפֿן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

און דאָס דערוואַרטעטע איז טאַקע געקומען: געווען איז עס ערבֿ יום־כּיפּור 1942. אין די מיטאָג־שעהן, האָב איך פּלוצים באַמערקט אַ רייע פּויערישע



ברודער און שוועסטער

פורלעך וועלכע סאָרן פאַרביי אונז. איך קוק זיך נענטער צו און בלייב ווי פאַר־שטיינערט: איך זע פאַר זיך די שטשעקאָטשינער יידן. אַלע זיינען געווען אנגעטאָן אין די שבתדיקע מלבושים. אַלע אָן אויסנאַם, מענער, פרויען קינדער, זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן נעבן דער באַן סטאַציע, אויף די אַנדערע זייט פון די רעלסן, אקעגן איבער דעם אָרט, וווּ כ׳האָב געאַרבעט. אַזוי אַרום האָב איך ממילא געקענט אָבסערווירן און זען, וואָס ס׳טוט זיך אויף דער אַנדערער זייט.

און דאָס, וואָס כ׳האָב געזען, האָט זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין מיין זכרון ווי אַ שרעקלעך געשפּענסט. כ׳האָב געפילט, אַז די אויגן ווילן אַרויס פון די אויגן לעכער, בעת כ׳האָב דערזען ווי ס׳קומען אָן איין פורל נאָכן 2־טן פול מיט יידן און נאָך די פורלעך זיינען אָנגעקומען די פוס־גייער אונטערגע־טריבענע, דערשלאָגענע דורך נאַגייקעס, זייער צושטאַנד, איז געווען שוידערלעך. אַלע זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן אויף דעם זעלבן אָרט, וווּ ס׳האָט זיך שוין געהאַט געפונען פון פריער די יידן פון ווודיסלאַוו, און סענדזישעוו.

יעדע מינוט בערך, האָט זיך דערהערט ביקסן שאָסן און צוזאַמען דערמיט געשרייען און געוואַלדן פון די פאַרפּייניקטע. געווען איז עס די שעה פון כל נדרי. קיין כל־נדרי, האָבן מיר סאַקע דאַמאָלט נישט געזאָגט. אָבער פון אונזערע אויגן, האָט זיך געגאָסן טרערן, וועלכע האָבן זיכער געדאַרפט דערגרייכן דעם כסא הכבוד פאַרען גערעכטיקייט ביים אַלמעכטיקן פאַר די עדה יידן, וועלכע זיינען געפירט געוואָרן צו דער שחיטה, ווייזט אָבער אויס, אַז דאַמאָלט איז גראַד געווען דער יום־הדין אין וועלכען ס׳איז געחתמעט געוואָרן דער אומקום פון די יידן מיט דעם בעסטיאַלישן טויט, מיט אַזאַ טויט אין וועלכן ס׳איז אפילו אין ו„נתנה תוקף״ נישט דערמאָנט — מיט פאַרגאַזעווועט ווערן.

בעת מיר „פּריווילעגירטע״ אַרבעטער האָבן נישט געקענט אָפּרייסן די בליקן פונם קאַשמאַרפולן בילד, וועלכעס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונזערע אויגן זיינען פּלוצים צו אונז צוגעקומען עטלעכע געסטאַפּאָווצעס און 5 אוקראַינער אנגעטאָן אין די שוואַרצע טויט־מונדירן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן און אונז צוגעפירט צום פּלאַץ, וווּ ס׳האָבן זיך געפונען די פּערפּייניקטע יידן. מען האָט אונז געהייסן פאַלן, דער וואָס האָט מאָמענטאַל נישט אויסגעפירט דעם באַפעל, האָט באַקומען מיט אַ נאַגייקע איבערן קאָפּ, פון וועלכן ס׳האָט אָנגעהויבן שפּראַצן בלוט. — און ער איז געשיקט געוואָרן אין דער רייע „רעכטס״, וואָס האָט באַדייט, טויט.

אַזוי האָט זיך אָנגעזאַמעלט צווישן אונז „פּריווילעגירטע״ אַרבעטער אַ גרופּע פון 30 מאַן דאַרונטער אַ קינד פון 4 יאָר יעקב שטערנס אַן אייניקל פון

וודיסלאוו. (די מוטער האָט זיך איבאהאלטן אין וואלד און דעם פּאָטער, איז געלונגען מיטצונעמען דאָס קינד מיט זיך). די דאָזיקע גרופּע פון 30 מאַן, צוזאמען מיטן קינד זיינען צוגעפירט געוואָרן צו דער גרופּע, וועלכע זיינען אוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

הארצרייסענד זיינען געווען די סצענעס, וועלכע האָבן זיך אפּגעשפּילט אינם מאָמענט, ווען די רוצחים האָבן אָפּגעריסן דאָס קינד פון פּאָטער. דאָס דאָזיקע בילד, האט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון און כ׳וועל עס אייביק געדענקען.



הינדה ראָזנבערג מיט א חתן

אונז איבערגעבליבענע, האָט מען צוריקגעפירט אין די באראקן אריין. מיט צעווייטיקטע הערצער און מיט געשוואָלענע אויגן פון וויינען. האָבן מיר זיך ארויפגעוואָרפן אויף די פּריטשעס פון די געלעגערס. אָבער קיינער, האָט נישט געקענט איינשלאָפן. צו אונזערע אויערן האָט זיך כסדר דערטראָגן דער עכאָ פון די ביקסן קנאַלן און די קולות פון די געפּייניקטע.

צומאָרגנס 5 א זייגער פרי, האָט מען אונז געשיקט אויסלאָדנען וואגאנען מיט ציגעל. כ׳האָב געגלויבט, אז כ׳וועל נאָך אַנטרעפן שפּורן פון אונזערע טייערסטע. אָבער לײדער, האָט מען זיי אלע לעבן געבליבענע אוועקגעשיקט ביינאכט קיין טרעבלינקע, מיר האָבן נאָר געפונען פארשפּרייט טויטע גופים פון מענער פרויען און קינדער. וועלכע מיר האָבן שפּעטער קובר געווען.

פון די קריסטלעכע ארבעטער האָבן מיר זיך דערוווסט אריע שווידערלעכע פּרטים פון די לעצטע מינוטן זייערע אין סענדישעוו: איידער זיי זיינען איינגעגרוזעוועט געוואָרן אין די וואגאָנען, זיינען זיי אלע געזעסן אויף דער פייכטער ערד. בכדי נישט צו „לאנגווייליקן זיך, האָבן די אוקראינישע באנדיטן איינגעאָרדנט אזא מין ספּעקטאקל: זיי האָבן פּאראָרדנט, די שטשעקאטשינער געוו. יידישע פּאָליציי אז איינער זאָל ארומלויפן ארום דער גרופּע און דער 2־טער זאָל אים

נאָכיאָגן און לויפענדיק. האָבן זיי באַקומען מיט נאַגייקעס איבער די קעפּ, אַזוי זיינען זיי אַרומגעלאָפן עטלעכע מאָל ביז איינער האָט געכאַפּט דעם ב״טן, און דאַן, איז דער געכאַפּטער דערשאָסן געוואָרן. דאָס שפּיל האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז ס׳זיינען אומגעקומען אַלע געוו. יידישע פּאָליציסטן אין שטשע־קאָטשין, שפּעטער, האָבן זיי זיך איזדעקוועדס ווידער איבער אַנדערע יידן אַזוי לאַנג ביז ס׳זיינען אָנגעקומען די וואַגאָנען, וועלכע האָבן זייי אַוועקגעפירט פאַרגאַזעוועט צו ווערן.

מיט איייניקע טעג שפּעטער, האָבן מיר באַקומען ידיעות וועגן אַ רייע „אַנטלאָפענע״ — און אַז אין וודיסלאַוו זיינען נאָך פאַרבליבן אַ געוויסע גרופּע יידן נאָך דער אויסזידלונג. כ׳האָב אויך באַקומען נישט קאָנטראָלירטע ידיעות אַז בעת דער אויסזידלונג אין וודיסלאַוו איז געלונגען מיינע שוואָגער׳ס אויס־צובאַהאַלטן זיך. כ׳האָב אָבער גאָרנישט געוווסט, וואָס ס׳איז געוואָרן מיט מיין פרוי און קינדער. דאָס טראַכטן וועגן דעם, האָט מיך צוגעפירט צו משוגעת. נישט ווייסענדיק וואָס ס׳טוט זיך מיט מיר?

זוער ווייסט ווי דער ענין וואָלט זיך געווען פאַר מיר פאַרענדיקט, ווען כ׳וואָלט נישט געווען באַקומען די פריידיקע ידיעה, וועלכע ס׳האָט מיר איבער־געגעבן ה׳ הערשל לעווקאָוויטש ער געפינט זיך דאָ אין ישראל) — אַז מיין פרוי און שוואָגער׳ס, האָבן זיך געפרעגט וועגן מיר. דאָס איז געווען אַ סימן אַז זיי לעבן. די בשורה, האָט מיר געגעבן דעם שטויס־קראַפט אָנצוגיין מיט מיינע יסורים און צו קעמפן ווייטער פאַרן לעבן.

נאָך 3 וואָכן באַקום איך אומדערוואַרטעט אַ בריוו פון אַ באַקאַנטן קריסט אין



2 שטשעקאָטשינער בחורים

וועלכן ער שרייבט מיר: אז מיין פרוי און קינדער געפינען זיך אין זשארנאוצע. באקומענדיק דעם בריוו, האָט מיך ארומגענומען אזא בענקשאפט, אז כ'האָב באשלאָסן צו ריזיקירן מיטן לעבן, אבי זיי זען. כ'האָב זיך צונויפגערעדט מיט נאָך א פערזאָן און אין מיטן נאכט, האָבן מיר זיך ארויסגעגנבט פונם כאראק און אַוועקגעלאָזט זיך קיין זשארנאוועצע.

טרעפענדיק זיך מיט מיין פרוי, האָב איך איינִיקע מינוטן גישט געקענט ארויסריידן קיין וואָרט פאר איבערראשענדע פרייד. דאָס לשון איז מיר ווי אפגענומען געוואָרן. מיין פרוי, האָט זיך אויך שטארק דערשראָקן זייענדיק זיכער, אז איך בין שוין געוואָרן פאר שרעק. ענדליך האָב איך באוויזן ארויס־צו־רעדגען פונם מויל די ערשטע ווערטער און דאן, האָט מיר מיין פרוי דער ציילט, וואָס פאר אגעוואלדיקע ניסים ס'האָט מיט איר פאסירט דורך דער צייט, וואָס זי האָט זיך 3 וואָכן אויסבאהאלטן אין וואלד. די דייטשן האָבן געמאכט כסדרדיקע אבלאוועס אין וואלד און ביי פויערים און יעדן טאָג, זיינען דערשאָסן געוואָרן צענדליקער יידן.

זי האָט מיר אויך דערציילט, אויף וואָס פאר אווּנדערליכן אויפן סזיינען אפגעראטעוועט געוואָרן אונזערע 2 קינדער. פאסירט האָט דאָס אויף פאָלגענדן אויפן: שבת ביינאכט, א נאכט פריער, איידער ס'איז פאָרגעקומען די אויסזיד־לונגען, האָט מען די קינדער ארויסגעוואָרפן פונם אָרט, ווו זיי האָבן זיך אויסבאהאלטן און נישט האָבענדיק קיין ברירה, זיינען זיי אוועק צו אונזער שסוב און דאָ האָבן זיי פונקט געטראָפן מיינע 2 שוואָגערס בנימין און לייזער ביעדאק פארשליסן די שסוב, איידער זיי זיינען אוועק אין וואלד אריין. זיי זיינען צוזאמען אוועק אין וואלד אריין און דאָרטן האָבן זיי זיך צונויפגעטראָפן מיט דער מוטער.

אין זשארנאוועצע, האָב איך זיך געטראָפן מיט א סך שטשעקאָטשינער, לאנג האָבן מיר אבער נישט פארבראכט צוזאמען, ווייל באלד איז אנגעקומען א ידיעה, אז מען לאָזט צוריק אריין קיין ווידיסלאוו צוזאמען מיט מיין פאמיליע און א רייע שטשעקאָטשינער, האָבן מיר זיך אוועקגעלאָזט קיין וודיסלאוו, דערווייל, איז פאָרגעקומען אין זשארנאוועצע די 2־טע אויסזידלונגען און דאָסמאָל, איז דאָס שטעטל געבליבן יידן־ריין.

אין וודיסלאוו, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גיהינום פונדאָסניי. דאָס מאָל, האָבן געארבעט מעשים די פולישע פאליציי, וועלכע האָבן אן שום סיבה געהרגעט יעדן טאָג 8—10 יידן.

דער דאָזיקער ווילקיר, האָט אָנגעהאלטן אזוי לאנג ביז ס'איז ארויס



יידל לאָנשנער און פאַמיליע
אַלע, וועלכע געפינען זיך אויפן בילד זיינען אומגעקומען אויף אַ טראַגישן אופן

אַ נייע פאַראָרדנונג: ביז דעם 24־טן נאָוועמבער 1942, איז דערלויבט געוואָרן אַלע פאַרבליבענע יידן צו פאָרן אומגעשטערט אין פאָלגענדע 3 שטעט: ראַדאָמסק, שידלאָוצע און סאַנדאָמיעזש. ס׳האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ בהלה פון לויפן, יעדער איינער, האָט זיך באַמיט צו דערגרייכן ווי אַמשנעלסטן דאָס „צוגעזאָגטע גליק" מ׳האָט געקלאַפּט אין געלטער בכדי צו באַקומען אַ פור. אָדער אַן אויטאָ. אויך איך, האָב געזוכט אַ געלעגנהייט צו קומען קיין ראַדאָמסק, אָבער ס׳איז מיר נישט געלונגען. דער גורל, האָט מיט מיר אַ להכעיס שפּיל געשפּילט, האָב איך באַשטעלט אַפור, איז דער בעל־עגלה נישט געקומען, האָב איך געדונגען אַן אויטאָ, איז איידער איך האָב זיך אומגעקוקט געווען דער אויטאָ אַזוי איבערפולט, אַז פאַר מיין פאַמיליע, איז שוין מער נישט געווען קיין פּלאַץ און דער אייגנטימער, האָט מיר צוריקגעגעבן דאָס געלט, שטייענדיק אַזוי פאַר־צווייפלט און געטראַכט וואָס צו טאָן. ווייל כ׳האָב מורא געהאַט צו פאַרלירן דעם לעצטן שאַנס, קומט פּלוצים צו אַ קריסט און פרעגט מיך: אויב כ׳וויל זיך אויסבאַהאַלטן! כ׳האָב זיך מיט אים אַדורכגערעדט און אין אָוונט בין איך בעגאַנגען אָנקוקן דאָס באַהעלטעניש.

אַהינקומענדיק אויפן באַשטימטן אָרט 4 קל"מ אונטער ווידיסלאַוו, האָט מיר דער בעל־הבית אָנגעוויזן אויף אַ גרוב, וואָס איז געווען פאַרשטעקט אונטערן הויז



אברהם מיאראווע

אין וועלכן ס׳האָט זיך געפּאַשעט אַ חזיר, וועלכן דער פויער. האָט אויסבאַהאַלטן פון די דייטשן.

די „נייע דירה״ האָט אונז אימפּאַנירט און גלייך צומאָרגנס האָבן מיר שוין „געוווינט״ אין דעם חזיר שטאַל. דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1942.

אַזוי האָט עס זיך געצויגן טעג, וואָכן און חדשים. מיר האָבן פּשוט פאַר־לוירן דעם חשבון פון די צייט. יעדן פרימאָרגן, איז דער פויער געקומען אין אונזער באַהעלטעניש און איבערגעגעבן ידיעות איינע גרויליקער ווי די אַנדערע. אָט, האָט ער אונז דערציילט; אַז מען שלעפּט אַרויס יידן פון זייערע באַהעלטענישן און מען דערמאָרדעט זיי אויף דעם בעסטיאַלישסטן אויפן און ביי די פּויערים, ביי וועלכע מען האָט געפונען די אויסבאַהאַלטענע יידן, האָט מען פאַרברענט זייער האָב און גוטס און צום סוף, אויך זיי דערשאָסן.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, האָט ער אונז דערציילט פאָלגענדעס: אינם דאָרף בושעזשיצע, איז צו אַ גרופּע זיצענדיקע פויערים צוגעקומען אַן אומבאַקאַנטער און געבעטן אַ ביסל וואַסער, די פויערים, דערזענדיק פאַר זיך אַן אומבאַקאַנטן מענטש, האָבן זיי אים געפרעגט וועגן דאָקומענטן, ווען יענער, האָט זיי קיין דאָקומענטן נישט געוויזן, האָבן זיי אים מאָמענטאַל געהרגעט. דער קדוש איז געווען יוסף בערנשטיין, הי״ד (דער זון פון קהלה־פּרנס אביגדור בערנשטיין הי״ד).

אַזעלכע נייעסן, האָט אונז געבראַכט דער פויער יעדן טאָג, נייעסן פון וועלכע דאָס בלוט איז ביי אונז געזעצט געוואָרן, מיר האָבן געפילט, ווי די איברים ווערן ביי אונז ווי אָפּגעטעמפּט. אויסער דעם האָבן מיר נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס ענגשאַפט פונם באַהעלטעניש, ווען דורך דער גאַנצער צייט, האָבן מיר געמוזט זיצן, אָדער ליגן. צו שטיין איז קיין פּלאַץ נישט געווען. כ׳האָב פאַרלאַנגט פון

פויער. ער זאָל אונז פאַרשאַפן אַן אַנדער באַהעלטעניש. כה'אָב איינגעזען, אַז אין די באַדינגונגען לוינט זיך לגמרי נישט צו פירן קיין קאַמף פאַרן בידנעם לעבן, ווייל לאַנג וועלן מיר סיי ווי נישט קענען אויסהאַלטן אינם לאָך.

נאָך שווערער מי (און פאַר גוט געלט) האָט דער פויער דעצידירט אויס־צופלעכטן אַ דאָפּעלטן דאַך — און מיר האָבן זיך איבערגעצויגן אין דעם נייעם באַהעלטעניש.

אָבער אין נייעם „וווינאָרט", איז שוין אין דער ערשטער נאַכט. מיר באַשערט געווען אַדורכצומאַכן אַ פּריש אומגליק. געשען איז עס ביי פאָלגענדע אומשטענדן: אין מיטן נאַכט, האָט מיין ייִנגעלע, (דאַמאָלט איז ער אַלט געווען 6 יאָר) געדאַרפט צו טאָן אַ פיזאָלאָגיש באַדערפעניש און איך מורא האָבענדיק, אַז ער זאָל נישט אַריינפאַלן צוליב דער פינסטערניש אין דער וויאַדרע אַריין, האָב געזוכט אַ שטיקל ברעטל צו פאַרדעקן די וויאַדרע און אין דער זוכעניש, האָב איך זיך אַראָפּגע־קייקלט פונם דאַך און צעבראָכן אַ האַנט.

6 וואָכן בין איך געלעגן אין די גרעסטע יסורים, נישט קענענדיק דער־וואַרטן פון קיינעם קיין שום מעדיצינישע הילף. ווען איך דערמאָן זיך אין יענע טעג, גייט אַדורך אַ פראָסט איבער מיין קערפּער. כ'וויל נישט גלויבן, אַז דאָס אַלץ האָט מיט מיר פּאַסירט. כ'טראַכט, אַז איך שרייב יעצט גאָר וועגן אַ ווילד פרעמדן מענטש. כ'האָב נישט געקענט גלויבן אַז אַ מענטש פאַרמאָגט אין זיך אַזאַ לעבנס־ווילן, אַז ער זאָל קענען דאָס אַלצדינג מיטמאַכן.

קיינער קען נישט באַגרינדן פון וואַן אַ געפּלאָגטער און אויסגעמאַטערטער ערגער ווי אַ הונט מענטש האָט פאַרמאָגט אַזוי פיל כוחות, אַז ער זאָל קענען



יעקב און שרה זיידנער — אומגעקומען אין סענדזשישעוו

איבערגעוועלטיקן דעם געוואלדיקן פחד מיט וועלכע ס׳איז פול געווען זיין סאַב־סעגלעך אוןָ נאָרמאלןָ לעבן.

ס׳איז איבעריק צו דערמאָנען, אז ביינאכט זיינען מיר נישט געשלאָפן, זייענדיק באהערשט פון א געוואלדיקן שרעק. האָבן מיר אנגעשטעלט אונזערע אויערן, אויפצונעמען יעדן שאָרך, יעדן קלאַנג, וואָס דערטראָגט זיך פון דער דרויסנדיקער וועלט אָפגעבענדיק זיך א חשבון ,אז יעדע סעקונדע איז אונזער לעבן אויסגעשטעלט אויף די גרעסטע געפאַרן. יעדער געשפרעך פון אן אונבאקאנטער שטימע, האָט באדייט טויט, און איינמאָל אין מיטן נאכט, האָבן מיר טאקע פלוצים דערהערט שטימען פון פרעמדע מענטשן. מיר זיינען געוואָרן וואכזאם אוןָ דער־ווארטונג אויף דעם וואָס ס׳דאַרף פאָרקומען.

די נאכט איז אָבער אדורך בשלום. מיר האָבן קוים זיך דערוואַרט אויף דעם פרימאָרגן באזוך פון פויער, וועלכער זאָל אונז דערציילן וועגן דעם. אָבער צו דעם גרעסטן דערשטוינונג, האָט ער אונז געבראכט, ווען ער האָט לגמרי נישט געוואָלט ריידן וועגן דעם. וויפיל איך האָב פרובירט ביי אים פרעגן, און דערוויסן זיך פרטים, האָט ער דאָס פאר אונז אויסבאהאלטן ווי אן אייביקן סוד.

צופעליק, האָב איך זיך שפעטער דערוווּסט וועגן דעם סוד און דאָס ביי פאָלגענדע אומשטענדן: תמיד, ווען דער פויער, איז געגאַנגען אין שטאָט אריין, האָט ער פאר אונז געבראכט א צייטונג. איינמאָל, האָט ער אונז געבראכט א צייטונג, אויף וועמענס קאנטן ס׳איז געווען עפעס אָנגעשריבן אין דער פוילישער שפראַך. איך האָב באשלאָסן צו ריזיקירן און אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער אויף יידיש. אויף אָט דער זעלבער צייטונג. צומאָרגנס האָב איך באקומען צוריק די צייטונג מיט א צושריפט אויף יידיש. אזוי ארום האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז דער פויער האָט אריינגענומען 2 יידישע פאמיליעס (6 מענטשן) אין דעם זעלבן לאָך, ווו מיר האָבן פריער געוווינט. דאָס זיינען געווען יעקב דזשיוויענצקי מיט פרוי און 2 קינדער און דוד פערלמוטער מיט דער פרוי.

מיר האָבן זיך זייער דערפרייט איינער מיטן אנדערן בעת מיר האָבן זיך צוזאמענגעטראָפן. צופיל פרייען זיך האָט מען נישט געקענט, ווייל מיר האָבן זיך נישט געקענט זען מער ווי איין מאָל אין דער וואָך. אָבער דאָס, האָט אויך לאנג נישט אָנגעהאלטן און מיר האָבן ווידער געמוטט איבערלעבן שרעק. נישט אדורך קיין טאָג אָן שרעק.

פלוצים, האָבן זיך באוויזן צו אונז מיינע 2 שוואָגערס (דער פרויס ברידער) וועלכע זיינען געווען איוסבאהאלטן אין אן אנדער דאָרף, און אונז איבערגעגעבן, אז ביי זיי אין דאָרף שמועסט מען, דאָס ביי יאַנעק גאיעס אין די

קושניעס (דאָס אָרט וווּ מיר האָבן זיך אויסבאהאלטן), באהאלטן זיך אויס א גרופּע יידן. זעלבסטפאַרשטענדליך, אז אזעלכע געשטרעכן. האָבן געמוזט דער־פירן צו דער ·אנטדעקונג פוּן אונזער באהעלטעניש. און דאָס האָט באדייט, אגרויזאמער טויט.

מיינע שוואָגערס, האָבן אונז די זעלבע נאכט אוועקגעפירט פוּן דעם אָרט און איינקוואַרטירט ביי אן אנדערן פויער אין דאָרף לאָני. דאָס איז געווען פּסח 1943, פּונקט, ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאנד אין וואַרשאווער געטא.

דער נייער בעל הבית, האָט אין א שטאל פוּן פערד אויסגעבויט פאר אונז א דאָפּעלטע וואַנט. אריינקומען אין אונזער „וווינונג" האָבן מיר נאָר געקענט דורך דעם דאך. דאָס נייע לאך, האָט פאַרנומען אן אָרט פוּן 60 צענטימעטער.



טשעקאַטשינער הארנווערקער — ישראל יזראלעוויטש און פרזי

דאָרטן, האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט. יעדע נאכט, זיינען די שוואָגערס געקומען צו אונז מיט א וויזיט. ביסלעכווייז, האָבן מיר זיך צוגעוווינט צו דעם אָרט לעבן. און ווי זאָגט א יידיש שפּריך־וואָרט: אז מען געוווינט זיך צו מיט צרות, לעבט מען מיט זיי אין פריידן".

די דאָזיקע קלאָגעדיקע „פריידע", האָט אָבער אויף לאנג נישט אנגעהאלטן די א. ק. האָט געאַרבעט מעשים. זיי האָבן זיך געשטעלט ממש פאר א ציל אויס־צוגעפינען יעדן באהאלטענעם ייד. און אויב ס'איז ווען ייד געלונגען אנטרונען צו ווערן פוּן די דייטשע פּולאַבקע, האָבן די א. ק. אים אויסגעפונען און ליקווידירט. און זיי האָבן דאָס געמאכט נישט ערגער ווי די דייטשישע מערדער.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו פילן אז ס'רוקט זיך אָן עפּעס אויף אונזערע קעפּ און דער אינסטינקט האָט אונז נישט גענאַרט און געשען איז עס אין יולי 1942,

אין מיטן נאכט קומט דער פייער אין אונזער באהעלטעניש און דער ציילט: ס׳האָבן זיך צונויפגעזאמלט אלע פייערלעשער, פוילישע פּאָליצי און סתם „פּאטריאָטן", זיי גייען פון הויז צו הויז, פון שטוב צו שטוב און זוכן יידן. זיי זוכן גרונטלעך: אויף בוידעמער, שטאלן און בונקערס און איבעראל וווּ זיי געפינען א ייד אין דעקעוועך זיי זיך איבער זייער קרבן אויף דעם בעסטיאלישסטן אופן.

בעת דער פייער, האָט דאָס אונז איבערגעגעבן, זיינען געקומען צו לויפן מיינע שוואָגערס און דערציילט, אז מען טרייבט זיי ארויס פון זייער באהעלטעניש און האָבן נישט אוואוהין צוגייען?

מיר האָבן מיט „קלינגענדע" ארגומענטן אויסגעפועלט ביי אונזער בעל־הבית ער זאָל דערלויבן, אויך די שוואָגערס צו זיין צוזאמען מיט אונז. מיר האָבן געמאכט פּריטשעס און אזוי האָבן מיר זיך איינקווארטירט. מיר פון אונטן — און זיי פון אויבן, אויף די פּריטשעס. ס׳האָט אויסגעקוקט פונקט ווי ביי שלום עליכמ׳ס מלמד מיט דער קאָזע. די שטוב, איז אים געווען קליין און ענג, האָט אים דער רבי געהייסן אריינעמען נאָך א קאָזע אין שטוב אריין. פריער, איז אונז אויך געווען געענג באקוועם, איצט אבער, איז שוין געוואָרן גאָר גרויס. מיר האָבן דאס אבער אלץ גענומען פאר ליב און גוט, ווייל מיר האָבן אלץ געלעבט מיט דער האָפענונג, אז סוף כל סוף וועט א סוף נעמען צו אונזערע ליידן און מיר וועלן נאָך דערלעבן צו זען די ליכטיקע שיין פון גאָטס־וועלט. מיר זיינען געווען זיכער, אז דער כוח פון ליכטיקייט, וועט באזיגן די מאכט פון פינסטערניש און באר־באריזם.

אזוי האָבן מיר געלעבט צוזאמען (אויב מען קען אזעלכע באדינגונגען אנרופן לעבן), במשך די ווינטער חדשים ביזן סוף 1943. אונזער בעל הבית, וועלכער איז אגב געווען דער סאלטיס פונם דאָרף, האָט פאר אונזערע געלטער איינגעאָרדענט א פיינע בעל־בתישקייט און רייכע ווירטשאפט אזוי, דאָס ער „האָט זיך שוין מער נישט גענויטיקט אין אונזער געלט און דאָס פאר וועלכן מיר האָבן זיך אזוי געשראָקן, איז טאקע געקומען. אין געשען איז עס אָנהויב פונם יאָר 1944. איינמאָל האלבערנאכט האָבן מיר פלוצים דערהערט אשטארק קלאפן. אויסגייענדיק שיעור פאר שרעק, האָבן מיר אלע צוזאמען געפרעגט: „קטאָ טאם"? ווער קלאפט? און דאָ האָבן מיר דערהערט די שטימע פון אונזער בעל־הבית, וועלכער רופט אויס מיט אן ענערגישע דעצידירענדע שטימע: „וויכאָדזשצע"! — גייט ארויס! איך מיט די שוואָגערס זיינען צו אים ארויס און דאן האָט ער אונז דערקלערט קורץ און בינדיק: פאַרלאָזט מיין ארט!



הערשל זיידנר אומגעקומען 1942

מיר האָבן אָנגעהויבן פאר איס צו וויינען, און בעטן, צוגעזאָגט מער געלט, גאָלד, אָבער ער איז געבליבן ביי זיין באשלוס — נישט אנדערש, נאָר זאָפאָרט מוזן מיר פאלאזן דאס ארט. נאָך שעה'ן פון בעטן און וויינען פאר אים, האָט ענדליך זיין פרוי אים עפעס אריינגערוימט אין אויער און דאן האט ער געזאָגט: בין מאָרגן ביינאכט, זאָל איך אייך דאָ מער נישט זען.

די זעלבע נאכט, זיינען מיינע שוואָגערס אוועק צו „באקאנטע פויערים״ פויעלן ביי זיי פאר גוט געלט, אז מען זאָל אונז ערגעץ ווו אריינלאָזן. אָבער אנשטאט אונז געבן א באהעלטעניש, האָט זיך גאָר פארשפרייט צומארגנס אין דער פרי א קלאנג אין אלע שכנותדיקע דערפער, אז די ביעזאקעס (אזוי האָט מען גערופן מיינע שוואָגער'ס) זוכן ערגעץ ווו א באהעלטעניש און די א. ק. האָט ארויסגעגעבן א פאראָרדנונג, אז מען זאָל זיי ברענגען צום שטאָב טויטע, אדער לעבעדיקע.

אין דער גרעסטער פארצווייפלונג, זיינען מיינע שוואָגערס צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. מיר האבן זיך געפילט ערגער ווי די הינט. מיר האָבן געוווסט, אז יעדער איינער לויערט אויף אונזער לעבן. בלית ברירה, האָבן מיר פארפאקט די זאכן נישט וויסענדיק ווו מיר זאָלן שטעלן די ערשטע טריט.

גייענדיק אזוי אין דער פינסטערניש פון דער נאכט זיינען מיר צוגעקומען צו א געדיכטן -וואלד. נישט געטראכט לאנג, האָבן מיר רעזיגנירטע פון לעבן באַ־שלאָסן צו פארהאלטן זיך אין וואלד. אויף דער שנעל, האָבן מיר זיך פארמאסקירט

מיט בוימער און צווייגן און אונזער „פאלאץ" איז געוואָרן פאַרטיק. אָבער דאָ, איז אנטשטאַנען פאַר אונז דאָס פּראָבלעם פון עסן, לכל הפּחות ברויט מיט וואַסער. צום גליק האָבן מיר געהאַט מיט זיך מיטגענומען אַ פלעשל וואַסער און אַ לעבל ברויט, און דאָס האָט געדאַרפט גענוגן פאַר אונז ביז צומאָרגנס פרי. די לאַגע, איז געווען האָפנונגסלאָז. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון אַז אויב מיר ווייזן זיך פאַר אימיצן, אָדער אימיצער אַנטדעקט אונזער באַהעלטעניש, ווערן מיר געטויט אויפן אָרט.

מיר האָבן לאַנג געטראַכט איבער אונזער לאַגע און מיר האָבן באַשלאָסן, (מען האָט נישט געהאַט וואָס צו אַנווערן) צו ווענדן זיך צו יאַן גאַיאָס, צום פויער ביי וועלכן מיר האָבן זיך געהאַט פריער אויסבאַהאַלטן. דורך דער צייט פון אונזער אַפּוועזנהייט, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ס'האָט זיך ביי אים אויסבאַהאַלטן דאָס זווידיסלאַווער מיידל גוטשע פּייעראַייזן. די א. ק. האָבן זי אָבער אַנטדעקט און נאָכן אויספירן איבער איר אַ שאַנד־טהאַט, האָבן זיי נאָכדעם איר לעבעדיקערהייט צעשניטן.

מיר זיינען טאַקע צוריקגעגאַנגען צו אונזער פריערדיקער באַהעלטעניש, לגבי אונזער באַהעלטעניש אין וואַלד, האָט דאָס דאָזיקע „לאָך" אויסגעקוקט פאַר אונז ממש, ווי אַקעניגלעכער פּאַלאַץ.

אָבער דאָ, איז ווידער אַנטשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון עסן. דער פויער, איז געווען אַן אָרעמאַן, צו געבן אונז עסן, האָט ער נישט געקענט און אויב ער וואָלט געקויפט עסן, וואָלט גלייך געפאַלן אַ פאַרדאַכט, אַז ער באַהאַלט אויס יידן, אַזוי איז געוואָרן דאָס פּראָבלעם זער קאָמפּליצירט און טראַכטענדיק וועגן דעם, איז מיר איינגעפאַלן אַגליקלעכער געדאַנק; צו ווענדן זיך צום פויער פון קודז־שאַוש, ביי וועמען מיר האָבן איבערגעלאָזט אַ טראַנספּאָרט לעדער, וואָס איז געווען שווער פאַר אונז מיטצונעמען. מיר האָבן זיך צו אים געוואַנדן און פאַר „גוט־געלד", איז אונז געלונגען צו באַקומען אַ ביסל מעל.

אַזוי האָבן מיר זיך געפּלאָגט אייניקע חדשים, ביז „אונזער" פויער, האָט באַקומען אַן אויפפאָדערונג צוצושטעלן אַקאָנטיגענט פון געטריידע, קאַרטאָפל, חזרים א. אַז. וו. דער ענין, איז ווידער געוואָרן פאַר אונז זייער באַשווערט. ווי שוין דערמאָנט, איז דער פויער געווען אַן אָרעמאַן און האָט נישט געקענט דעקן דעם קאָנטיגענט, און ביי די וועלכע האָבן נישט געקענט געבן דעם קאָנטיגענט, האָט מען געמאַכט רעוויזיעס און פאַר דערפאַר. האָבן מיר אַמייסטן מורא געהאַט

מיר האָבן אפילו געטראַכט צו באַצאָלן פאַר אים דעם קאָנטיגענט, אָבער דאַן וואָלט ווידער אַנטשטאַנען דאָס פּראָבלעם אין דער גאַנצער שאַרפקייט. צוליב דעם

פאלגענדן ענין. וועט ער גיין קויפן, וועט ווידער סאלן א פארדאכט. אז ער כאהאלט אויס יידן (ווייל פון וואן האט ער געלט, אויב נישט פון יידן !) — אזוי. איז געען די לאגע אַן אַן אויסוועג א לאגע פון „אוי לי מיצרי, ואוי לי מיוצרי" און דאָ האָט זיך אונטערגעבראָכן דער טערמין, ווען דער פויער האט געברויכט צו דעקן דעם קאנטיגענט און ער האָט זיך געריכט אויף ארעוויזיע. — און בלית ברירה, האָבן מיר באשלאָסן צוריקצוגיין אין וואלד אריין אבער דאסמאל. איז דאס אויס באהאלטן זיך אין וואלד געווען אביסל לייכטער. ווייל דער פויער יאן גאיאס. האָט אונז באזאָרגט מיט ברויט און וואסער.

דאָס איז געווען ווינטער 1944. אזוי האָבן מיר אין די אומנארמאלע באַ־דינגונגען געלעבט אייניקע וואָכן.

ס׳שרייבט זיך היינט לייכט, אבער בעת כ׳שרייב די שורות, ווילט זיך נישט גלויבן, אז איך בין געווען דער העלד פון די איבערלעבענישן — און אז כ׳האב געקענט דאס אלץ אדורכמאכן.

דורך דער צייט, וואָס מיר זיינען געווען אין וואלד, איז דערווייל פאָרגעקומען די רעוויזיע ביים פויער. נאטירלעך. האָט מען ביי אים גאָרנישט געפונען — און מיר זיינען צוריק אוועק צו אים אין פאלאץ אריין. די שוואָגערס מיינע, זיינען אוועק אין דאָרף לאנע צום פויער בזשאזש. מיטגענומען האָבן זיי מיט זיך 20 גאָלד־דאָלאר. א העלפט פון דעם האָבן זיי געזוכט אויסטוישן אויף געלט און פאר די אנדערע העלפט, האָבן זיי געוואָלט קויפן עסענוואַרג. אוועקגעגאנגען זיינען זיי 10 א זייגער אוונט און ארום 1—2 ביינאכט, האָבן זיי געזאָלט זיך אומקערן. אומגעדולדיק האָבן מיר דערוואַרט זייער צוריקקער, די מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי שעהן אָבער פלוצים ארום 2 ביינאכט, האָבן מיר דערהערט א שטארקן קלאפן און אין איין אויגענבליק, איז דאָס טויער געווען אויפגעריסן, די הינט, האָבן אָנגעהויבן בילן — און מען האָט געהערט פרעמדע קולות אינם שטוב פון פויער.

איך מיט דער פרוי און 2 קינדער, האָבן איינגעהאלטן דעם אָטעם. ליגענדיק אויפן דאָפעלטן שטרוי, האָבן מיר געהערט יעדעס וואָרט און יעדעס געשריי, וואָס ס׳האָט זיך דערטראָגן פון פויערס׳ שטוב. מיר האָבן געהערט די געשרייען און געוויינען פון געשלאָגענעם פויער און פויערטע און ביי יעדן קלאפ פאלט די פראגע: ווו זיינען די יידן ! דעם ענטפער האָבן מיר נישט געהערט, אָדער אפשר האָבן מיר יאָ געהערט, נאָר אונזערע חושים זיינען געווען אזוי פארטויבט פון שרעק דערזעענדיק דעם טויט פאר די אויגן, אז מיר זיינען מער נישט געווען אומ־שטאנד אויפצונעמען דעם מינדסטן קלאנג.

אונזערע גלידער, זיינען ביי אונז ווי פאראלעזשירט געוואָרן דערזעענדיק ווי

מען ברעכט אויף די סיר, וועלכע האָט געפירט צום קוימען און דאָרט זוכט מען באַהאַלטענע ייִדן. מען ברעכט ווייטער די פּאָדלאָגע און דאָרטן אונטער דער ערד זוכט מען אַן אויסבאַהאַלטענעם ייִד. איך הער, ווי מען קריכט אויף די לייטער, וועלכע פירט צום בוידעם. איך דערזע שוין דעם אָפּשיין פון די עלעק־טרישע לעמפּלאַך, איך סוליע צו צו מיין האַרץ מיין זון. די פּרוּוו טוט דאָס זעלבע מיט דער טאָכטער. טיף אין האַרץ זיינען מיר איבערצייגט, אַז ס'דערנענטערט זיך דער סוף. פון די אינוועיניגסטע קעלערן פון דער נשמה רייסט זיך אַרויס אַ הילפ־לאָזער שטילער קרעכץ: רבונו של עולם, אַזויפיל איבערגעלעבט, אַזויפיל געליטן— און איצט זאָלן מיר האָבן אַזאַ טראַגישן ווייסטן סוף?



אלחר און בלומה דאנציקער

פינסטער איז מיר געוואָרן אין די אויגן בעת איך דערזעה ווי די באַגנעטן פון די ביקסן שטעכן אַ דורך דאָס דאָפּעלטע שטרוי. איך פיל ווי מיינע כוחות פאַרלאָזן מיך (אפשר איז קוראַנטער אַזוי, זאָל איך לכל הפחות נישט פילן ווי מען וועט מיך פייניקן) — זאָל איך נישט זען, ווי מיינע נאָענסטע דועלן דערמאָרדעט ווערן אין מיינע אויגן) — און כ'בין אוועקגעפאַלן אין אָנמאַכט. מיינע אויערן, האָבן אָבער נאָך באַוויזן צו הערן ווי אַ גראָבע מענער שטימע, האָט געזאָגט צו גאַיאַסן: „פּאַדאַבנאַ אַז וועס וועסט דובאַלטאַוואַ טשעכאַ" — אָבער וואָס איז פאַרט געשען? ווידער אַ נס. ווען זיי וואָלטן מיט דער האַנט געוועזן אַעקגענומען אַ־200—300 גראָס שטרוי, וואָלטן זיי אונז געוועזן אַנטדעקט. איך רייב

זיך די שלייפן און פיל, אז עפעס אויסערגעוועגלעכס איז געשען מיט מיר און מיט מיין פאמיליע. ווי א שווערע משא, וואס האט געפרעסט מיין הארץ, וואלט פון מיר פלוצים אוועקגענומען געוואָרן. איך הער פלוצים דעם אָפּקלאנג פון די אראפּ־גייענדע פיס פון די לייטער. איז עס אמת! געווען טאקע די מערדער און אוועק! — כ'האָב ספּוט מורא געהאט ארויסצולאזן די פּארע פונם מויל, אפּשאצענדיק, אז איבער אונז אלעמען הענגט די געפאר פון פארניכטונג. כ'בין ערשט געקומען צו זיך בארויאיקענדיק זיך פון שרעק, בעת כ'האָב דערהערט די שטילע שטימע פון מיין פרוי: ישראל בער! ווער ווייסט וואָס ס'איז געשען מיט מיינע ברידער !

ערשט איצט, האָב איך פארשטאנען, וואָס פאר אגעפאר ס'דרויט, אויב ס'וועלן אנקומען מיינע שוואגער'ס! (ס'איז פונקט געווען די צייט, ווען זיי האָבן זיך געדארפט אומקערן פון זייער ביינאכטיקע עקספעדיציע אויסצוגעפינען לעבנס־מיטלען). — און זיי וועלן ארייגפאלן גלייך דעם לייב אין פּיסק אריין.

אָבער ליידער, זיינען שוין מיינע שוואָגערס מער צו אונז נישט צוריק־געקומען. נישט אין יענער נאכט און נישט אין קיין שום אנדערע נאכט. אויך זיי, האָבן געטיילט דעם גורל פון די יידן, וועלכע זיינען אויף א בעסטיאלישן אופן אומגעקומען אין געיעג נאָך א שטיקל ברויט.

אָבער אין יענער טרויעריקער נאכט, האָבן מיר נאָכנישט געוווסט פון זייער טראגישן אומקום. מיר האָבן אונגעדולדיק געוואַרט זייער אָנקומען. דאנקענדיק גאָר, אז זיי האָבן זיך דאָסמאָל פארשפּעטיקט, אז ס'איז זיי ניש אויסגעקומען איבערצולעבן די טויט שרעק, וועלכע מיר האָבן איבערגעלעבט.

אזוי איז אדורך די נאכט אין דער דערוואַרטענסטער שפּאנונג. אזוי איז אויך אדורך אין טיפער זאָרג דער טאָג און אויך די אנדערע נאכט. יעדער מינוט האָט אויסגעקוקט ווי אן אייביקייט. די פאנטאזיע, האָט געמאָלן שרעקענס בילדער. איין בילד שרעקלעכער פארן אנדערן. דאס הארץ האָט געהאט א פאָרגעפיל, אז „עפּעס" האָט מיט זיי פּאסירט. מיר האָבן צוגעלייגט אונזערע אויערן צום לאָך, וועלכעס, האָט אונז פאראייניקט מיטן פויערס שטוב. מיר האָבן געהערט א שטיל שעפּטשען. מיר האָבן פארשטאנען, אז דאָס שעפּטשעט מען זיך וועגן אונז. געגוייערס האָבן מיר נישט געקענט דערגיין. אינסטינקטיוו האָבן מיר אָבער געפילט, אז מיט מיינע שוואָגער'ס האָט פּאסירט עפּעס שרעקלעכס.

און דער אינסטינקט, האָט טאָקע נישט אָפּגענארט. מיט אייניקע מינוטן שפּעטער קומט פלוצים ארויף דער פּויער און פרעגט מיך: אויב די שוואָגער'ס האָבן מיטגענומען מיט זיך דאָס גאנצע געלט ?— און אויב איך וועל האָבן צו באַצאָלן פאר אייניקע חדשים פאָראויס! און דאמאָלט, האָט ער אונז דערציילט,

אז מיינע 2 שוואָגער׳ס לייזער און בנימין ליגן דערהארגעטע נישט ווייט פון אונזער הויז. ביים לעבן, האָט מען געשגיסן שטיקער פון זייערע קערפער׳ס צווינגענדיק זיי, צו זאָגן, וווּ מיר געפינען זיך. זיי זיינען אומגעקומען מיט א מאַרטירער טויט און נישט אויסגעזאָגט דעם סוד פון אונזער באהעלטעניש. בעת מען האָט זיי געפייניקט אויף דעם שווידערלעכסטן אופן, האָבן זיי די פייניקער געזאָגט אליגן: אז מיר געפינען זיך אין נעוויטשין, א דאָרף נעבן סענדזשישעוו.

דערמאָרדערט האָט מען זיי ביי באַדזשאזין אין לאַני און זייערע טויטע צעשניטענע קערפער׳ס, האָט מען צוגעשלעפט צום הויז אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען. דעם זעלבן טאָג 10 אזייגער פרי, איז צוגעפאָרן א פויערישע פורל און פון אונזער באהעלטעניש האָבן מיר געזען, ווי מען לייגט אַרויף די טויטע גופים אויף דעם פורל און מען האָט זיי באַגראָבן נעבן לאַנאר וואלד.

ווען איך בין אַרויס אויף דער פריי, האָב איך אַרויסגענומען זייערע קערפער׳ס און פונדאָסניי קובר געווען אויפן בית הקברות אין וואָדיסלאַוו. זאָל זייער אָנדענק זיין געהייליקט!

ווייסט אָבער אויס, אַז דאָס מעסטל פון שרעק, איז נאָך אין יענעם טאָג נישט געווען איבערפולט. ווייל נישט באַפרייענדיק זיך נאָך פון דעם שווערן רושם פונם מאָרד איבער מיינע 2 שוואָגער׳ס, איז אונז גלייך אויסגעקומען איבער צולעבן ווייטערדיקע שרעק און דאָסמאָל צוליב פאָלגענדער סיבה: די פויערטע. האָט געקאָכט מיטאָג און צוליב א געוויסע אומפּרזיכטיקייט, האָט זיך עפּעס אָנגעצונדן און דערפון איז אויסגעבראָכן א שׂרפה. ס׳איז נאַטירליך געוואָרן א שרעקליכע פּאַניקע און בהלה, ס׳איז זיך צוזאַמענגלאָפן אַלע פויערים און פויערטעס פונם דאָרף, מ׳האָט אָנגעהויבן צו לעשן, אָבער צוגלייך מיט דער שׂרפה, האָט געברענט א פייער פון פחד אין אונזערע הערצער, אז מען זאָל אונז חלילה נישט אַנטדעקן.

גאָט האָט געהאָלפן דאָסמאָל זיינען מיר אָפּגעקומען מיט בלויזע שרעק. ס׳איז געלונגען צו פאַרלעשן דאָס פייער און ס׳זיינען ווידער א דורך עטלעכע „גלאַטיקע” טעג, אָן שום ספּעציעלעס. ביז ס׳האָט זיך אונטערגערוקט דער טערמין, וואָס כ׳האָב געברויכט צו באַצאָלן דעם פויער „דירה געלט”.

און דאָן איז ווידער אַנטשטאַנען א פּראָבלעם: אַזוי ווי כ׳האָב נישט געוואָלט, דער פויער זאָל וויסן, אז כ׳האָב ביי זיך געלט, האָב איך געמאַכט דעם אָנשטעל, אז כ׳גיי אין א דאָרף אַריין צו פאַרשאַפן זיך ערגעץ ווו געלט. צו דעם צוועק, האָב איך זיך יעדע נאַכט אוועקגעלאָזט מכלומרשט פאַרשאַפן געלט, אָבער פאַקטיש

ביז איך אוועק און געלעגן עטלעכע שעה ערגעץ ווו אין א פעלד — און צוריק־געקומען מיט געלט.

15 יאָר, איז שוין פאַריבער פון יענער צייט, אבער ס'שטייט נאָך איצט פאַר מיינע אויגן דאָס פּראָבלעם. בעת כ'האָב יעדע נאכט געמוזט מאכן דעם „ספאָרט" פון ליגן באהאלטן צווישן תבואות. עטלעכע שעה, בכדי מיינע בעלי־בתים זאָלן זיין זיכער אז כ'פארשאַף זיך אויף אזא אויפן געלט. ליגענדיק אייניקע שעה אויפן פעלד, האָב איך נישט איינמאָל געטראכט, אז כ'וועל שוין מער נישט דערלעבן צוריקצוגיין צו מיין פרוי און קינדער. און נישט איינמאָל, האָט זיך מיין גאַנץ וועזן געבונטעוועט אויב ס'איז כדאי דער גאנצער קאמף, ווייל סוף כל סוף וועט מען נישט אויסהאלטן כ'בין געוואָרן ממש פול מיט רעזיגנאציע שטימונגען.

נאָך 15 יאָר גלוסט זיך מיר נישט גלויבן, אז איך בן אדם, האָב דאָס אלץ מיטגעמאכט, אבער אזוי איז עס פּאַרט געשען: כ'האָב געמאכט מיינע ביינאכטיקע אויספלוגן, טיילמאָל אייניקע מאָל אין דער וואָך במשך עטלעכע חדשים, ווי ס'וואָלט געווען א נאטירלעכע זאך, גלויבענדיק דאַמאָלט אליין, אז אזוי דארף עס זיין, אָבער מיטאמאָל, האָט ווידער פּאַסירט עפּעס אונגעווענלעכעס: „מיין" פויערטע, האָט זיך פארגלוסט פרישע פוטער און נישט אנדערש, נאָר איך דארף איר דאָס באַזאָרגן, בעת איך געפין זיך ביינאכט אין א דאָרף, זי איז דאָך געווען איבערצייגט אז איך פארשאַף זיך געלט אין די ארומיקע דערפער און ממילא קען איך אויך איר שאפן פרישע פוטער. אזוי איז מיטאמאָל ווידער אנטשטאַנען א געפערלעכער קאַמפּליצירטער ענין, וועלכעס איז עלול פּאַטאַל זיך צו פאַרענדיקן, אָבער אויך צו דעם, האָב איך געפונען אנעצה: פון פויער, האָבן מיר באַקומען יעדן טאָג א האלבן ליטער מילך, האָבן מיר באלאסן, אראָפּצושעפּן פון אויבן אויף א ביסל סמעטענע, אריינגיסן דאָס אין א פלעשל און במשך פונם חודש, האָבן מיר געהאט פוטער. אזוי, בי איך געווען א„פוטער־מאכער" במשך עטלעכע חדשים און מיינע בעלי־בתים זיינען געווען איבערצייגט, אז איך באַזאָרג זיי די פרישע פוטער פון אן אנדערן פויער.

די דאָזיקע פּאַראַדאַקסאַלע דערשיינונג, האָט אָנגעהאלטן אייניקע חדשים, ביז ס'איז ווידער געשען עפּעס אזעלכעס וועלכעס איז נישט געווען פאָראויס צו זען אין מיטן נאכט האָבן מיר איינמאָל פלוצים דערהערט עטלעכע שאָסן נאָכאנאנד. אונזערע הערצער זיינען שיעור ארויסגעשפּרונגען פאַר גרויס שרעק, נישט וויסענדיק ווער — און ווו מען שיסט ! צומאָרגנס האָבן מיר זיך דערוווּסט א זאך, פון וועלכע מיר האָבן ווידער איבערגעלעבט טויטשרעק און נעמלעך: נעבן „אונזער" דאָרף, האָט מען דערהארגעט 5 דייטשע זעלנער, אלע פויערים אנטלויפן

פון דאָרף צוליב דער מורא פאַר סאַנקציעס. ווייל ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז די געסטאַפּאָ זאָל אַלס נקמה פאַרברענען ס'דאָרף און אויסהארגנען אַלע מענער.

אַלע אָן אויסנאַם פּויערים זיינען אַנטלאָפן איבערלאָזנדיק אַלצדינג אויף הפקר. אָבער איך מיט מיין פאַמיליע, זיינען געבליבן אויפן אָרט. די איינציקע „שומרים" אין גאַנצן דאָרף, און איראָניע פון גורל, איך, דער געיאָגטער און געפּלאָגטער ייִד. וועלכער האָט יעדע מינוט געריכט זיך אויפן טויט בין פאַרבליבן דער איינציקער אין דאָרף, בעת די אָרטיקע איינוווינער זיינען אַלע אַנטלאָפן. מיר האָבן נישט געהאַט וואוהין צו לויפן, נאָר געמוזט וואַרטן אין טויט שרעק, אויף דעם. וואָס דער גורל וועט ווייטער ברענגען.

די ענדע דערפון איז געווען, אַז מען האָט געבראַכט פון קיעלץ 50 קריסטלעכע זאַקלאַדניקעס און דערשאָסן זיי פּונקט אויף דעם אָרט, וווּ מען האָט געפונען די דערהארגעטע 5 דייטשן.

און צווישנצייט, האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן וואַרשאַווער אויפשטאַנד און דאָס ביי פאָלגענדע אומשטענדן: נאָכן אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד האָט די דייטשע מיליטער מאַכט צעשיקט די וואַרשאַווער ציווילע באַפעלקערונג איבער דער פּראָווינץ, יעדער סאָלטיס אין דאָרף. האָט געהאַט און אויפגאַבע איינצוקוואַרטירן די וואַרשאַווער ביי יעדן פּויער, אויך ביי „אונזער" פּויער זיינען איינקוואַרטירט געוואָרן אַ פאָטער מיט אַ טאָכטער און דאַן, האָט זיך פונדאָסניי אָנגעהויבן פאַר אונז פרישע צרות. צוליב די נייע געסט, האָבן מיר זיך נישט געקענט פאַרשטענדיקן מיטן פּויער און ממילא, איז אונז אויסגעקומען צו הונגערן, דאָס וואָלט טאַקע געווען די ענדע צו אונזערע ליידן און אַזוי האָבן מיר זיך שוין געגרייט. אַז מיר וועלן אויסהויכן אונזערע נשמות אין אַלאַנגזאַמען הונגער טויט. אָבער דאָ, איז ווידער געשען אַ נס, דער גרויסער נס. פון דער באַפרייאונג. און דאָס, האָט אונז טאַקע אַריינגעבראַכט אַ פרישן כוח, אַז מיר זאָלן דעם הונגער־פּעריאָד איבערטראָגן לייכטער. ווי דאָס וואָלט פּאַסירט ביי נאָרמאַלע אומשטענדן.

געפינענדיק זיך ממש אויפן ראַנד פון דער גרעסטער פאַרצווייפלונג, זייענדיק אויסגעשטעלט אויף אַלאַנגזאַמען הונגער טויט, נישט זעענדיק קיין אויסוועג פאַר זיך, האָט זיך מיטאַמאָל פּלוצים באַוויזן צו אונז דער פּויער און דערציילט: אַז אַלע פּויערים, האָבן אָנגעהויבן גראָבן גריבער אין פעלד, בכדי אַריבער צו פירן דעם לעבעדיקן אינווענטאַר. ווייל דער פראָנט דערנענטערט זיך,

ענדלעך. האָבן מיר אָנגעהויבן צו זען די וועלט אין אַן אַנדער ליכט אין אונזערע פאַרצווייפלטע, פאַרטרויערטע הערצער, האָט זיך אַריינגעריסן אַ שטראַל פון האָפענונג. אַז ס'איז כדאי נאָך אַביסל צו פייניקן זיך. ווייל שוין נישט לאַנג

וועט געדויערן און ס׳וועט צו אלעמען נעמען א גליקלעכן סוף. מיר וועלן נאָך דערלעבן צו זען א פרייע וועלט, אָבער גלייכצייטיק, איז אָט דער שטראל פון האָפנונג באגלייט געווען מיט א שאָטן פון פעסימיזם, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט, אז דער פראָנט זאָל זיך נישט אפשטעלן אינם דאָרף, דאַן קענען מיר אומקומען אומגעריכט פון באָמבאַרדירונגען אָדער הארמאַטן שאָסן. מיר האָבן געבעטן גאָט, אז אלעס זאָל א דורך בשלום און מיר זאָלן נישט ווייסן ווו אזוי דער פראָנט האָט אויסגעקוקט. און אזוי האָט עס טאַקע פאסירט: דער טאָג, וועט אייביק פארבלייבן איינגעקריצט אין מיין זכרון. געווען איז עס דעם 14־טן יאנואר 1945 8 אזייגער אין דער פרי קומט ארויף דער פויער אין אונזער באהעלטעניש און פירט אונז צו א לאָך דורך וועלכן מיר זעען: ווי די דייטשן אנטלויפן אין דער גרעסטער בהלה און אומאָרדענונג. איינער אָן א היטל, דער אנדערער אָן א מארינארקע, אייגער שפּאַנט אויס די פערד פון וואָגן לאָזט איבער דעם וואָגן און אנטלויפט אין גרעסטן גאלאָפּ בלויז מיט די פערד. אונזערע הערצער ווערן אנגעפילט מיט פרייד. זייט אייניקע חדשים רוף איך אויס הויך אויפן קול אין דער יידישער שפּראַך צו מיין פרוי און קינדער: גאָט צו דאנקען! — מיר זיינען ענדלעך געראַטעוועט.

אזוי איז אדורך דער זונטיקדיקער טאָג, אין דער גרעסטער באגייסטערונג, פאר פריידיקער איבערראשונג, האָבן מיר שוין נישט געפילט מער קיין הונגער.

מאָנטיק פרי, האָבן מיר דערהערט שיסן, אָבער אינטערעסאַנט, דאָסמאָל, האָט דאָס שיסן אונז נישט מער געשראָקן, דאָס איז געווען א שיסן וועלכעס מיר האָבן דערוואַרט און יעדער שאָס, האָט געקלונגען אין אונזערע אויערן ווי די שענסטע מוזיק.

מיר קוקן ארויס דורכן לאָך פון אונזער באהעלטעניש און מיר זעען ווי רוסישע זעלנער שיסן אין דער לופטן און אין געציילטע מינוטן זיינען אָנגעקומען פון אלע זייטן פונם דאָרף גרויסע קאָלומנעס פון רוסישע מאָטאָריזירטע און פוס גייער מיליטער, וועלכע האָבן פשוט פארפלייצט דאָס דאָרף.

מיר האָבן נאָך אלץ מורא געהאַט צו ריזיקירן און ארויסגיין פון באהעל־טעניש מוראהאָבענדיק, טאָמער וועט זיך נאָך דער פראָנט פארציען. ערשט שבת אין דער פרי, דערהער איך ווי איינער שרייט: יאַ יעוורעי״ איך קוק ארויס דורך דעם לאָך פון באהעלטעניש און זעה ממש ווי פארשטיינערט. איך דערקען אין דעם מענטש יארימאָוויטשן פון ווודיסלאַוו (ווי ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, איז ער געען די גאַנצע צייט באהאַלטן ביים זעלבן פויער וואָס מיר) — מיר האָבן זיך איינער דעם אנדערן געוואָרפן אויף די העלדזער און ער האָט מיר דערציילט, אז אין דער שטאָט זיינען שוין פאראַן יידן.

דערהערענדיק די בשורה, האָב איך מיטגענומען מיט זיך מיין טאָכטער יאַדזשאַ און מיר זיינען געגאַנגען קיין ווראָצלאַוו. ליידער אָבער ביים שטעלן די ערשטע טריט, האָבן מיר געמוזט אָפּשטעלן זיך. די פיס, זיינען ביי אונז פאַרשטייפט געוואָרן און מיר האָבן נישט געקענט שטעלן קיין טריט. נאָך שווערער מי, פילענדיק אין זיך דעם נייעם מוט פון אַ באַפרייטן מענטש, זיינען מיר אין שפּעטן נאָכמיטאָג אָנגעקומען קיין ווראָצלאַוו. דעם ערשטן ייד, וועלכן כ'האָב באַגעגנט אין מאַרק איז געווען הערש לעווקאָוויטש. מיר האָבן זיך געוואָרפן אויף די העלדזער און אויסגעבראָכן אין אַהאַרצרייסנדיק געוויין און געקושט זיך אָן אויפהער. נישט קיין וווּנדער. ביידע זיינען מיר אויפגעשטאַנען „תחית המתים", געקומענע פון יענער וועלט.

פאַרנאַכט בין איך צוריק אַוועק אין דאָרף ברענגען מיין פרוי און זון. די נאַכט, האָבן מיר נאָך געגעסן ביים פייער און צוזאַמען באַגינען, האָבן מיר פאַרלאָזט דאָס דאָרף געזעגנענדיק זיך האַרציק מיט מיינע בעלי בתים און מיר זיינען בשלום אָנגעקומען קיין ווראָצלאַוו. אויפן וועג, האָבן מיר כסדר אָנגעטראָפן רוסישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אונז אויסגעפרעגט ווער מיר זיינען ? — און פון וואַן מיר קומען ? אויך זיי האָבן זיך געוווּנדערט, ווען כ'האָב דערציילט, אַז מיר זיינען געלעגן 28 חדשים אין אַ בונקער און נאָך אַלע שרעק איבערלעבענישן זיינען מיר אַרויס לעבעדיק.

מיר האָבן זיך געפרייט, אָבער אין אונזערע הערצער, האָט געגאַגט אַ טרויער. פון אונזער משפחה וועלכע האָט געציילט עטלעכע פערציק מענטשן, איז קיין איינער אַ חוץ אונז נישט פאַרבליבן. איך מיין פרוי און קינדער, זיינען אויך די איינציקע משפחה אין שטשעקאָטשין, וועלכע האָבן געלעבט אין אַ בונקער און די זכיה געהאַט איבערצולעבן. זאָל דאָס טאַקע פאַרצייכנט ווערן לדור דורות. די איינציקע לעבן געבליבענע פאַמיליע פון שטשעקאָטשין, וועלכע האָט אַ דורכגעמאַכט די היטלעריסטישע טיראַניע אין איר גאַנצן גרויל — און מיר האָבן די זכיה צו גע־פינען זיך אין מדינת ישראל. פון וואַנען מיר שעפּן דעם גייסטיקן כוח ממשיך צו זיין דעם המשכדיקן קיום פונם פאָלק־ישראל.

ישראל שוואַרצבוים (קאַנאַדע)

# מיין לעצטער באַזוך אין שטשעקאָטשין



געווען איז דאָס אין אַפּריל 1941. אינעם יאָר ווען דאָס פּוילישע יידנטום און צוזאַמען מיט זיי די שטשעקאָטשינער יידן, האָבן געשמאַכטעט אין די פֿינסטערע געטאָס, אין וועלכע די היטלער רוצחים האָבן זיי אַריינגעקוועטשט.

אין יענער צייט, האָב איך געוווינט אין זאַוויערטשע, וואָס האָט זיך געפֿונען אין רייכס־דייטשן געביט און איז געווען אָפּגעזוינדערט מיט אַ שטאַרק באַוואַכטער גרענעץ פֿון מיין געבוירן שטאָט שטשעקאָטשין, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַזוי גערופֿענעם: „גענעראַל גוווערנאַמענט".

מיט אַמאָל, איז מיר באַפֿאַלן אַ שטאַרקע בענקשאַפֿט צו מיינע נאָענטסטע און כּהאָב באַשלאָסן צו מאַכן אַ נסיעה קיין שטשעקאָטשין, ד. ה. אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ.

איבעריק צו דערמאָנען, אַז פֿאַר אַ ייד, איז אין יענער צייט אַזאַ רייזע געווען פֿאַרבונדן מיט סכּנת־נפֿשות. וויסענדיק אָבער, ווי שווער דער פֿינסטערער גורל האָט געטראָפֿן די שטשעקאָטשינער יידן און מיינע נאָענטסטע בתוכם, האָב איך ריזיקירט מיטן לעבן און נאָך 2 טעג וואַנדערן בין איך בשלום אָנגעקומען קיין שטשעקאָטשין.

ניטאָ דער מענטש, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד אַרויסצוברענגען מיט זיין פֿעדער די געוואַלדיקע פֿרייד פֿון די אַלע, וואָס האָבן מיך געזען אַ לעבעדיקן. איך בין פֿאַר זיי פּשוט געווען אַ לעגענדע. זיי האָבן פּשוט נישט געקענט פֿאַרשטיין, ווי, און רעדן מיט אַ מענטש פֿון יענער זייט גרענעץ.

אויף מיר האָט אָבער געמאַכט אַ דערשיטערנדן איינדרוק זעענדיק אין



משה שחואל, קיילה, נטכע קערענסקי און פאמיליע א.לע אומגעקומען

וואס פאר א שפלדיקן מצב די רעשטלעך שטשעקאטשינער יידן האבן זיך דאמאלס געפונען: זייער פנימער פארחושכט, גלייכגילטיק און האפנונגסלאז, אויסגעהונגערטע און צוזאמענגעפרעסטע אין עטלעכע שמאלע גאנץ פארבליבענע געסלעך. — צו עטלעכע פאמיליעס אין קליינע ענגע שטובלעך. בארויבט פון יעדער פרנסה־קוואל, האבן געראנגעלט זיך פאר זייער נעבעכדיקן לעבן די רעשט איבערגעבליבענע אויפן ארט שטשעקאטשינער יידן.

עס איז נישטא קיין קללה אין דער תוכחה, וואס קען זיך פארגלייכן מיט די יסורים און ליידן, וועלכע עס האבן אדורכגעמאכט די שטשעקאטשינער קדושים. דער ביטערער גורל, האט געטראפן אונזער שטעטל מער ווי אנדערע שטעט אין פוילן. געוועזענע בכבודיקע בעלי־בתים זיינען פארוואנדלט געווארן אין בעטלערס. ווי לעבעדיקע מתים, ממש שאטענס פון מענטשן, האב איך זיי געזען שטיין אין דער רייע נאך אביסל גרויפן־זופע.

ווען איך דערמאן זיך היינט, טראצדעם געוואלדיקן ציים־אפשנים דאס דאזיקע טרויעריקע בילד, פיל איך ווי מיין קערפער ווארפט זיך אין קאנוולסיעס. אז אזעלכעס האט געקענט פאסירן. די הענט ציטערן מיר בעת כ׳וויל באשרייבן יענעם טרויעריקן מאמענט וואס שטייט ווי א שרעקלעך געשפענסט פאר מיינע אויגן.

געקומען בין איך קיין שטשעקאטשין דאנערשטיק און פארבליבן בין איך ביז מאנטיק אין דער פרי. ביים אוועקפארן האב איך זיך מיט אלע און אויסנאם הארציק זיך געזעגט און געקושט נישט באגרייפענדיק, אז דאס איז דער לעצטער בליק אויף מיין געבוירן שטעטל.

איבערלאזענדיק ווערטער פון טרייסט און האפנונג אין די הערצער פון

די פאראומערטע און פארצווייפעלטע יידן האָב איך אליין נישט געגלויבט, אז איך זע זיי צום לעצטן מאָל. צום לעצטן מאָל האָב איך זיך דאמאלט ליידער געזעגנט מיט א קהלה קדושה, וואס האט געשמט און איז געווען בארימט אין דער גאנצער אומגעגנט מיט אירע חשובע בעלי־בתים און מיט דער קולטורעלער יוגנט, א יוגנט, וואס האט געטרוימט וועגן א בעסערן מארגן. געשאפן ווערטפולע זאכן, פארשניטן געווארן איז ליידער דאס הארציקע, פריילעכע שטעטל שטשע־קאטשין מיט אירע דורותדיקע שאפונגען.

דעם זעלבן יאר, שבת תשובה, האב איך דערהאלטן דעם לעצטן בריוו פון מיין עלטסטן ברודער צבי הי״ד, אין וועלכן ער האט זיך געזעגנט מיט מיר, אוועקגייענדיק אינעם לעצטן אומבאקאנטן וועג. געווען איז דער בריוו א טרויערי־קער אנזאג: אז אלצדינג איז פארלוירן.

אזוי איז פארשוואונדן געווארן א גאנצע קהלה יידן, מיטנעמענדיק מיט זיך אין זייער לעצטן וועג די סודות פון ליידן פונעם יידישן מארטירער פאלק. ליידן, וועלכע האָבן נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון פעלקער פארניכטונג.

מיט די שורות וויל איך פאראייביקן אין דעם יזכור־בוך דעם הייליקן אנדענק פון די קדושים וטהורים, נאָענטע און באקאנטע, וועלכע האָבן קיינעם נישט איבערגעלאזט נאך זיך.

זאל זייער אנדענק מאנען נקמה פאר זייערע פארשניטענע לעבענס און פארן אומזינסטן פארגאָסענעם בלוט פון אייראפאישן יידנטום בכלל און פון שטשעקאטשינער יידנטום בפרט.

נאָלן אויף אייביק פארשאָלטן זיין די אומריינע הענט, וואָס האָבן דאָס געטאָן. זכור את אשר עשה לך עמלק!



גרינע שבח
די פרוי פון גרשון שבח

יצחק אלפסי

# 2 דמויות מעולם החסידות משצקוצין

על 2 דמויות גדולות מעולם החסידות הנני רוצה להזכיר בפנקס שצקוצין, שמטרתו הוא להנציח את זכרה של הקהלה היהודית למרות שהיא היתה קטנה בכמותה — היתה גדולה באיכותה.

ר׳ ליפא משצקוצין היה צדיק נסתר. מגדולי תלמידיו של „החוזה״ מלובלין ורבי ישראל מקוזשניץ.

את אהבתו לתורת ישראל ועם ישראל קיבל ולמד מרבי דוד מלעלוב אליו נסע יחד עם רבי משה שמואל החזן.

מפורסם היה ר׳ ליפא במופתיו. האגדה החסידית מספרת על גילוי אליהו שהיה לו ועל קפיצת־הדרך שאירעה בלכתו ללובלין.

הצדיק מבלז העיד עליו כי היה ביכלתו להחיות מתים.

אף על פי כן סירב לקבל עליו אדמורות ועסק כל ימיו במסחר, בעיקר במכירת מי־דבש (מעד).

ר׳ ליפא נפטר בז׳ בתשרי תקצ״ה, לאחר שחלה תוך כדי תפילה לפני „העמוד״ בראש השנה.

בנו רבי יחיאל אלתר היה חתנו של האדמו״ר רבי יעקב מאפסא, נכדו של ר׳ דוד מלעלוב.

ר׳ משה שמואל החזן משצקוצין היה תלמידו המובהק וחביבו של רבי דוד מלעלוב. שימש כחזן בעיר והיה נסתר. אמרו עליו שהוא אחד מל״ו צדיקים שבדורו.

אחרי פטירת ר׳ דוד מלעלוב נהרו אליו חסידים רבים. סיפרו עליו מופתים לעשרות.

נפטר בערב פסח תש״ח. מצבתו תעיד על ההערצה שהעריצוהו רבים:

„ומשה לא מש מתוך האהל, אהלה של תורה, ומשה היה רועה את צאן קדשים, להדריכם בדרך ישרה. בוצינא קדושא חסידא איש האלהים״.

מהעיר שצקוצין לא נשאר שום דבר מעברה היהודית. אפילו המצבות של גדוליה נמחקו מתחת הארץ.

צבי גרייפנער (רמת־אביב)

# דער אנהויב פונעם סוף



די דייטשן זיינען אריין קיין שטשעקאטשין דעם 3־טן סעפטעמבער און די ערשטע „באגריסונג" זייערע איז געווען די דערמאָרדונג פון 46 יידן שטשעקאטשינער און זשאריקער.

גלייך ווי זיי האבן ארײנמארשירט, האבן זיי פארברענט בסך 70 פראָצענט פון דער שטאָט. במשך פון די ערשטע 2 וואָכן בערך דעם 20־טן סעפ־טעמבער, ווען דאָס דייטשע מיליטער, האָט דער־גרייכט דעם ווייסל ברעג, האָבן ביסלעכווייז אנגע־הויבן אומצוקערן זיך צוריק קיין שטשעקאטשין, די, וועלכע האבן אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער אקופאציע פארלאָזט די שטאָט. ליידער האבן זיי איבעראל געטראָפן חורבות, פון זייער האָב און גוטס, פון זייער יאָרן לאנגע אנגעהארעוועטער פראצע איז געוואָרן אש.

עס האָט אָנגעהויבן צו אנטשטיין פארשידענע שוועריקייטן פון לאָקאלן כא־ראקטער. אין דער ערשטער רייע, האָט זיך געשאפן א וווינונגס פראָבלעם, פאר די צוריקגעקומענע מענטשן. דאמאלס, האָט זיך אויפן באפעל פון דער דייטשער קאָמענדאטור געשאפן אין שטאט דער 1־טער יידענראט, וועמענס אויפגאבע עס איז געווען אין דער ערשטער רייע צו שאפן און ארגאניזירן, וווינונגען פאר די דאכ־לאזע מענטשן.

דער ערשטער יידענראט, וועלכער האָט נאָך געהאט דעם כאראקטער פון דער קהלה פון פאר דער מלחמה איז באשטאנען פון פאָלגענדע פערזאָנען: ישעיהו גרייפנער, משה בארענשטיין, משה לייב ראָזענבערג, משה ראפאלאָוויטש, מענדל שווארצבוים, משה יעקב פייוויש, איטשל מקהגיק, דוד איזראעלעוויטש, יחיאל ריבט,

ישראל לענטשנער, הערשל שווארצבוים, יוסף לאוזן, ח. ד. דרעזנער, יעקב אייזענבערג און הערשל זילבערשטיין.

צוליב דער אנגעשטרענגטער וווינונגס־לאגע, ווו עס האט פאסירט, אז מען האט געמוזט איינקווארטירן טיילמאל 14—15 מענטשן אין איין קליין צימער, האט זיך אנגעהויבן אנטוויקלען פארשידענע עפידעמישע קראנקהייטן, אום בכדי די קראנקהייטן צוויסצומיידן האט דער יידענראט געשטעלט זיך פאר אן אויפגאבע, אוועקצושיקן א טייל פון דער באפעלקערונג אין די ארומיקע שטעט, ווי: יענד־זשעוו, וולאשטשאווע, זשארנאווצע, פילץ א.ד.ג.

א טייל פאמיליעס, וועלענדיק אויסמיידן די געפאר, האבן זיך פרייוויליק אוועקגעלאזט קיין זשארקי, זאוויערטשע, טשענסטעכאוו, סאסנאוויץ און בענדין.



שטיים פון רעכטס: ישעיהו גרייפנער, (יצחק קופערבערג (לעבט אין ישראל)
רעלא און משה גרייפנער

אין די ערשטע 4 וואכן, איז געווארן באשטימט צוצוטיילן א באגרענעצטע צאל קארטאפל, שווארץ ברויט און טונקל מעל פאר די איבערגעבליבענע יידן, וועלכע האבן געהאט דאס „גליק" צו פארבלייבן אויפן ארט, זייער צאל, האט דערגרייכט ביז 500 נפשות.

צוליב אינערלעכער שטרייטן אין יידענראט, זיינען דורכן ערשטן דייטשן בירגערמייסטער יאהאן פרוסא, וועלכער, איז ממש געווען דער הענקער פון די שטשעקאטשינער יידן, באזייטיקט געווארן פאלגענדע מיטגלידער: ישעיהו גרייפנר, משה ראפאלאוויטש, משה לייב ראזענבערג און מענדל שווארצבוים.

וואס א מאל איז די לאגע פון די פארבליבענע יידן געווארן אלץ ערגער.

און ווען עס האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער, איז די לאַגע געוואָרן גאָר אומדער־טרעגלעך מיטן פראָבלעם פון באהייצונג. יידן האָבן פארקויפט פון זיך דאָס לעצטע, וואָס זיי האָבן געהאַט, אבי צו באַקומען אביסל טאָרף. (וועגן קוילן, האָט מען אפילו נישט געטראַכט).

נאָכן פאַלן פון ווארשע, האָט זיך די לאַגע אַנגעהויבן אביסל צו נאָרמאַליזירן. די יידן האָבן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ שמוגל־האַנדל, ביי וועלכע אַ טייל האָבן נישקשהדיק פאַרדינט. דערביי דאַרף דערמאָנט ווערן, אז דאָס איז אגב געוואָרן, דער איינציקער מקור פון פרנסה פאַר די יידן אין יענער צייט.

אַ דאַנק דעם, האָט דער יידנראַט, געהאַט די מעגלעכקייט ארויפצולייגן אַ שטייער אויף די יידישע מיטבירגער, לויט איר אייגענעם איינזען.



אַ גרופּע באַוווסטזיניקע יוגנט, די ערשטע אויף רעכטס, די טאָכטער פון הרב קאַמינסקי הי״ד, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט אַן אומלעגאַלע יידישע שולע אין געטאָ

אויך דאָס יידישע אַלגעמיינע לעבן, האָט זיך אָנגעהויבן צו נאָרמאַליזירן, לויט די אָקופּאַציע באַדינגונגען, אויף אַזוי ווייט, דאָס עס איז געגרינדעט געוואָרן אַן אומלעגאַלע יידישע שולע, וועלכע איז געוואָרן אָנגעפירט דורך דער עלטסטער טאָכטער פונ׳ם לעצטן מורא־הוראה הרב קאַמינסקי הי״ד.

אַזוי, האָט דער מצב אָנגעהאַלטן ביז יאַנואַר 1940. זייט די דאַטע, האָט זיך די לאַגע אין שטאָט אָנגעהויבן צו פאַרערגערן פון טאָג צו טאָג, מיטן מאָמענט, ווען אַלס בירגערמייסטער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ געוויסער פאָלקס דויטש

יאהאַן פּרוטאַ ימ״ש. איז די לאַגע געוואָרן ממש אומדערטרעגלעך. נישט אדורכ־געגאַנגען קיין טאָג אָן קרבנות.

די זשאַנדערמעריע, וועלכע האָט פון אָנהויב „אוועקגעקוקט״ אויף געוויסע זאַכן, איז אָבער מיטן אויסוואַל פון פּרוטאַן געוואָרן וואָס אַמאָל צודרינגלעכער און פאַרלאַנגט יעדן טאָג עפּעס אַנדערש און וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער. און בכדי אויסצומיידן קרבנות, איז די יידישע באַפעלקערונג געווען געצוואונגען, נאָכ־צוקומען אַלע אומנאַרמאַלע פאָדערונגען.

די גרעסטע צרות, האָט אָבער די יידישע באַפעלקערונג געליטן פון בירגער־מייסטער פּרוטאַן, וועלכער האָט זיך איבער זיי איזדעקעוועט אויף אַן אומברחמנות־דיקן אויפן זייענדיק טויט און פאַרניכטונג, ווי ער האָט זיך נאָר געוואָלט.

ווען עס זיינען אָנגעקומען די ערשטע פּרעסט, האָט ער פאַראָרדענט אָפּצו־רייניקן די גאַסן: פּילסודסקי, סענאַטאָרסקאַ און די רעכטע זייט פון דער לעלאָווער. און אַזוי, האָט זיך אויטאָמאַטיש געשאַפן דער אַזוי גערופענער „יידענפירטל״, אָדער בעסער געזאָגט: דער געטאָ! — אין שטשעקאָטשין.

איצט ווען די יידן זיינען געוואָרן קאָנצענטרירט, האָט דער יידענראַט אויפן פאַרלאַנג פון דער זשאַנדאַרמעריע געמוזט צושטעלן יעדן טאָג 40 מאַן (מענער און פרויען) אויף פאַרשידענע שווערע אַרבעטן. דערביי, האָט פּרוטאַ גאַנץ אָפט, אַריינגעריסן זיך אין יידישע שטובן, געמאַכט מכלומרשט רעוויזיעס. שלאָגנדיק



מירל וואַקסמאַן די טאָכטער פון יצחק וואַקסמאַן
אומגעקומען אין סאָסנאָווצער געטאָ

דערביי אלע אנווייזונגען און אז עס האט זיך אים פארגלוסט, האט ער זיך נישט בלויז באגנוגנט מיט טרוקענע ארבעט — נאר אלס „אנדענק" געמוזט אויך איבער־לאזן „עפעס" א קרבן.

אין יולי 1940, האבן די דייטשן אלס פארברייטונג צו דער מלחמה מיט רוסלאנד אנגעהויבן בויען אנייעס שאסיי זשארקי־יענדזשעוו. די ארבעט איז געווארן אנגעפירט דורך דער דייטשער פירמע: ברעסלוי כעמישע ווערק. די פירמע, האט ביי דער ארבעט באשעפטיקט 80 יידן, וועלכע האבן יעדן טאג געמוזט צוגעשטעלט ווערן דורך דעם יידענראט.

אזוי, האט עס געדויערט ביזן אויסברוך פון דייטש־סאוויעטישן קריג. מיטן אויסברוך פון דער מלחמה, איז דער געטא, הערמעטיש געשלאסן געווארן און דאן, האט זיך אנגעהויבן צו פילן דער הונגער אין יעדער יידישער שטוב און אין רעזול־טאט איז אין געטא אויסגעבראכן א פלעק־טיפוס, וועלכער האט איינגעשלונגען א סך קרבנות.

דער הונגער, האט, וואס מאל אלץ מער דערקוטשעט די באפעלקערונג. און א טייל די מער דרייסטערע זיינען געוועזן געצוואונגען ארויס צוגנבענען זיך ביינאכט פון געטא, ארויסלאזן זיך אין די נאענסטע דערפער, אבי צו באקומען לעבענס־מיטלען. דא זיינען געפאלען מערערע קרבנות. די ערשטע, געפאלענע ביים פאר־לאזן דעם געטא זיינען געוועזן: לייזער קזשעשאווער מיט דער פרוי (עלטערן פון 6 קינדער וועלכער מען האט געכאפט אין דארף כאלופקי און אויפן ארט דערשאסן געווארן, אברהם רושינס א זון און אברהם פארלעגער.

דער פחד, איז געוועזן זער גרויס, מענטשן האבן אבער קיין ברירה געהאט, דער הונגער איז געוואקסן פון טאג צו טאג, און די ראציעס, וועלכע די דייטשן האבן צוגעטיילט זיינען פארקלענערט געווארן ביז א מינימום, און בכדי נישט אויסצוגיין פאר הונגער, האבן מענטשן ווייטער ריזיקירט, ריזיקירט מיטן לעבן, בכדי אויפצוהאלטן דאס לעבן.

דאמאלט, איז אויך פארגעקומען דער ערשטער פאל פון פארשיקונג קיין אשוויענטשין. די ערשטע פארשיקטע זיינען געוועזן: די 3 ברידער ראזענבלאט (טשיריזערס) מושעק זאיאנשקאווסקי, פנחס ראטענבוים, די פארשיקונג, איז געקומען אין רעזולטאט פאר פרובירן ארויסגיין פון געטא. א דערדריקענדן רושם, האט אויך דאמאלס געמאכט דאס דערשיסן א יינגל, וועלכער האט געארבעט אלס שניידער אויסער דעם געטא.

זייענדיק אויסגעשטעלט אויף א הונגער געפאר, האבן די מענטשן פון געטא, אויסגענוצט אלצדינג, בכדי צו לינדערן דעם טרויעריקן מצב. עס האט אבער

גארנישט געהאָלפן, די טראַגעדיע איז געווען זייער גרויס. מענטשן זיינען ממש געשטאָרבן פאַר הונגער. און דערפאַר, איז טאַקע געווען פאַראַדאָקסאַל דאָס פאַר א טייל געטאָ־איינוווינערס, איז די אויסזידלונגען אין יענער צייט געקומען ווי אַדערוואַרטעס „גליק".

און דאָ הויבט זיך אָן דער אָנהויב פונעם סוף פון סטשעקאָטשינער יידענטום, דער שלוס פון סטשעקאָטשינער יידישן לעבן.

ערב יום־כפור 1940, יידן אין געטאָ האָבן געוווסט, אז עס גרייט זיך עפּעס. אַן ערך 30 פּראָצענט פון די געטאָ איינוווינער זיינען זיך צעלאָפן איבער די אַרומיקע דערפער און וועלדער.

5 טעג אָבער פאַר דער אויסזידלונג, האָט מען געבראַכט אין געטאָ אַלע יידן פון אַרומיקן קאַנט, א העלפט פון די יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין די דערפער זענען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן, און די רעשט האָט מען געבראַכט אין געטאָ אַריין, בכדי צו קאָנצענטרירן אַלעמען אויף איין אָרט, אז עס זאָל לייכטער זיין זיי אויסצוזידלען.

אין טאָג פון דער אויסזידלונג, זיינען דערשאָסן געוואָרן אַלע עלטערע און קראַנקע, וועלכע זיינען נישט געווען פעאיק צוצושטעלן זיך אויפן זאַמעל־פּלאַץ אין גלח׳ס גאָרטן אַריין.

מיט דער אויסזידלונגס־אַקציע האָבן אָנגעפירט דער בירגערמייסטער יאָהאַן פּרוטאַ, און דער שעף פון דער זשאַנדערמעריע, לויטענאַנט שטימלער, (וועלכער האָט אייגנהענטיק דערשאָסן א גרויסע צאָל יידן).

נאָכן פאַרענדיקן די אויסזידלונגג, זיינען פאַרבליבן אויפן אָרט 27 מאַן, צו פאַרענדיקן די אַרבעט אויפן שאָסע. די 27 מאַן, זיינע אַלע געוואָרן קאָנצענטרירט אין איין וווינונג.

פון די איבערגעבליבענע זיינען שפּעטער געשטאָרבן: משה וואָלף איצקאָוויטש און דוד שטאַרק, צוליב א מסירה, זיינען דערשאָסן געוואָרן: דער געוו. קהלה פּרעזעס יחיאל ריכט און דער געוו. סעקרעטאַר פון הנוער הציוני — יהודה ראַפּאַלאָוויטש, דער אונטערגרונט פון דער מסירה איז געווען, אז די ביידע האָבן געהערט צום אַנטי־היטלער קאָמיטעט.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, דאָס טראָץ דער אויסזידלונג איז געבליבן א געוויסע צאָל יידן אויסצובאַהאַלטן זיך ביזן סוף 1942.

נאָוועמבער 1942, האָבן די דייטשן ווידער אַרויסגעלאָזט א מעלדונג אז די אַלע יידן, וועלכע עס איז געלונגען אויסצובאַהאַלטן, וועלן קאָנצענטרירט ווערן אין 3 שטעט: ראַדאָמסק, סאָנדאָמיעזש, אויאַזד, וווּ זיי וועלן אַרבעטן און פריי זיך

באוועגן, אזוי ארום וועלן זיי זיך קענען אויסהאלטן ביז צו דער פארענדיקונג פון דער מלחמה.

די יידן וועלכע עס איז שוין מיאוס געווארן דאס ארומוואלגערן זיך אין דאס געיאגטע לעבן פון א הונט, האבן זיך געלאזט כאפן אויף דער וועגדקע. דער מאמענט איז גראד געווען א פאסיקער, ווייל די געפלאגטע יידן דערשרעקענדיק זיך פארן אנקומענדן ווינטער האבן בלית ברירה דעצידירט צו מאכן דעם שריט און האבן זיך אוועקגעלאזט קיין ראדאמסק, וועלכע איז מער נישט געווען ווי אוועגדקע אריינצוכאפן די רעשטלעך יידן אין די לאפעס פון געסטאפא און זיי ענדלעך ליקווידירן.

קומענדיק קיין ראדאמסק סוף נאוועמבער, האבן די דייטשן ארויסגעלאזט א קאטשקע, אז עס ווערט אדורכגעפירט א רעגיסטראציע פון אלע, וועלכע ווילן פארן קיין ארץ־ישראל. זעלבסטפארשטענדלעך, אז דער געיעג צו דער רעגיסטראציע, איז געווען געוואלדיק גרויס — אבער אנשטאט צו פארן קיין ארץ ישראל, האבן די דייטשן אדורכגעפירט די לעצטע אויסזידלונג פון ראדאמסק.

פון די עטלעכע טויזענט יידן, וועלכע האבן זיך געפונען אין ראדאמסק זיינען פארבליבן און ניצל געווארן על פי נס 250 יידן, דארונטער 20 שטשעקאטשינער, וועלכע זיינען געשיקט געווארן קיין סקארזשיסק אין די ווערק, א. ב. צ. איבערגעלעבט און אויסגעהאלטן האבן נאר די וועלכע האבן געהאט די „זכיה", אז זיי זאלן ווערן פארשיקט אין די ווערק א. ב. ווייל פון ווערק צ. איז קיינער נישט ארויס קיין לעבעדיקער.

15 יאר אין פאראיבער פון יענער צייט, אבער דאס גרויל געשפענסט פון דער טראגעדיע פון שטשעקאטשינער יידענטום שטייט מיר פאר די אויגן, דאס טרויעריקע בילד איז טיף איינגעקריצט אין מיין הארץ און לאזט זיך נישט פארגעסן. די געשפענסט בילדער שווימען אויף סונדאסניי, ווי עס וואלט ערשט איצט פאסירט. בילדער, וועלכע דערציילן וועגן א טראגעדיע פון א שטאט יידן, וועלכע זיינען אויף א בעסטיאלישן אויפן אומגעקומען נאר פאר דעם איינציקן חטא, וואס זיי זיינען געבוירן געווארן יידן.

און ווען דער גורל האט בעוואלט, אז איך, אלס דער איינציקער, וועלכער האט געהאט די זכיה צו פארבלייבן פון די, וועלכע זיינען אויף אזא טראגישן אויפן פארשניטן געווארן—און דער שיקזאל האט מיך פארוואנדעלט קיין ישראל אין דער זעלבסטשטענדיקער יידישער מדינה, האלט איך עס פשוט פאר א זכות צו שרייבן די שורות פארן יזכור־בוך, וועלכעס אין די ווירדיקסטע מצבה פון דער שטאט שטשעקאטשין, א שטאט מיט יידן — וועלכע איז געווען א מאל — און וועט שוין



מאמעס מיט זייערע קינדער

מער נישט עקזיסטירן. קיין קברים האָבן זיי נאָך זיך נישט איבערגעלאָזט, ווייל זייער געביין איז נישט געקומען צו קבר ישראל. זייערע טויטע גופים זיינען אויסגעשפרייט געוואָרן איבער דער גאנצער טעראסע פון שטשעקאטשין—סענדזשי־שעוו, ראדאָמסק, סקאַזשיסק,—צוזאמען מיט דעם אש, פון די קדושים, וועלכע זיינען פארברענט געוואָרן אין טרעבלינקע און אשוויענטשים — שטעלן מיט זיך פאר די גע־דרוקטע שורות אין בוך לעבעדיקע נשמות, וועלכע זיינען אויפגעשטאנען תחית המתים. שטעלן זיך אויס פאר דיר אין א רייע און זאָגן: מיט אונזער טויט, האָבן מיר אייך באפוילן צו לעבן. לעבט אין דער מדינת ישראל, שאפט, ווירקט אנט־וויקעלט זיי — און פארגעסט אונז נישט...

אפרים שטיבעלמאן (הרצליה)

# איך האב דאס אלץ געזען



געווען איז עס פרייטיק דעם 1־טן סעפטעמבער 1939. כ׳האָב זיך צופעליק געפונען דאמאָלט אין יענדזשעוו ביי מיין שוועסטער איידל. אויפגעשטאַנען זיינען מיר פרי און אין הארץ, האט זיך געפילט אַן אינסטינקטיווע שרעק, אז „עפּעס" וועט פּאסירן.

די שרעק, איז נישט געווען קיין אומזינסטע. גלייך האט מיין שוועסטער מיט א ציטעריקע שטימע מיר געזאָגט: ליבער ברודער די מלחמה איז אויסגעבראָכן. פאָר גלייך א היים צו די עלטערן. זאָלן זיי נישט איבערקלערן.

כ׳האָב נאָך דאמאָלט נישט גענוי אָפּגעשאצט די באדייטונג פונעם שרעקלעכן וואָרט „מלחמה" דאָך האָב איך אינעם באוווסטזיין פארשטאנען. אז עס וועט געשען אזעלכעס וואָס מיין פאנטאזיע, האָט עס נישט געקענט אויסמאָלן. ביי דער ערשטער געלעגנהייט בין איך אוועק א היים קיין טשעסטאָכאָוו.

דעם שבת פון 2־טן סעפטעמבער געדענקען נאָך זיכער די טשענסטאָכאָווער יידן וועלכע זיינען לעבן געבליבן. אויפן רוף פונעם בורמיסטער כרושיק, האָבן מיר זיך אלע געשטעלט קאָפּן „סכראָנעס" ווייזענדיק דערמיט די פּוילישע מיטבירגער, אז מיר זיינען גוטע פּוילישע פּאטריאָטן.

דאָס גראָבן די שוץ־גראבענס (סכראָנעס) האט נישט געדויערט לאנג. שבת צונאכט זיינען צו אונז אריינגעקומען די קריסטלעכע שוסטער׳ס, וואָס האָבן פאר אונז געארבעט און איבערגעגעבן די טרויעריקע ידיעה: אז די דייטשן האָבן שוין באזעצט טשענסטאָכאָוו. באלד האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן אנדערע „גוטע" בשורות און צומאָרגענס׳ זונטיק פרי דעם 3־טן סעפטעמבער 1939 האָבן דייטשע עראָפּלאנען באָמבארדירט אונזער שטעטל.

ס׳איז מאָמענטאל אויסגעבראָכן א געוואלדיקע בהלה. א סך האָבן זיך באהאלטן אין די קעלער׳ס, א טייל האָבן אָנגעהויבן פאקן וואליזקעס, א גרופּע האָבן געכאפּט פון דער שטוב, וואָס עס האָט זיך געלאָזט און אוועק אויף גאָטס באראט דערפילענדיק, אז די סכנה דערנעטערט זיך מיט א שנעלן טעמפּא. ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, האָבן די לעצטע געטון אמבעסטן, נישט פארפילענדיק, אז דער גורל, וועט אונז זיי פארוואנדלן קיין סיביר. אָבער א דאנק דעם, זיינען זיי טאקע כמעט אלע אפגעראטעוועט געוואָרן פונעם גרויסן בלוט מבול.

אזוי, האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות און פיין. שטשעקאטשין, איז אינעם ערשטן טאָג שטארק באשעדיקט געוואָרן פון די דייטשע באָמבעס, אמערסטן האָבן די באמבעס געטראפען אינעם יידישן קווארטאל.



א גליקלעכע פאמיליע

עס איז נישט געווען ווו צו וווינען. מענטשן האָבן „געלעבט״ אין פאר־ברענטע תורבות. צוליב דעם האָבן א טייל פארלאָזט שטשעקאטשין און געזוכט א מקום מקלט אין די נאָענסטע שטעטלעך.

אויך פאר אונזער פאמיליע איז געשטאנען דאס דאזיקע פּראָבלעם. מיר האָבן געטראכט וואס צו טוען? מען האט געקלערט וועגן פארלאָזן די שטאָט — אָבער מיינע עלטערן ז״ל האָבן זיך אָפּגעהאלטן דערפון דערקלערנדיק: „וואָס ס׳וועט זיין מיט כל ישראל, וועט זיין מיט ר׳ ישראל״.

איך אליין, האָב באשלאָסן צוריקצוגיין קיין יענדזשעוו. אויך מיין פאָטער, האָט מסכים געווען מיט מיין מיינונג דערקלערנדיק: דו וועסט זיין צוזאמען מיט דיין שוועסטער איידעל. וועט זי זיך ממילא נישט פילן אזוי עלנד.

איך האב זיך געזעגנט מיט מיין פאמיליע, אָבער ביזן אָנקומען קיין יענדז־שעוו. האָב איך נישט איינמאָל געזען דעם טויט פאר די אויגן.

ביים ארויסגיין פון שטאָט, האָב איך זיך געטראָפן מיט יוסל נאקלערס קינדער מיט וועלכע כ׳האָב זיך געהאלטן צוזאמען.

אונטער דער שטאָט. האָבן דייטשע עראָפּלאַנען אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן און געזייט טויט און פאַרניכטונג. אויף די פעלדער זיינען געבליבן ליגן טויטע און פאַרוואונדעטע. די שראַפּנעלן זיינען געפאַלן אַרום מיר כבין געווען אין גאַנצן פאַרשיט מיט זאַמד אָבער גצ״ד איך בין אַרויס בשלום.

במשך דעם גאַנצן טאָג האָט נישט אויפגעהערט די באָמבאַרדירונג און ביינאַכט זיינען מיר אָנגעקומען קיין יענדזשעוו. דאָ, האָב איך געטראָפן די לאַגע נאָך ערגער ווי אין שטשעקאָטשין. אויף די „קלויסטער־גאַס״ זיינען געהאַט באָמבאַרדירט געוואָרן 2 גרויסע הייזער און עס זיינען געווען אַ סך קרבנות. גייענדיק אין דער פינסטער האָב איך געטראָטן ממש אויף טויטע גופים. (אַביסל שפּעטער האָב איך אַליין געאַרבעט ביים אַרויסנעמען די טויטע קערפּערס פון די באָמבאַרדירטע הייזער).

אַריינקומענדיק צו מיין שוועסטער אין שטוב, האָט זי זיך צעוויינט פאַר פרייד, וואָס זי זעט מיך ווידער. מיר זיינען אַוועק אין דערנעבענדיקן דאָרף ליסאַקאָוו, דאָרטן האָט זיך אויך געפונען מיין אַנדערע שוועסטער רבקהל׳י מיט איר מאַן פנחס און קינד.

אין ליסאַקאָוו, זיינען מיר געווען ביז מיטוואָך. ווען די דייטשן האָבן דעם טאָג באַזעצט יענדזשעוו זיינען מיר צוריק אַוועק אַ„היים״, גלייבענדיק, אויסצורוען זיך נאָך 3 פייניגנספולע, שלאָפלאָזע נעכט. באַלד אינעם ערשטן טאָג, פון צוריקקומען קיין יענדזשעוו, האָט געטראָפן מיט אונדז דאָס ערשטע אומגליק:

די שכנישע קינדער פונעם הויף, האָבן זיך אָנגעהויבן שפּילן מיט מיין שוועסטער רבקהל׳ס יינגעלע משהל׳י און פלוצים, איז אָנגעקומען אַ פּוילישער כוליגאַן און אָנגעהויבן ראַכירן דעם בעל הבית הויז. דער לעצטער האָט גערופן די זשאַנדאַרמעריע, וואָס האָט צופעליק פּאַטראָלירט אין גאַס. די זשאַנדאַרמעריע, האָבן גלייך אויסגעשאָסן, אָבער אַנשטאָט צו טרעפן אינעם כוליגאַן האָבן זיי גאָר געטראָפן (אפשר האָבן זיי דאָס געמאַכט מיט אַ כוונה?) אין דעם קליינעם משהל׳י און אים שטערבלעך פאַרוואונדעט. מיר האָבן דאָס קינד גלייך געכאַפּט אין שפּיטאָל אַריין, אָבער ליידער, האָט קיין שום דאָקטאָר נישט אַמטירט, אַלע זיינען געהאַט אַוועק פון שטאָט — און דאָס קינד האָט אויסגעהויכט זיין יונג נשמה׳לע אויף דער האַנט פון די מוטער.

שטעלט אייך פאָר די לאַגע פון עלטערן, וועלכע זעען ווי זייער איינציק קינד גייט אויס פאַר זייערע אויגן — און זיי זיינען אומגעכטיק, זיי קענען מיט גאָרנישט העלפן.

זייענדיק דערשיטערט פון דעם טרויעריקן פאַל, האָב איך זיך ווידער אַוועק־



א פריינטלעכע גרופע. פון זיי לעבן מרים אין בעלגיע און העניע אין ירושלים

געלאזט קיין שטשעקאטשין געוואר צו ווערן וואס עס הערט זיך ביי מיינע עלטערן?

קומענדיק אין שטאָט אריין, האב איך אנגעטראפן א שרעקלעכן חורבן, אלעס איז, אוועק מיטן דויך און מיין פאָטער הי״ד איז געלעגן א שווער פארוונ־דעטער אין שטוב פון איטשל גאָלדשטיין אויף דער קראקאווער גאס.

מיט שווערער מי, איז מיר צוזאמען מיט מיין ברודער דוד הי״ד געלונגען צו באקומען א פור אויף וועלכע מען האָט ארויפגעלייגט דעם פארוואונדעטן פאָטער און מיר זיינען געפאָרן קיין ייענדזשעוו.

אויפן וועג, האָט מיר מיין גאָטזעליקע מוטער דערציילט ביי וואָס פאר אן אומשטענדן מיין פאָטער איז פארוואונדעט געוואָרן:

בעת, די דייטשן האבן אנגעהויבן באָמבארדירן און א סך יידן זיינען אוועק געלאָפן אין וואלד אריין, האָט מיין פאָטער באמערקט, אז די שול ברענט און נישט לאָזנדיק טראכטן די מחשבה, אז די ספרי־תורות קענען חלילה פארברענט ווערן, האָט ער זיך אריינגעריסן אין דער שול אריין און ארויסגעראטעוועט 2 ספרי תורות (נישט לייגנדיק קיין אכט לגמרי, אז ער שטעלט דערמיט איין זיין אייגע־נעם לעבן). ער איז מיט זיי געלאָפן ביז חיים קלאסנער׳ס הויז דאָ, האָט אים געטראָפן א שפליטער אומפאלענדיק האָט ער מיט די לעצטע כחות צוגעשפארט זיך צו א וואנט. די ספרי תורות, האָט ער אָפגעראטעוועט, אָבער זיין לעבן האָט ער פארשפילט.

דערשלעפענדיק זיך מיטן פאָטער קיין יענדזשעוו, האָבן מיר אים אריינגע־נומען אין דער ענגער וווינונג פון מיין שוועסטער. (ווי שוין דערמאָנט זיינען די דאָקטוירים אויך אוועק פון יענדזשעוו און דאָס שפיטאל איז נישט געווען טעטיק)

דאָרטן האָט ער זיך געמאַטערט דריי וואָכן אין גרויסע יסורים. און י״ב תשרי, 1939, האָט ער זיין הייליקע נשמה אויסגעהויכט.

דער טאָג, איז געווען א רעגנדיקער. עס האָט אויסגעקוקט ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען איינגעהילט אין א טיפן טרויער. אָבער טרויעריק איז געווען אין אונזערע הערצער. ווי באַוווּסט, האָבן די דייטשן ארויסגעגעבן א פאַראָרדנונג אַז 2 מענטשן ספּעציעל יידן טאָרן נישט גיין צוזאַמען אין דער גאַס און דערצו נאָך, וואָס אין דעם פּרימאָרגן איז געווען א שטאַרקער שלאַקס־רעגן, ווו מען האָט זעלטן געזען א מענטש אין גאַס, זיינען מיר געווען באַזאָרגט, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט, אַז אויפן „בית־החיים״ וועלן נישט זיין קיין מנין יידן, אַז מיר זאָלן קענען לויטן דין קדיש זאָגן.

ארויפקומענדיק אויפן „בית־החיים״ זיינען מיר פאַרוווּנדערט געוואָרן. אַז מען האָט געטראָפן מער ווי א מנין יידן. אָבער דאָ, האָבן מיר ווידער געהאַט א פאַרדרוס צוליב דעם, וואָס די אָרטיקע חברה קדישא, וואָס האָבן נישט געקענט מיין פאָטער אלס ערלעכן ייד, האָבן נישט געוואָלט אים געבן קיין געהעריקע קרקע. ערשט נאָך דעם ווי מיר האָבן פּראָטעסטירט און אויפגעוויזן ביי וואָס פאַר אַן אומשטענדן מיין פאָטער ז״ל איז פאַרוווּנדעט געוואָרן — און נאָכדעם ווי מיין שוואָגער וואָלף בעלקא הי״ד האָט ענערגיש פּראָטעסטירט, האָבן זיי ערשט באַוויליקט אים צו געבן א בכבודיקע קרקע.

ווי דערמאָנט, האָט ביי דער גאַנצער פּאַסירונג שטאַרק גערעגנט. אָבער מיטן מאָמענט ווען מיר האָבן אָנגעהויבן גראָבן דאָס קבר, האָט אויפגעהערט רעגענען און די זון האָט אויפגעשיינט. פאַר די אַלע אַנוועזענדע, איז עס געווען



3 חברטעס



א גרופע חברטעס אין די פעריען. עס לעבט אין ישראל זיצענדיק מיטן שירעם אין האנט, פעסעלע גראספעלד די טאכטער פון ר׳ יעקב גראמפעלד הי״ד

א געוואלדיקע איבעראשונג. די חברה־קדישא האבן געקוקס איינער אויפן אנדערן, פארשטייענדיק, אז עפעס אויסערגעוויינלעכעס האט פאסירט דא. און עס האט טאקע פאסירט עפעס אומבאגרייפלעכעס, בעת מיר האבן געגראבן דאס קבר, האט די זון געשיינט מיטן מאמענט אבער, ווען דאס קבר איז געווארן צוגעשיט און נאכדעם ווי מיין ברודער דוד הי״ד און איך האבן אפגעזאגט קדיש, איז מאמענטאל די זון פארשוואונדן און עס האט אנגעהויבן צו רעגענען. דערזעענדיק דעם אויס־ טערלישן פאל, האט די חברה־קדישא זיך דערפרייט, אז זיי זיינען נישט נכשל געווארן ביים געבן דעם פאטער ז״ל א קרקע נישט לפי כבודו.

וועגן דעם פאל, האט מען גערעדט אין דער גאנצער שטאט. אין דער שבעה זיינען אונז געקומען מנחם אבל זיין די חברה־קדישא מיט אברהם משה ליבערמאן און ירחמיאל מארמאר בראש הי״ד און אנדערע פערזענלעכקייטן, וועלכע האבן אונז מפייס געווען צוליב דעם אינצידענט, וואס איז פארגעקומען אויפן בית־ הקברות.

צו דערזעלבער צייט, איז נפטר געווארן אין יענדזשעוו דער איידעם פון מרדכי יוסף ווערדיקער (דעם גערער רבינ׳ס אן אייניקל), וועמען מען האט קובר געווען נעבן מיין פאטער ז״ל.

מיר זיינען געבליבן אין יענדזשעוו אזוי לאנג ביז דער יודענראט מיט דער הילף פון דער „יידישער פאליציי״ האבן באשלאסן לויט דער פאראָרדנונג פון דער דייטשער מאכט אויסצוזידלען אלע יידן, וועלכע זיינען נישט געווען קיין יענדזשעווער איינוווינער.

צוליב דעם, וואָס שטשעקאָטשין האָט זיך געפונען אין חורבות בין איך מיט מיין פאמיליע אוועק קיין טשענסטעכאָוו. דאָרטן האָב איך חתונה געהאַט. אויף דער חתונה זיינען נאָך געווען אנוועזנד מיין טייערע מאַמע און שוועסטער. פון דאַמאָלס אָן, האָב איך שוין ליידער נישט געהאַט די זכיה צו זען זיי. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז מיין מאַמע אוועק צוריק קיין יענדזשעוו און צוזאַמען מיט די אָרטיקע יידן אוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

מוצאי יום־כפור 1942, איז געחתמ׳עט געוואָרן דער גורל פון טשענסטאָכאָווער יידענטום און צווישן זיי אויך דער גורל פון מיין פרוי מיט אונזער 9 חדשימדיק מיידעלע פייגעלע הי״ד. וועלכע זיינען אוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע אין גאַז קאַמער.

איך האָב געהאַט מזל, מען האָט מיך אוועקגענומען אין ארבעטס־לאַגער וווּ איין טאָג איז געווען ערגער פאַרן אַנדערן. איידער איך האָב געהאַט די זכיה אוועקגעשיקט צו ווערן אינעם לאַגער בין איך עטלעכע מאָל געווען אויף סעלעק־ציעס און אַ קאַנדידאַט אוועקגעשיקט צו ווערן צום אומקום. אָבער כ׳ווייס נישט אויף וועמענס זכות צו פאַרעכנען, איך בין גצ״ד פון יעדער סעלעקציע אויף אַ וווּנדערפולן אויפן ניצל געוואָרן, ווייזט אויס, אַז די השגחה האָט געוואָלט, אַז עס זאָל כאָטש פאַרבלייבן אַן איינציקער מיטגליד פון אונזער גרויסער פאַרצווייגטער משפחה.

כדאי אויך צו דערמאָנען, אַז אין יענעם יאָר, האָב איך געהערט צו די גע־ציילטע יידן אין טשענסטאָכאָוו וועלכע׳ס איז געלונגען צו באַזאָרגן זיך מיט מצות אויף פסח, אין קליינעם געטאָ, האָבן מיר געהאַט אַן אַלגעמיינע קוך, אָבער טראָץ דעם איז געלונגען אַ גרופּע יידן איינצואָרדנען אַ סדר, אַזוי ווי אין די גוטע צייטן אָבער ליידער אָן די פאַמיליעס, וואָס זיינען שוין געווען פאַרשיקט. ביים סדר זיינען דאַמאָלס געווען אַנוועזנד: מיין ברודער דוד, אלימלך לובלינג, חזן נחמיה טראַמבקאָווסקי, און דוד אריה קאָהן. נחמיה טראַמבקאָווסקי, איז נאָך דער באַ־פרייאונג געוואָרן חזן אין דער דייטשער שטאָט באַמבערג, חתונה געהאַט מיט אַ ראַדאָמסקער מיידל אַפּערירענדיק זיך, איז ער געשטאָרבן אונטערן מעסער בעת זיין פרוי איז געווען אין 9־טן חודש.

פון טשענסטעכאָוו בין איך מיט מיין ברודער און אלימלך לובלינג אוועק קיין בענדין. עס רעדט זיך אַזוי „לייכט״ אוועק, ביז מיר האָבן דערגרייכט בענדין „קאַמינקע״ האָבן מיר עטלעכע מאָל געזען דעם טויט פאַר די אויגן.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאָנען אין קורצע שטריכן, אויף וואָס פאַר אַן אופן עס איז געלונגען דעם שריט צו מאַכן: מען האָט אונז אַרויס־

געפירט צו דער ארבעט אונטער דער שטאט. נישט באמערקט פון קיינעם זיינען מיר אריין אין א וואלד, וואס האט זיך געפונען דערנעבן און דארטן האבן מיר זיך צוזונויפגערעדט, ווער ווארטן אויף אונז א „פירער", וועלכער האט פאר א גרויסע געלט סומען געדארפט אונז איבערפירן קיין בענדין:

דער „פירער" האט אנגעהויבן מיט אונז צו גיין. זיינען פלוצים ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסן א גרופע שקצים, וועלכע האבן פארלאנגט פון אונז געלט. מיר האבן זיי אפגעזאגט, דאן זיינען זיי אוועק מעלדן וועגן דעם אין דער זשאנדערמעריע. געבליבן זיינען נאר 2 מאן, וועלכע האבן אונז געדארפט היטן אפגעבענדיק זיך א חשבון, אז די לאגע אונזערע איז קאטאסטראפאל און נישט זעענדיק פאר זיך קיין אויסוועג, האבן מיר זיך אויף זיי געווארפן און זיי צעממית און אוועק טיף אין וואלד. אזוי ארום זיינען מיר ניצל געווארן פון א זיכערן טויט.

נאך די געוואלדיקע שרעק, וואס מיר האבן איבערגעלעבט, זיינען מיר ענדלעך אנגעקומען קיין בענדין. איך מיט מיין ברודער זיינען אריין אין דער א. ק. (ארבעטס־קאמפאניע). וואס מאניעק מערין האט געשאפן פאר די אנטלאפענע פון גוווארנאמענט אויספירענדיק יעדע שטאטישע ארבעט.

א קורצע צייט שפעטער, האט מען אונז איבערגעפירט קיין שראדולע, אין דעם געטא אין וועלכן די סאסנאווצער יידן זיינען אריינגעטריבן געווארן, דארטן האבן מיר געארבעט זער שווער, אבער גלייכצייטיק געלויבט דעם אויבערשטן, אז מיר לעבן.

אבער אויך די שווערע ארבעט האבן די דייטשע מערדער אונז נישט פארגונען און אין יולי 1943, האט מען אונז אוועגעשיקט קיין מארקשטאט, ווו עס איז אונז אויסגעקומען אויסצופירן די שווערסטע שקלאפן ארבעט. עס איז נישט אדורך קיין טאג, אין וועלכן מיר זאלן נישט האבן געקריגן געשלאגן אויף אן אכזריותדיקן אופן.

אונזער גרופע האט זיך גערופן: „קארל־בארטל" און אלע אינעם לאגער האבן געוווסט, אז די „קארל בארטל" גרופע, איז די, וועלכע ליידט אממערסטן. אבער אויך מיט דעם האט עס זיך נישט פארענדיקט, אין א געוויסן פרימארגן בעת אלע האבן זיך געגרייט ארויסצוגיין צו דער ארבעט האבן מיר פלוצים באקומען א באפעל: „קארל־בארטל" בלייבט אויפן ארט. מיר האבן אינסטינקטיוו געפילט, אז „עפעס" דארף מיט אונז געשען א זאך וואס וועט זיכר נישט זיין לטובת אונז. און באלד האט מען אונז געמאלדן: אז מיר דארפן פארן אויף ארבעט קיין מאגדענבורג. צומארגענס, האט מען אונז טאקע אוועקגעשיקט פון מארקשטאט, אבער אנשטאט מאגדענבורג זיינען מיר גאר אנגעקומען קיין אוישוויץ אין פארניכטונגס־לאגער.

כ׳גלייב, אז עס איז איבעריק נאָכאמאָל צו דערמאָנען וועגן אוישוויץ, וועגן די שוידערלעכע מעשים, וואָס די ברוינע בעסטיעס האָבן דאָרטן אָפגעטון. אָבער אזוי ווי איך געהער צו די ווייניקע, וועלכע האָבן געהאט די זכיה ניצל צו ווערן פון דעם גהינום, איז כדאי אין עטלעכע ווערטער וועגן דעם צו שרייבן:

גלייך ביים אָנקומען קיין אוישוויץ, האָט מען געמאכט א סעלעקציע ביי וועלכע מען האָט אויסגעקליבן די „אלטע". מאָמענטאל אוועקגעפירט און מער האָט מען זיי שוין נישט געזען, אונז די פארבליבענע, האָט מען אוועקגעפירט „אין באָד אריין" און דערנאָך אינעם ארבעטס־לאגער. יעדן טאָג נאָך דער ארבעט האָט מען געמאכט סעלעקציעס. אזוי דאָס פון אונזער גרופע, איז כמעט קיינער נישט פאר־בליבן ביים לעבן. די גרעסטע טייל, איז פארגאזעוועט געוואָרן און די איבעריקע האָט מען פארשיקט אין אנדערע פארניכטונגס־לאגערן.

יעדן טאָג האָבן מיר זיך געריכט אויפן טויט. די צרות און ליידן זיינען געווען אומבאגרייפלעך, געווען מאַמענטן (און דאָס גאנץ אָפט), בעת מיר האָבן געבעטן, אז דער טויט זאָל וואָס שנעלער קומען אלס דערלייזער צו אונזערע ליידן.

געווען פיל מאָל פאלן דאָס מען האָט נישט געברויכט צו בעטן אויפן טויט, נאָר מען האָט אים געזען אייניקע מאָל אין טאָג פאר די אויגן. וועגן איינעם אזא פאל וויל איך איבערגעבן:

געווען איז עס בעת מען האָט געבראכט א טראנספּאָרט פרומע יידן פון אונגארן. אויף אן אונבאמערקבארן אויפן, האָב איך זיך ארייגעקריגן צווישן די יידן און זיי דערקלערט, אז מען האָט זיי געבראכט צו די גאז־קאמערן. דאן האָט פאסירט א פאקט, וואָס וועט שטענדיק שטיין פאר מיינע אויגן: דער ייד, האָט פון בוזעם ארויסגעכאפט א פלאש בראָנפן און מיט עכטער חסידישער התלהבות אָנגעהויבן צו טאנצן און זינגען, זאָגענדיק: יידן מיר גייען אָפגעבן די נשמות צו דעם, וואָס לעבט אייביק, זאָל מען זיך משמח זיין. לחיים, לחיים, די התלהבות האָט אלעמען ארומגענומען. עס האָט אָבער לאנג נישט געדויערט זייערע טענץ אין אייניקע מינוטן שפעטער זיינען זיי פארגאזט געוואָרן.

עס איז מיר אין דער לעצטער מינוט באשערט געווען ארויס צוקריגן זיך פון דער גרופע, אָבער ביים ארויסגיין, האָט מיך געסראפן אן „עלסטער" וועלכער האָט מיר ארויסגעפירט אין פראנט. דאָס האָט געדראָט, עפענטלעך געהאנגען צו ווערן (אזא פאראָרדנונג איז געווען אין אוישוויץ—בירקענאו) — פאר איבערגיין אין אן אנדער גרופע, אָדער קוקן ווו מען דארף נישט האָט מען עפענטלעך אויפ־געהאנגען.

איך האָב זיך אָפגעגעבן דאָס מאָל א קלאָרן חשבון, אז מיינע מינוטן זיינען

געציילטע, און אין זעלבן מאָמענט האָט מען ארויסגעפירט א גריכישן ייד און אים אנידערגעשטעלט נעבן מיר. ער האָט אָנגעהויבן זאָגן ווידוי. דערזעענדיק דאָס, האָב איך אויך אנגעהויבן זאָגן צוגלייך מיט אים. ווייל מיר זיינען געווען איבער־ציייגט, אז אָט אָט מאַכט מען א סוף מיט אונז. אָבער אונדערוואַרטעט איז עפּעס געשען: עס איז געקומען צו פאָרן דער אויבערשטורמפירער פון לאַגער אוישוויץ־בירקענו און אוועקגערופן אונזער לאַגער עלטסטן אין דער זייט. דאַמאָלט האָב איך זיך אָנגערופן צום אנדערן ייד: וואָס שטייען מיר דאָ? — אויף וואָס וואַרטן מיר? — מיר האָבן נאָך צייט צו שטאַרבן, קום לאָמיר אנהויבן ארבעטן. און נישט וואַרטענדיק אויף אַן ענטפער, בין איך צוריק א ריין אין קרעמאַטאָריום און אָנגעהויבן פלייסיק ארבייטן. דער ייד זעענדיק, אז איך בין אוועק, האָט נאָכגע־טועט מיין ביישפיל און אויך צוריק אריין אין קרעמאַטאָריום. אזוי ארום זיינען מיר דורך אַפּלוצומדיקען נס ניצל געוואָרן פון א זיכערן טויט.

יעדן טאָג כמעט האָבן פאַסירט אין אשווענטשום אזעלכע „ניסים”. איין טאָג, איז געווען ערגער פאַרן אנדערן.

נאָך א טאָג שווערע ארבעט האָט מען געמאַכט סעלעקציעס און אוועקגעשלעפּט טויזנטער יידן אין קרעמאַטאָריום אריין. ספּעציעל, האָבן די רוצחים אויסגענוצט א שבתדיקן טאָג צו דעם „הייליקן” צוועק. אין איינע אזא סעלעקציע, געווען איז עס דעם 1־טן ינואַר 1944 איז אויך געפאַלן א קרבן מיין ברודער דוהל הי״ד.

אזוי זיינען מיר אדורכגעגאנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום ביז דעם 7־טן סעפּטעמבער 1944. דאַמאָלט האָבן מיר ארגאַניזירט אַן אויפשטאַנד און פאַרניכטעט דעם קרעמאַטאָריום 3. ליידער האָבן מיר קיין סך נישט געקענט אויפטועז, ווייל די פּאָליאַקן האָבן אונז נישט געוואָלט מיטהעלפן און דערפאַר זיינען מיר טאַקע אדורכגעפאַלן. דער רעזולטאַט איז געווען א טרויעריקער: 90 פּראָצענט פון דער זאָנדער קאָמאַנדע. האָט מען אומגעבראַכט די רעשט האָט מען קאָנצענטרירט אונטער א שטאַרקער וואַך אין אקרעמאַטאָריום און איינציקווייז ליקווידירט.

די לאַגער מענטשן אויף וועלכע עס איז געווען א פאַרדאַכט, אז זיי האָבן געהאַט א שייכות מיטן אויפשטאַנד, אָדער געהערן צום „געהיימען פאַרבאַנד”, האָט מען קאָנצענטרירט אַלע צוזאַמען און אוועקגעשיקט קיין אָראַנענבורג. דע־פּאָרטירט אין אָפענע באַנען צו 30 מאַן אין וואַגאָנען פון בהמות נישט געבענדיק אונז צו עסן במשך 4 טעג. דער רעזולטאַט איז געווען; אז ביז מיר זיינען אָנגע־קומען אין קאַיפערינג לאַגער 11, האָט פון אונז געפעלט א העלפט מענטשן.

דאָס איז געווען אין דער צייט ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו פילן, אז זייער סוף דערנענטערט זיך. די אמעריקאַנער האָבן אָנאויפהער באָמבאַרדירט,

אָבער אין אונזערע אויערן האָבן די באַמבן אויפרייסן געקלונגען ווי די שענסטע מוזיק. אונזערע הערצער זיינען אָנגעפולט געוואָרן מיט פרייד און איין פארלאנג האָבן מיר דאמאלט געהאַט: איבערצולעבן און מיט אייגענע אויגן זען די נקמה אין די מערדער.

אָבער דאָס געפיל פון פחד, האָט לאנג נישט אנגעהאלטן. ווייל פלוצים האָט זיך באוויזן מאל, דער געוועזענער שעף פון אשוויענטשינער קרעמאטאריום (דער נאָמען מאל, האָט זיך מיר גוט איינגעקריצט אינעם זכרון) און ער האָט פאר־לאנגט פון אונזער לאגער־עלטסטן, ער זאָל אונז ארויס געבן צו ליקווידירן. דער לאגער פירער האָט אָבער מורא געהאַט פאר זיין אייגענער טרפהנער הויט, און האָט אים קאטעגאָריש דערקלערט, אז די יידן וועלן פארבלייבן מיט אים.

נישט קענענדיק אויסלאָזן דעם כעס אויף די יידן, האָט זיך מאָל באנוגענט מיט דעם, וואָס ר׳האָט מיטגענומען 300 רוסן ארויסגעפירט זיי אין וואלד און דערשאָסן. א קליינע טייל, איז געלונגען צו אנטלויפן.

אויך דאָ, איז מיט מיר געשען א נס: הערענדיק ווי מאָל האנדעלט אונטער מיטן לאגער עלטסטן וועגן אונז ווי א סטאדע שעפסן, וועלכע מען פירט צו דער שחיטה, האָב איך באשלאָסן פרובירן מזל און פארשטעקן זיך ערגעץ ווו „ער שיעבור זעם". נישט באמערקט פון קיינעם האָב איך זיך ארויפגעקריגן אויפן בוידעם און פארשטעקט זיך צווישן טראטשינעס, וואָס האָט זיך צופעליק געפונען דאָרט. דאָס ארט וווּ כ׳האָב זיך פארשטעקט האָט זיך געפונען צופעליק איבער דער ס״ס קוך און בעת ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן שיסן טראטשינעס, הער איך פלוצים ווי אימיצער שרייט פון דער קוך: „די יידן האָבן זיך פארשטעקט אויפן דאך. כ׳האָב נאָך נישט באוויזן א טראכט צו טאָן וואָס צו מאכן און מאָמענטאל פאלט א קויל פון אן אויסגעשאָסענעם ביקס נעבן מיר.

אלע מיינע חושים זיינען אויגענבליק געוואָרן ווי אָפגעטעמפט. כ׳בין געווען זיכער, אז דער שאָס האָט מיר געטראָפן און א סוף געמאכט צו מיין געפלאגט לעבן. אזוי בין איך געלעגן א גאנצע נאכט ווי א בר־מינן איינגעהאלטענדיק דעם אָטעם און נישט באוועגענדיק מיט קיין אבר פון מיין קערפער. ערשט אין דער פרי, האָב איך זיך איבערצייגט, וואָס פאר א נס גאָט האט מיר באוויזן אין די לעצטע מינוטן פאר דער באפרייאונג: עטלעכע צענטימעטער פון מיין קאָפּ איז געווען א לאָך פון די קויל, וואָס איז אויסגעשאָסן געווארן — און ווידער בין איך געראטעוועט געוואָרן פון א זיכערן טויט.

דעם זעלבן טאָג א פאר שעה שפעטער דעם 1־טן מאי 1945 זיינען מיר באפרייט געוואָרן פון די דייטשע בעסטיע. איינער פון די ערשטע יידן בין איך

ארייַן קיין פּערנאַוואַלד ווו כ'האָב נאָך געטראָפן יוגאָסלאַווען. כ'האָב זיך אַרומגע־דרייט ווי אַ שטן. פון מיין גאַנצער משפּחה בין איך נאָר איין איינציקער פאַרבליבן.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל האָבן די זכיה צו בלייבן לעבן, עס ליגט אויף מיר אַ הייליקער חוב צו דערמאָנען מיט עטלעכע שורות דעם אָנדענק פון מיין אומפאַרגעסלעך שטעטל שטשעקאָטשין.

וואָס, האָט זיך נישט אַלץ געפונען אינעם שטעטל? אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג זיינען געווען דורכגעדרונגען מיטן אמת'ן יידישן פאָלקס־גייסט. אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ קצב, אַלע אַן אויסנאַם זיינען געווען באַוווּסטזיי־ניק און באַהאַוונט אין אַלע יידישע און וועלט־ענינים. אַזעלכע טיפּן ווי מאָשקע ליבערמאַן, מרדכי ווייַנפעלד, בער יעזשעראַווסקי א. אַנד „עמק־טיפן". האָבן געקענט דיסקוטירן מיט יעדן איינעם, וועגן אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך געפונען ברומו של עולם.

כ'וואָלט צופיל פּלאַץ פאַרנומען ווען כ'זאָל אויסרעכענען די אַלע עלטערע און יונגערע שטשעקאָטשינער יידן. מיט וועלכע מיר האָבן שטאָלצירט. כ'האָב נאָר דערמאָנט די עטלעכע פּערזאָן, וועלכע האָבן פאַרגעשטעלט די בעלי מלאכות שיכט אין שטעטל.

שווער צו שילדערן דאָס פאַרגעניגן דעם תענוג, וואָס אַ שטשעקאָטשינער ייד האָט געהאַט בעת ער איז געקומען אין שול אַריין. אָדער אין בית־המדרש. פאַר מיינע אויגן שוועבט נאָך איצט דאָס בילד בעת'ן חנוכת הבית פונעם בית־המדרש. וואָס פאַר אַ פרייד האָט אַרומגענומען יעדן שטשעקאָטשינער ייד אין יענעם מאָ־מענט? הרב גראָספעלד ז"ל האָט געטאַנצט מיט אַזאַ התלהבות פאַרן עמוד אַז עס איז שווער צו שילדערן מיט פּשוטע ווערטער.

ווער איז אומשטאַנד אויסצורעכענען און דערמאָנען די אַלע פריידיקע מאָ־מענטן, וואָס האָבן אָנגעפילט די הערצער פון די שטשעקאָטשינער יידן ביי באַזונ־דערע געלעגנהייטן? — ווער איז אומשטאַנד בכלל דאָס אַלעס צו געדענקען?

פּונקט ווי עס איז שווער צו געדענקען די מעשים טובים פון די שטשע־קאָטשינער יידן אין באַצוג בין אדם לחברו.

מיין פאָטער ר' שלמה שטיבעלמאַן ז"ל איז געווען דער פּרעזעס פון הכנסת אורחים: הרב גראָספעלד ז"ל האָט צו אים געזאָגט: ר' שלמה איר מוזט זיין — ווייל קיין אַנדערער וויל נישט זיין. ער האָט דעם אַמט אָנגענומען און זיין מיסיע דערפילט מיט געוואַלדיקער מסירת־נפש. עס פלעגן קומען בכבודיקע אָרעמלייט, וועלכע האָבן זיך געשעמט צו קלייבן נדבות און מיין פאָטער ז"ל, האָט זיי אַלעמען באַפרידיקט אויף אַ בכבודיקן אופן.

איך געדענק אפאל: פארן קריג, האב איך זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. צו דעם צוועק האב איך זיך געלערנט אפאך אלס מאלער אין דער דערנעבענדיקער שטאט יענדזשעוו. (אגב א דאנק דעם, געפין איך זיך איצט צווישן די לעבעדיקע, ווייל אלס פאכמאן האב איך געקענט איבערלעבן די לאגערס') אהיימקומענדיק אויף שבת, האט מיין פאטער מיר געזאגט: היינט מיין קינד וועסטו נישט שלאפן אין דיין בעט. עס איז געקומען אן אורח, וועט ער שלאפן אין דיין בעט — און דו וועסט דיר אויסבעטן אויף דער ערד. צוגעבענדיק גלייך: מען מוז מיטפילן דעם טעם פון א אָרעמאן. מיין גוטע און פרומע מאמע ע"ה האט אויף אלעמען מסכים געווען.



ר' מאָטל פראמער ז"ל
איינער פון די וועלכע זיינען
אומגעקומען אין ראטן־פארבאנד

שטארק פאפולער איז געווען אין שטאט די גמילות־חסדים קאסע וועלכע איז געגרינדעט געווארן דורך דעם אונפארגעסלעכן הרב גראספעלד ז"ל (ער איז יונגערהייט נפטר געווארן) — און איך האב געהאט די זכיה צו זיין זיינער א תלמיד. נאך זיין פטירה, איז די גמלות־חסד קאסע געפירט געווארן דורך ד"ר מייזלער הי"ד.

די פרומע פראגרעסיווע יוגנט, האט געשאפן א„לינת־הצדק" מיט יחזקאל קופערמאן הי"ד בראש. מיין ברודער הערשל הי"ד איז געווען סעקרעטאר פון דער אינסטיטוציע, וועלכע האט א סך געלייסטעט לטובת דער ארעמער יידישע באפעל־קערונג. ווער קען דען בכלל געדענקען די אלע גוטע יידן, וואס האבן זיך אויסגע־צייכנט מיט מעשים טובים ביים דערטיילן הילף דעם נויטבאדערסטיקן.

די אלע מעשים טובים האבן נישט געהאלפן די יידן פון טראגישן אומקום.

וועלכעס האָט נישט קיין גלייכן אין דער מארטעראלאגיע געשיכטע פונם יידישן פאָלק.

איך בין א לעבדיקער עד, וואס כ׳האָב די גרוילעכע טראגעדיע איבערגע־לעבט. ביזן היינטיקן טאָג לעב איך נאָך איבער שרעקלעכע חלומות פון דער טרויעריקער תקופה.

דאָס, וואָס כ׳האָב אָנגעשריבן, איז ווי א טראָפּן אין ים לגבי דער פאַקטי־שער ווירקלעכקייט, פון דעם וואס מיינע אויגן האבן געזען.

זאָלן די שורות זיין אנשטאט א מצבה נאָך די טייערע אומגעקומענע קדושים.

ד׳ ינקום דמם ויהי זכרם ברוך!

והיה בהניח ד׳ אלוקיך לך מכל אויביך מסביב... תמחה את זכר עמלק מתחת השמים לא תשכח.



לאה שווארצבוים
די טאָכטער פון מאיר שווארצבוים



רחל זילבערשטיין

מנחם פרייקארן (גבעתיים)

# מיינע איבערלעבונגען אונטערן נאַצי־רעזשים



געשען איז עס דעם 3־טן סעפּטעמבער 1939. מיטן מאָמענט ווען די דייטשן, האָבן זיך אָנגעהויבן רוקן צום שטעטל, איז געוואָרן די בהלה זער גרויס, מענטשן זיינען געוואָרן פאַרצווייפלט, נישט געוווסט וואָס צו טוען?

פון יעדן פּנים, האָט זיך אַרויסגעפילט אַ געוואַלדיקע שרעק און דאגה. אַ טייל האָבן אָנגעהויבן צו לויפן אין וואַלד אַריין, אַנדערע ווידער האָבן געטראַכט ווי אַזוי אויסצובאַהאַלטן זיך, ווייל דאָס שטעטל, האָט זיך שוין געפונען אין פלאַמען.

צווישן די וועלכע זיינען געלאָפן אין וואַלד, האָט זיך אויך געפונען מיין פאַמיליע. און דאָרטן האָבן מיר געטראָפן פּוילישע סאָלדאַטן שוין אַנטלאָפענע פון פראָנט. אַוועקוואַרפנדיק דאָס געווער אין דער ערגסטער אומאָרדנונג. די לאַגע, איז געווען וואָס אַמאָל אַלץ ערגער.

ווען אומקערן זיך אין שטאָט, האָט קיין רייד נישט געקענט זיין און מיר האָבן באַשלאָסן צולויפן ווייטער צוזאַמען מיטן שטראָם אַנטלויפענדע קיין קעלץ.

אין קעלץ איז נאָך מער געוואַקסן די בהלה־שטימונג אָבער נישט קוקענדיק אויף קיין שום זאַך, האָבן מיר באַשלאָסן: וואָס ס'וועט זיין, זאָל זיין. — ווייטער לויפן מיר נישט!

אין קעלץ. האָבן מיר זיך דערוואַרט אויפן אָנקומען פון די דייטשן און דאַמאָלס, האָבן מיר באַשלאָסן אומצוקערן זיך צוריק קיין שטשעקאָטשין.

צופעליק, האָט זיך מיט אונז געפונען צוזאַמען ישראלקע באַרענשטיין (ער לעבט און געפינט זיך אין דייטשלאַנד), וועלכער האָט געהאַט אַ פערד און וואָגן — און אַזוי אַרום איז אונז אויסגעקומען דער צוריקקער לייכטער.

קומענדיק קיין שטשעקאָטשין האָבן מיר געטראָפן חורבות. עס איז נישט

געווען וואוהין ארייננצוגיין. דאָס איינציקע גאַנץ פאַרבליבענע הויז אין מארק, איז געווען פון דער קריסטלעכער פאמיליע גרישקא. אין וועלכן עס האָט זיך געפונען די וווינונג פון ד״ר מייזלער הי״ד און מיר האָבן באַקומען איין צימער.

אין די איבעריקע צימערן פון ד״ר מייזלער האָבן געוווינט: ישראל לענס-שנער, ראובן רושין מיט דער פאמיליע און דער רעסטאראַן אייגנטימער משה זאַנענשיין מיט דער פאמיליע.

אין איין צימער. האָט זיך אויך געפונען דער שטאַב פון דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע.

די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען אַ זער שווערע. עס איז נישט געווען ממש מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן. אַ גליק איז געווען. וואָס דער פּאַסטער ע״ה איז געווען אַ דאַלמעטשער און געווען באַפריינדעט מיט די דייטשן איז געגעבן געוואָרן אונז די מעגלעכקייט צו האַנדלען מיט אייער.

די אייער זיינען פאַרקלאַפּט געוואָרן אין קעסטלעך און אוועקגעשיקט געוואָרן קיין טשענסטעכאָוו. דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט אויך פאַר אַנדערע יידן מפרנס צו זיין זיך אין די ראַמען פון יענער צייט.

בדרך כלל, האָט יעדער איינער פּרובירט צו האַנדלען מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט, אַבי צו פאַרדינען אויף ברויט.

איך, אלט זייענדיק דאַמאָלט 11 יאָר האָב שוין פאַרדינט פון דעם, וואָס כ׳האָב פון מאַכאַרקע געמאַכט פּאַפּיראָסן און פאַרקויפט זיי.

צוביסלעך, האָט זיך די לאַגע נאָרמאַליזירט (מען האָט זיך צוגעוווינט צו די צרות) עס איז אונז געלונגען אויפצומאַכן אַ רעסטאָראַן אינעם זעלבן הויז פון קריסטלעכן רעסטאָראַן אייגנטימער גרישקא (נאַטירלעך מיט זיין הסכמה)— און מען האָט געמאַכט פּרנסה.

לאַנג, האָט דאָס אָבער נישט געדויערט, ווייל מען האָט באַלד אנגעהויבן איינפירן דעם געטאָ, וואָס האָט זיך געפונען אינעם רבינס׳ געסל, קראַקאָווער גאַס און אויך אַ טייל פון דער לעלאָווער גאַס.

מיט אַקריסט. האָבן מיר זיך געטוישט די וווינונגען, אַ דאַנק דעם, וואָס מיין פּאַטער ,איז געווען גוט באַקאַנט אין די אַרומיקע פּריצישע הייף. איז אים געלונגען צו באַקומען ספּירט, און דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט, אַז מיר זאָלן ווייטער קענען פירן דעם רעסטאַראַן אָבער דאַסמאָל שוין אויף אַ געהיימען אופן.

מיטן אַנטשטייען פון געטאָ, האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאַקטישע צרות

צום ערשטן, האָט מען אנגעהויבן מיט צוואנגס־ארבעט. וואָס איז באשטאנען אינעם אָפּרייניקן די חרובע הייזער, באַארבעטן די שאָסייען, באַדינען די דייטשן, וועלכע האָבן זיך געפונען אינעם פּאלאץ פון געזו. אייגענטימער טשעכאנאוויסקי און טוען אנדערע פאַרשידענע שווערע ארבעט.

אויסער די שווערע צוואנגס־ארבעט, האָט מען אויך אויף די פּאַרזאַרגטע יידן ארויפגעלייגט א קאנטראבוציע פון 90,000 מארק, וועלכעס מען האָט אין שווערע באַדינגונגען קוים געקענט צוזאמענשטעלן.

אזוי, האָט מען זיך געמוטשעט מיטן פינסטערן לעבן ביז דער גרויל דאטע פון ערב יום־כפור 1942.

מיין פאָטער ז״ל, האָט מיט א טאָג פריער זיך דערוווּסט, אז די טשעשעקאָטשי־נער יידן שטייען פאַר אן אויסזידלונג. דערוויסענדיק זיך וועגן דעם, האָבן מיר איינגעפּאַקט 4 רוק־זעק און אין דער פינסטערניש פון דער נאכט, האָבן מיר זיך אוועקגעלאָזט אויף גאַסט־באַראט אין אן אומבאשטימטער ריכטונג.

און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן אונזערע צרות:

די ערשטע שריט האָט אונז געפירט קיין שעגלינסק צום פּאלאץ פון פריץ קאמאראווסקי, טראַצדעם, וואס דער אנפירער איז געווען א פּאָלקס־דויטש, איז פאַרט געלונגען איינצוקוואַרטירן אונז אין אסטאדאלע ווו מיר האָבן „געוווינט״ עטלעכע טעג.

דאָס „רואיקייט״ און „שטילקייט״ האָט אָבער לאנג נישט אָנגעהאַלטן. נאָך איניקע טעג, האָט דער אויפזער קריפּע אונז איבערגעגעבן שטרענג אין געהיים, אז מיר מוזן פאַרלאָזן דאס ארט, ווייל די דייטשן זוכן יידן.

בלית ברירה, האָבן מיר זיך אוועקגעלאָזט אין וואלד אריין, ווו מיר האָבן צופעליק געטראָפן עטלעכע טשעשעקאָטשינער יידן. צוו. אנד. העשקע זילבערשטיין מיט זיין פאמיליע.

אין וואלד, האָבן מיר אויסגעגראָבן א בונקער אין וועלכן מיר זיינען געווען פאַרשטעקט א גאנצן טאָג, ווי א מויז אין א לאָך נישט קענענדיק אפילו אויסגלייכן די פיס אויף א מענטשלעכן אויפן. ערשט ביינאכט, בעת די מענער זיינען אוועק זוכן ברויט, האָבן די פרויען און קינדער געהאט די מעגלעכקייט צו האָבן א „באקוועם פלאץ צום שלאָפן. אָבער צו קען מען דאָס אָנרופן שלאָפן? ביי יעדן פון די פאַרבליבענע אינעם בונקער, האָט זיך קיין אויג נישט צוגעמאכט, בע־טענדיק צו דערלעבן זען די מענער צוריק פון זייער אויספלוג אינעם געיעג צו באקומען ברויט און נישט פאַרלירן דערביי דאָס לעבן.

נישט קענענדיק לעבן אין אזעלכע אומנאַרמאַלע באַדינגונגען אלענגערע

צייט, האָבן מיר פאַרלאָזט דעם בונקער און אוועקגעלאָזט זיך, זוכן אַן אַנדערן מקום מקלט.

דערוויסענדיק זיך, אַז אין קאָניעצפּאָל באַזעצן זיך ווידער יידן נאָכדעם ווי מען האָט זיי שוין געהאַט אַמאָל אויסגעזידלט, זיינען מיר אויך דאָרטן אוועק ווו מיר האָבן געטראָפן עטלעכע אַנטלאָפענע טשענסטאָכאָווער פאַמיליעס: שמואל קאָזשוך, חיים ראַפּאַלאָוויטש, דוד איזראַלעוויטש א. אַנד. אין קאָניעצפּאָל, האָבן מיר זיך אַזוי לאַנג געמאַטערט ביז די דייטשן האָבן געמאַכט דאָס 2־טע מאָל אַן אויסזידלונג.

אויך אין דעם פאַל, האָט אונז דאָס מזל צוגעשפּילט. צופעליק האָבן מיר זיך דערוווּסט, וואָס עס דאַרף פּאַסירן און כאַצייטענס׳ האָבן מיר ווידער געגומען די פּעקלעך אויף די פּלייצעס און אוועקגעלאָזט זיך קיין זשאַרנאָווצע, ווו עס האָבן זיך פאַנדאַסניי גרופּירט יידן נאָך דער ערשטער אויסזידלונג.

קומענדיק אויפן אָרט, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די מענער ווערן אוועקגעשיקט מכלומרשט אויף אַרבעט און עס איז פון זיי נישט פאַראַן מער קיין שום ידיעה צוליב דעם, האָבן מיר געמוזט זיין באַהאַלטן, פאַרשטעקט ווי אַ מויז אין דער נאָרע האָבן מיר נישט געזען קיין טאָג־ליכט פאַר די אויגן, אַזוי האָבן מיר אָפּגעפּינסטערט אין אַ גרוב ביז מען האָט זיך דערוווּסט, אַז עס גרייט זיך אַן אַלגעמיינע אויסזידלונג.

פאַרלאָזנדיק זיך אויפן שיקזאַל פונעם גורל און נעמענדיק די פינסטער־ניש פון דער נאַכט אַלס שוץ, האָבן מיר זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין נישט האָבנדיק פאַר זיך קיין באַשטימטן ציל. דאַסמאָל זיינען מיר געווען בערך 300 מאַן דאָס רוב טשענסטאָכאָווער.

אין מיטן דערנאַכט, זיינען מיר אָנגעקומען אין אַן אומבאַקאַנט דאָרף און דאָרטן האָבן אונז פאַרהאַלטן אַ גרופּע פּויערים, וועלכע האָבן אונז אַריינגע־שלעפּט אין אַן אָרט, וואָס האָט געהאַט דעם איינדרוק ווי אַ שולע. זיי האָבן אונז פאַרמאַכט פון דרויסן אַנידערגעשטעלט שומרים זאָלן אונז היטן און נישט אַרויסגעלאָזן.

דערזעענדיק אַז עס איז שלעכט, האָט מיין פאָטער פּרובירט מיט זיי אונטערהאַנדלען און פאַר אַגרויסן געלט־אָפּצאָל, האָט איינער פון זיי אַרויס־געלאָזט אַ טייל פון אונז דורכן פענסטער. דאַסמאָל האָט דאָס געלט אונז אויס־געלייזט.

צומאָרגנס זיינען מיר אָנגעקומען קיין וואָדיסלאַוו.

וועגן גורל פון די רעשט יידן האָבן מיר זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז עס

זיינען אָנגעקומען דייטשע זשאַנדאַרמעריע אָוועקגעפירט זיי קיין ראַדאָם און דערשאָסן. צווישן די דערשאָסענע פאַמיליעס פון דער גרופּע האָבן צוו. אַנד. זיך געפונען די פאַמיליע ראָזענבערג פון נאַקעל.

קומענדיק קיין וואָדיסלאַוו, האָט מען אונז גלייך געכאַפּט אויף אַרבעט און אָוועקגעשיקט קיין סענדזשישעוו, וווּ מיר האָבן געאַרבעט ביים האַקן שטיינער נעבן דער באַן־סטאַציע. זייענדיק עטלעכע טעג אין סענדזשישעוו, האָט אונז נישט געלאָזט צורו דער געדאַנק וועגן די פאַרבליבענע פאַמיליעס אין וואָדיסלאַוו. מיר האָבן געזוכט אַ וועג ווי אַזוי צו אַנטלויפן פון סענדזשישעוו און קומען צוריק קיין וואָדיסלאַוו. אויך דאָ, האָט אונז דאָס מזל צוגעדינט. עס איז אונז געלונגען איבערצוקויפן אַ דייטשן אויפזעער און מיר זיינען צוריק אַוועק קיין וואָדיסלאַוו, וווּ מיר האָבן געטראָפן די פאַמיליעס: דרעזנער, באַרענשטיין צוקערמאַן א. אַנד.

מיר האָבן נישט באַוויזן ווי געהעריק קומען צו זיך און ווידער איז אונז אויסגעקומען צו וואַנדערן און דאָס אויף פאָלגענדן אופן: פּלוצים האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן אויף די ווענט, אין וועלכע עס איז געווען געמאָלדן, אַז 4 שטעט אין פּוילן, וועלן ספּעציעל צוגעגרייט פאַר די יידן, אין די שטעט וועלן זיי קענען אומגעשטערט פריי אַרבעטן און איבערלעבן די מלחמה. די 4 שטעט זיינען געווען: סאַנדאָמיערזש, אויאַזד, שידלאָוויעץ און ראַדאָמסק.

אַזוי ווי מיר האָבן זיך געפונען אינעם ראַדאָמסקער באַצירק, זיינען מיר דאָרטן אַריין געפאָרן וווּ מיר האָבן אויך געטראָפן אַ גרויסע צאָל שטשעקאָטשי־נער יידן צווישן זיי אויך אַזעלכע, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין שטאָט נאָך דער ליקווידאַציע אַלס ספּעציעלע זאָנדער־קאָמאַנדע.

אין ראַדאָמסק, האָבן מיר אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין אַן אַמוניציע פאַבריק און צוגלייך מיט אַלע געלעבט אין געטאָ.

באַלד, האָבן מיר אָנגעהויבן צו פילן, אַז די אַלע מעלדונגען וועגן 4 באַזונדערע שטעט איז נישט מער ווי אַ בלאָף, בכדי צו פאַרטושן די וואַכזאַמקייט פון די רעשטלעך איבערגעבליבענע יידן, אַז זיי זאָלן נישט טראַכטן וועגן גע־געמשטעלן זיך און עס איז פאַרגעקומען דער לעצטער עטאַפּ פון דער ליקווידאַ־ציע פון די רעשטלעך שטשעקאָטשינער יידן.

געשען איז עס אין יאַנואַר 1943. מען האָט אַלע יידן צונויפגעזאַמעלט אויף אַ גרויסן פּלאַץ מיטן צוועק זיי אויסצוזידלען.

דאַמאָלס האָבן מיר שוין געוווּסט וועגן טרעבלינקע, מען האָט געהערט „עפּעס" דעם נאָמען עפּעטרס דערמאָנען, אָבער אַז דאָס זאָל באַדייטן דאָס פאַרניכטונגס־אָרט פון פּוילישן יידנטום האָבן מיר נאָך אַלץ נישט געוווּסט.

אינסטינקטיוו האָט אָבער יעדער געפילט ביי זיך. אז דאָס צונויפזאַמלען די רעשטלעך יידן דאַרפט דעצידירן וועגן לעבן און טויט. אנגעהויבן האָט עס זיך ביי פאָלגענדע אומשטענדן:

אויף דעם זאַמעל פּלאַץ, וווּ מיר זיינען געווען אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען האָבן די דייטשן לויט א צוגעגרייטער רשימה פון 200 מאַן אויסגערופן אז די, דאַרפן אוועקגיין צו דער אַרבעט. ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן, איז דאָס געווען א רשימה צונויפגעשטעלט דורך מענטשן, וואָס האָבן געגעבן געלט, אז מען זאָל זיי אוועקשיקן אויף אַרבעט. די רעשט מענטשן אויסער די 200 „פּריווי־ליגירטע" האָבן געדאַרפט אוועקגעשיקט ווערן צו פאַרניכטונג. אָבער ביים לייענען די רשימה פון די מענטשן איז פאָרגעקומען עפּעס אונדערוואַרטעטעס: צבי גרייפּנער איינער פון די שטשעקאָטשינער (ער געפינט זיך מיט פרוי און קינד אין לאַנד און שרייבט זיינע זכרונות אינעם בוך) איז פלוצים אַרויסגע־טראָטן פון דער ריי. הגם מען האָט זיין נאָמען נישט פאַרגעלייענט, דער־זעענדיק דאָס, האָבן אַנדערע נאָכגעטוען זיין ביישפּיל צום גרעסטן טייל שטשע־קאָטשינער צווישן זיי דער שרייבער פון די שורות מיטן פאָטער יהודה פרייקאָרן ז"ל און דער גורל האָט געוואָלט, אז גראַד די דרייסטע זיינען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, די רעשט פאַרזאַמעלטע יידן זיינען אוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעב־לינקע. ווו זיי האָבן געטיילט דעם גורל פון פוילישן יידנטום. מיר אָפּגעראַ־טעוועטע זיינען אוועקגעשיקט געוואָרן קיין סקאַרזשיסק.

אויך דאָ, האָט צוגעשפּילט דער בלינדער צופאַל פונעם גורל: די, וועלכע זיינען געפאַלן אויפן גליקלעכן געדאַנק אויפצוגעבן זיך אלס פאַכמענער אין דער מעטאַל בראַנזשע זיינען פאַרבליבן אין ווערק „א" פון וועלכע דער רוב איז פאַר־בליבן לעבן, דאַקעגן די וועלכע האָבן זיך נישט אָנגעגעבן אלס פאַכמענער זיינען געפירט געוואָרן אין ווערק „צע" פון וועלכע עס איז זעלטן ווער איבערגעבליבן.

מיר פאַרבליבענע אין ווערק „א" זיינען פונאַנדערגעטיילט געוואָרן ביי פאַר־שידענע אַרבעט. דער צופאַל האָט געוואָלט, אז דער רוב פון די שטשעקאָטשינער האָבן געאַרבעט אלע צוזאַמען אין דער זעלבער אָפּטיילונג „פאַנעטריע". צווישן זיי האָבן זיך געפונען: ישראל לענטשנער, יידל בארענשטיין, שמואל קאַזשוך וויגדור גרייסנר א. אנד.

די אַרבעט איז געוואָרן זער א שווערע, מיר האָבן געמוזט אַרבעטן 12 שעה א טאָג און געדאַרפט אויספירן א נאָרמע. געווען אויך פאַלן, בעת מען איז צוריק־געקומען פון א שווערן אַרבעטס־טאָג און קוים אויסגערוט די פאַרמאַטערטע גלידער האָט מען אונז אויפגעוועקט אין מיטן נאַכט און געהייסן לאָדנען וואַגענער מיט געווער אין ווערק „צע".

דאָס לעבן איז געווען אומדערטרעגלעך, אָבער אין פאַרגלייך מיטן „לעבן" אויף דער ווערק „צע", האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז מיר געפינען זיך אין „גן־עדן". אָבער דאָס „גן־עדן" איז גלייך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גהינום.

איך בין פּלוצים קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און מען האָט מיך אוועקגענומען אין באַראַק, וועלכער האָט געדינט ספּעציעל אַלס איזאָלאַציע פּונקט פאַר קראַנקע.

קיין מעדיצינישע הילף, איז איבערהויפּט נישט געווען. עס האָט זיך נאָר געוואָנדן אין שטאַרקייט פונעם קראַנקענס אָרגאַניזם, צעלטן וועלכער קראַנקער עס איז אַרויס אַ לעבעדיקער פון דאָרט.

אַ חוץ דעם מלאך־המות, וועלכער האָט געזייט טויט אינעם באַראַק, האָבן די דייטשע מלאכי־חבלים איינגעאָרדנט עפּטערס סעלעקציעס, און די קראַנקע וועלכע האָבן נישט געהאַט די שאַנסן אויסגעהיילט ווערן, האָט דער גרופּן־פירער אַרויסגע־טריבן פונעם באַראַק און זיי דערשאָסן.

אויך אין דעם פאַל, האָט דאָס מזל מיר צוגעשפּילט, איך קען מיט דער פולער זיכערקייט שרייבן: אַז איך בין דער איינציקער וועלכן עס איז געלונגען אַלס שווער קראַנקן אַרויסצוגיין פונעם „שפּיטאַל" באַראַק און בלייבן לעבן.

אַרויסגייענדיק פון דאָרט, האָב איך אָבער פאַרשאַפט פאַר מיין פּאַטער ז"ל גרויסע דאגות, ער האָט מיר געמוזט אויסקנייפּן די באַקן, אַז זיי זאָלן זיין רויט, פאַר יעדן אַפּעל האָט מען קאָנטראָלירט יעדן איינעם און דער כיי וועמען עס זיינען געווען ווייסע באַקן, האָט מען אַרויסגענומען פון דער רייע און דערשאָסן אויפן אָרט.

אַזוי, האָט מען זיך דאָרט געפּייניקט ביז יולי 1944. די רוסישע אַרמיי, האָט זיך דערנענטערט ביז סקאַרזשיסק און אין לעצטן מאָמענט כמעט, האָט מען אונז עוואַקואירט, אַ טייל, האָט מען אוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד און מיר זיינען געשיקט געוואָרן קיין טשענסטעכאָוו.

אין טשענסטעכאָוו, האָט מען אונז צעטיילט אין עטלעכע גרופּן און אוועק־געשיקט אויף פאַרשידענע אַרבעטס־פּלעצער.

אויף מיר מיטן פּאַטער און נאָך עטלעכע טשעסטאָכאָווער איז אויסגע־פאַלן דער אַרבעטס פּלאַץ: „פּעלצערן". אויף מיר איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט: במשך 12 שעה, האָבן מיינע מאַשינען געמוזט אַרויסגעבן אַ מיליאָן גילזן צו ביקסן, אויב כ'האָב נישט באַוויזן אויסצואַרבעטן די נאָרמע, האָב איך באַקומען 25 שמיץ אויף דעם גאַלן לייב און אַלס שטראָף, נאָך 12 שעה אַרבעט אָן אָפּרו.

די קאטארגע ארבעט האָט אווי אָנגעהאלטן אין טשענסטעכאוו ביז יאנואר 1945, ביז דעם טאָג, ווען די רויטע ארמיי איז אריין אין שטאָט אריין. עס איז אָבער באַשערט געווען ווייזט אויס, אז מיר זאָלנזיך נאָך דארפן פייניקן, און אין לעצטן מאָמענט, איידער די רויטע ארמיי איז אריין אין שטאָט, האָט מען אונז פונדאָסניי טראנספּאָרטירט קיין בוכענוואלד.

דער וועג, איז געווען אומדערטרעגלעך. די זעלבע פייניגונגען, וואָס מיר האָבן געהאט אדורכצוגיין במשך דער היטלעריסטישער וואקכאנאליע און טיראַ־ניע האָבן מיר אויך געמוזט אדורכמאכן אין די לעצטע וואָכן פון זייער בלוטיקן קיום.

אין בוכענוואלד האָט זיך געפונען אקרעמאטאָריע, ווי אויך פארשידענע ארבעטס־פּלעצער. מיר האָבן געארבעט אין דער דערנעבנדיקער שטאָט ווייִמארק. די ארבעט איז באשטאנען אין דעם, וואָס מיר האָבן געדארפט אָפּרייניקן די גרוזעס וואָס זיינען אנטשטאנען פון די אָפטע אמעריקאנער באָמבארדירונגען.

די ארבעט איז געווען זער א שווערע און א געפאר־פולע, 2 מאָל אין טאָג האָבן מיר געהאט אפּעלן און ביי יעדן אפּעל האָבן געפעלט צענדליקער מענטשן, וועלכע זיינען געפרוירן געוואָרן. דארטן אין ווייִמארק, האָב איך זיך אויך צע־שיידט מיט מיין פאָטער ע"ה. פאָרגעקומען איז דאָס ביי פאָלגענדע אומשטענדן:



יודל שקלארזש נטוגטן אויף א לוסטריינע אין ארץ ישראל גטשטרעבט עולה צו זיין אָבער נישט באגויזן, אומגעקומען אין טרעבלינקע

מיין פאָטער האָט געזאָגט, אַז ער פילט זיך נישט גוט און מען האָט אים אוועקגעפירט אין שפּיטאָל אַריין — און מער האָב איך אים לײדער שוין נישט געזען. די טראַגעדיע דער פון איז אָבער נאָך גרעסער: ווייל מיין פאָטער האָט איבערגעלעבט דעם סוף פון דער מלחמה. ער איז ערשט געשטאָרבן אין יאָר 1949, ד. ה. אַז 4 יאָר נאָך דער באַפרייאונג האָט ער געלעבט. אָבער זייט יענעם מאָמענט ווען מען האָט אים אוועקגענומען אין שפּיטאָל האָב איך אים שוין מער נישט געזען און דאָס צוליב פאָלגענדע סיבה:

אוועקפירענדיק אים אין שפּיטאָל, האָט מען מיך צו אים מער נישט צוגע־לאָזט דערווייל האָבן די אַמעריקאַנער זיך דערנענטערט צו בוכענוואַלד און מען האָט אונז ווייטער עוואַקואירט. צופעליק בין איך אין די לעצטע טעג קראַנק געוואָרן אויף אַ פוס. אויף וועלכן כ׳האָב בכלל נישט געקענט גיין און דאָ איז ווידער געשען מיט מיר עפּעס איבערנאַטירלעכעס:

אַרויסגייענדיק פון טויער צו דער עוואַקואַציע, האָט מען יעדן איינעם גע־ציילט, אָבער צוקומענדיק צו מיר, האָט דער גרופּן פירער אויסגערופן: דו הונט!— בלייב שטיין!

דאַמאָלס זיינען דורך דעם טויער פון בוכענוואַלד אַרויס 7000 מאַן פון וועלכע עס איז נישט פאַראַן קיין שום ידיעה. צווישן די זיבן טויזנט מאַן האָבן זיך געפונען צוויי. אַנד. פאָלגענדע שטשעקאָסינער: ישראל לענטשנער, יידל באַ־רענשטיין און שמואל קאָזשוך. — דאָס איז געווען עטלעכע טעג פאַר דער באַפריי־אונג.

אַזוי אַרום, האָט דער פאַרבינדאַרשירטער פוס דאָסמאָל אָפּגעראַטעוועט מיך פון אַ זיכערן טויט.

צומאַרגנס, איז ווידער געווען אַזאַ דורכמאַרש. כ׳האָב געטראַכט און נישט געוווּסט ווי אַזוי צו האַלטן זיך. וואָס עס וועט בעסער זיין פאַר מיר. אויך, דאָס מאָל האָב איך איבערגעלאָזט מיין גורל אויף גאָטס באַראָט.

מען האָט אונז אָנגעהויבן פירן. (אייגענטלעך טרייבן). יעדע 10 מעטער, איז געגאַנגען אַ דייטש מיט אַ הונט, דערשיסענדיק יעדן איינעם, וועלכער איז אָפּגעשטאַנען און נישט געקענט גיין מיטן ריטם. דער דייטש האָט געשאָסן און דער הונט, האָט אָפּגעביסן אַ שטיק פלייש, ווייזט אויס, אַז די דייטשן, וועלכע האָבן געפילט, אַז זייער בלוטיקער סוף איז נאָענט, האָבן געוואָלט אין די לעצטע מינוטן פון זייער מאַכט־הערשאַפט איזדעקפּווען זיך איבער די פאַרפייניקטע יידן. וועלכע האָבן געפילט, אַז די באַפרייאונג דערנענטערט זיך. אַפילו אין די לעצטע מינוטן פון זייער הערשאַפט זיינען זיי נישט אָפּגעשטאַנען אין זייער בלוט־דורשטיקייט.



משה שמואל קופערבערג, זין, טעכטער און אייניקלעך.
2 משפחות: קופערבערג־ניימאן. קיינער נישט געבליבן לעבן.

איצט כמעט 15 יאָר נאָך יענער איבערלעבעניש, איז מיר שווער צו באַגרייפן ווי אזוי כ׳האָב מיט מיין צעבראָכענעם פוס געקענט אדורכמאכן אזא שווערן וועג? נישט אנדערש נאָר אז מיט מיר האָט דעמאָלט נסים פּאסירט.

אזוי האָבן מיר מארשירט ביז ווייִמאר. יעדע מינוט איז פון אונז געוואָרן ווייניקער. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויפן אָרט, האָט מען אונז אונטער א האַגעל פון קלעפּ אריינגעשטופּט צו 100 מענטשן אין אַן אָפענעם וואגאָן און אוועקגעפירט נישט וויסענדיק וואוהין.

עס איז פונקט געווען א רעגענדיקער טאָג, מיר זיינען דורכגעווייקט געוואָרן ביז די ביינער. דארונטער האָבן מיר אויך געליטן דאָסמאָל פון די אמעריקאנער פליער, וועלכע האָבן געגלויבט, אז דאס פּארט אַן עשאלאָן מיט דייטש מיליטער און כסדר אונז באָמבארדירט. אסך זיינען טאַקע דאָסמאָל אומגעקומען פון א פריינטלעכע קויל.

אין דעם גהינמדיקן וועג: רעגן פון איין זייט, פייער פון אמעריקאנער פליער פון דער אנדערער זייט. דערצו אָן עסן — זיינען מיר אָנגעקומען אין סודעטן



א יידישע מאמע מיט איר טאָכטער און אייניקלעך

ווו מען האָט אונז דערלויבט אראפּצוגיין פון די וואגאנען, אין וועלכע מיר האָבן זיך געמוטשעט 3 וואָכן. דורך דער גאנצער צייט פון דער רייזע האָט מען אונז געגעבן ס״ה א האלב ברויט און עטלעכע רויע קארטאָפל, זעלבסטפארשטענדלעך. אז א סך זיינען אומגעקומען אויפן וועג במשך דער רייזע.

אנקומענדיק קיין סודעטן, האָבן מיר באמערקט א וואגאָן מיט שפּינאַק. מיר האָבן זיך געלאָפן אוועקגעלאָזט צו אים און אָנגעהויבן כאפּן דעם שפּינאַק. דאָ האָט אבער א דייטשער זעלנער אָנגעהויבן שיסן פון א מאשין־געווער דערהרגענדיק עטלעכע צענדליק מענטשן. איך בין דאָסמאָל פארוווּנדעט געוואָרן אין קאָפּ.

מען האָט מיך צוריק ארויפגעשלעפּט אין וואגאָן און אזוי בין איך געלעגן

אָן שום מעדיציניש׳ע הילף אין א באוווסטלאָן צושטאנד ביז... מיר זיינען אָנגעקומען קיין טערעזיענשטאט (טשעכאסלאוואקיי). אָנגעקומען זיינען בערך 30 פּראָצענט פון די צאָל, וועלכע זיינען ארויסגעגאנגען פון בוכענוואלד.

אין טערעזיענשטאט, האָט מען מיך אראפּגענומען פונעם וואגאָן, (מיט אייגענע כוחות האָב איך אפילו נישט געקענט אויפשטעלן זיך). בעת מען האָט מיך אָפּגעוואויגן האָט די ציפער געוויזן 25 קילאָ.

נאָך עטלעכע טעג זיין אין טערעזיענשטאט, האָבן די רוסן אונז באפרייט דעם 8־טן מאי. מיר האָבן גלייך באקומען מעדיציניש׳ע הילף און דאן ערשט געקומען אביסל צו זיך.

נאָך עטלעכע וואָכן, האָבן מענטשן אָנגעהויבן פארלאָזן טערעזיענשטאט אנגעהויבן פארן אין זייערע געוועזענע היימען. מיר א גרופּע 300 יוגענטלעכע פון אונגארן און פוילן (מערסטענטייל פוילישע), האָבן באשלאָסן צו פארן קיין ארץ־ישראל.

די רוסן, האָבן קרום געקוקט אויף אונזער פארלאנג, זיי האָבן באלד דערקלערט, אז דאָס איז אוממעגלעך, אָבער שטערן אונז אין דעם האָבן זיי פארט נישט געקענט. מיר האָבן באשלאָסן אָפּצווארטן און זען מה יולד יום!

אויך דאָסמאָל האבן מיר געהאט מזל. דער „רויטער קרייז" צוזאמען מיטן „דזשויאנט" האבן באשלאסן אונז איבערצופירן קיין ענגלאנד דערווייל, אז מיר זאָלן זיך אביסל אָפּרוען קומען צו זיך פו די שרעקלעכע איבערלעבענישן ביז עס וועט ענטגילטיק באשטימט ווערן אונזער ווייטערדיקער גורל.

אזוי האָב איך פארבראכט אין לאָנדאָן ביזן יאָר 1948. ווען עס איז אנטשטאנען מדינת־ישראל בין איך מיט מח״ל געקומען אין לאנד אריין ווו כ׳פיל מיך גליקלעך און שטאָלץ אלס פרייער בירגער אין אייגענעם לאנד.

שטאָלץ בין איך, וואָס כ׳האָב דעם כבוד צו זיין מיטבאטייליקט אינעם יזכור־בוך געווידמעט אונזערע שטשעקאטשינער קדושים, וועמענס זכרון טליעט טיף אין מיין הארץ.

**אברהם זילבערשטיין** (תל־אביב)

# אזוי איז עס געווען



דאָס שטעטל שטשעקאָטשין, וואָס איז ביזן אויסברוך פון דער 2־טער וועלט־מלחמה אינעם יאָר 1939 געווען באַקאַנט אין גאַנצן אומגעגענט אַלס לוסטיג, פריילעך שטעטל, האָט אין דער מלחמה אַדורכגעמאַכט מער ווי אַלע אַנדערע שכנות־דיקע שטעטלעך.

פרייטיג, דעם 1־טן סעפּטעמבער, האָט נאָך קיינער נישט געגלויבט, וואָס פאַר אַ חורבן ס'רוקט זיך אָן אויף דעם שטעטל. פרייטיק אוונט, זיינען אַלע געווען צוגעשמידט צום ראַדיאָ, וועלכער האָט איבערגעגעבן די ערשטע באַריכטן פון דער מלחמה. צוו. אנד. האָבן מיר געהערט, אַז דער סונעל אונטער סענדזשישעוו, איז באַמבאַרדירט געוואָרן.

די נאַכט פון פרייטיק אויף שבת בין איך נאָך געשלאָפן אויף מיין געלע־גער. שבת פרי זיינען געקומען צו אונז אין שטוב יידן און געזאָגט, אַז מיר זאָלן נעמען רידלעס און גיין ארויס מאַכן שוץ־גראָבנס (אָקאָפּעס).

צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע יידן בין איך געגאַנגען אויפן וועג, וועלכער האָט געפירט קיין דעמבאָוויצע, ווו מיר האָבן געאַרבעט ביז 5 פאַרנאַכט.

צוריק קומענדיק אין שטאָט אַריין, האָבן מיר געטראָפן אַ גאַנצע איבער־קערעניש. ס'זיינען אָנגעקומען מענטשן פון די אַרומיקע שטעטלעך (די גרעסטע טייל פון זשאַרקי), וועלכע האָבן דערציילט וועגן די ערשטע מלחמה קרבנות.

עס האָט זיך אָבער אַלץ נישט געלאָזט גלויבן, אַז מיר שטייען פאַר אַזאַ גרויסן חורבן, צו וועלכן ס'איז נישטאָ קיין פּרעצעדענס אין דער געשיכטע.

במשך די גאַנצע נאַכט זיינען דורך דער שטאָט אַדורך געפאָרן פאַרשידענע

מענטשן, מיט אויטאָס.וועגן און פערד. פון אַלעמענס פּנימער האָט אַרויסגעשלאָגן א טיפער אומעט און זאָרג — זיי אַלע זיינען געפאָרן אויפן וועג קיין קיעלץ.

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט בין איך אַוועק אין שטוב אַריין. איידער כ'האָב נאָך באַוויזן אויסצוטאָן זיך, האָט זיך דערהערט א קלאַפּן אין טיר. כ'געדענק נישט געני, ווער עס האָט געקלאַפּט כ'האָב נאָר געהערט ווי א מענערלעכע שטימע האָט געזאָגט: אַלע מענטשן האָבן שוין פאַרלאָזט די שטאָט און איר זייט נאָך דאָ אין שטוב?

מיר האָבן אויף דער שנעל איינגעפּאַקט די מלבושים און אַוועקגעטראָגן אין קעלער פון כלומע זעלמאַן.

מיינע עלטערן מיט דער גאַנצער פאַמיליע, זיינען 8 אַזייגער פרי אַוועק קיין כלעוויץ. דאָס איז געווען זונטיק דעם 3־טן סעפּטעמבער 1939.

איך אַליין בין פאַרבליבן, און נישט געוואָלט רירן זיך פון אָרט. כ'בין אַרויס אין מאַרק א זייגער 9 פרי. עס איז פּונקט געהאַט אָנגעקומען פּוילישע אַר־טילעריסטן מיט לייכטע אַרמאַטן. א גרופּע זעלנער מיט עטלעכע אַרמאַטן האָבן זיך פאַרפעסטיקט ביי די גאַרבער׳ס אין די שוך־גרובענס, געבענדיק פייער בערך א האַלבע שעה. די זעלנער זיינען געווען שטאַרק הונגעריק און געבעטן מען זאָל זיי ברענגען ברויט מיט וואַסער.

ס'האָבן זיך דאַמאָלס געפונען עטלעכע יידן אין מאַרק: פּנחס טריימאַן, שלמה שטיבעלמאַן, יחיאל ריכט און אַנד. מען האָט באַלד געבראַכט צו עסן, און וויאַדרעס וואַסער אָנצוטרינקען די פערד.

מיר האָבן זיך געפרעגט ביי זיי וועגן מצב? — האָבן זיי געענטפערט, אַז מיר זאָלן אַנטלויפן, ווייל דאָס דייטשע מיליטער געפינט זיך שוין אונטער דער שטאָט.

זאָגענדיק דאָס זיינען זיי גלייך אַוועק פון שטאָט. אויך די מענטשן, וועלכע האָבן זיך נאָך געפונען אין מאַרק, האָבן אים אָפּגעליידיקט און אַוועק פאַרשטעקן זיך ערגעץ ווו.

11 אַזייגער פרי, האָבן זיך באַוויזן עטלעכע אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן אַרום געקרייזט איבער דער שטאָט. זיי זיינען אָבער באַלד אַוועק נישט טשעפּענדיק קיינעם.

2 שעה שפּעטער, איז אָבער ווידער אָנגעקומען אַעראָפּלאַן. איידער כ'האָב זיך באַוויזן רעכט אומצוקוקן, האָב איך דערהערט א שטאַרקן קנאַל און פון חיים גר־טערמאַנס הויז איז אַרויס א שוואַרצער רויך. איך האָב אויך דאַמאָלט געוווינט אין מאַרק, אין בעריש צוקערניקס הויז. איך לויף שנעל א היים צו זיך, אָבער אויך דאָס הויז ברענט שוין, כ'לויף ווידער צוריק אין מאַרק אַריין און דאָ זע איך,



איינע פון די שטשעקאטשינער פרומע מיידלעך

זוי עס ברענען שוין עטלעכע הייזער. כ׳בין געוואָרן צעמישט. כ׳האָב אָנגעהויבן לויפן אָן א ציעל, כ׳האָב זיך געפונען פלוצים נעבן דער קירכע, ווו ס׳איז ווידער געפאלן א באָמבע דאָס מאָל אויף דעם הויז פון מאיר דוד מאנעלע.

כ׳האָב נישט געזען קיין מענטש אויף דער גאס. לויפענדיק ווייטער אויף דער סענאטארסקא גאס, האב איך באמערקט דעם געוו. בורמיסטזש כ׳רודזשיקן שטייען נעבן זיין הויז. פרעגענדיק אים: ווו ער גייט? האָט ער אנשטאט אָן ענטפער מיך געהייסן גיין אין זיין הויז אריין, זאגענדיק, אז אין דער בעקערייי זייבען פאראן אסך מענטשן.

כ׳בין נאטירלעך אריין דאָרטן און געטראָפן א סך באקאנטע יידן און קריסטן. כ׳האָב נאָך נישט באוויזן רעכטצייטיק אומצוקוקן זיך, ווי מיר האָבן ווידער דער־הערט אן אויפרייס פון א באָמבע. אלע מענטשן זיינען שנעל ארויס פון דער בע־קערייי און אָנגעהויבן ווילד צולויפן אָן א ציל.

איך בין געלאָפן ווייטער, לענג אויס דער סענאטארסקא גאס און בין אריין אינעם הויז פון שמואל רושין, ווו כהאָב אויך געטראָפן אסך יידן דארונטער יחיאל ריכט מיט זיין פאמיליע, דוד פלאטקעוויטש אנד. וו.

ביי שמואל רושין אינעם קעלער בין איך געווען ביז זונטיק 1 אזייגער ביינאכט. די גאנצע צייט, האָט מען אלץ געהערט שיסן. קיינער האָט נישט דער־וואגט ארויסצושטעקן דעם קאָפּ. וואוהין צו לויפן, איז סיי ווי נישט געווען. מען האָט נאָר געקוקט אלע מינוט, אויב דאָס הויז ברענט נישט

א זייגער 1 ביינאכט, איז געוואָרן שטילער. די שיסערייען האָבן אויפגע־הערט. ערשט דאמאָלט האָט מען ארויסגעשיקט דעם שוואָגער פון יחיאל ריכט



א גרופע ציוניסטישע טעקנים

דוד פלאטקעוויטש. ער זאל געוואר ווערן, ווי סקוקט אויס דער מצב — און וואס ס'איז דא ווייטער צו טאן?

ער איז באלד צוריקגעקומען און אונז דערציילט, אז ער האט שוין באגעגנט דעם 1־טן דייטשן פאטראל, וועלכע האבן מיט אים גערעדט און געזאגט: אז ער זאל נישט קיין מורא האבן. די דייטשן, האבן שוין דאמאלס באהערשט טשענסטאכאו.

נאך די „בארואיקונגס" ווערטער פון פלאטקעוויטשן, האבן אלע מענטשן פארלאזט דעם קעלער. יעדער איינער איז געווען נייגעריק צו וויסן וואס ס'האט פאסירט מיט זיין הויז?

גייענדיק עטלכע טריט ביז נאך דער קירכע האבן מיר געזען, ווי די גאנצע שטאט שטייט אין פלאמען. משה יעקב פייוויש, האט דער ערשטער אנגעהויבן ראטעווען סחורות פון זיין געשעפט. אויך איך האב געוואלט וויסן וואס ס'האט פאסירט מיט אונזער וווינונג, וואס האט זיך געפונען אין מיטן מארק און מיט די לעצטע כוחות, האב איך זיך אדורכגעריסן בכדי אנצוקומען אויפן ארט.

דאס בילד, וואס איך האב דאמאלסט געזען, וועט קיינמאל נישט פארשווינדן ווערן פון מיינע אויגן. כ'האב געהאט דעם איינדרוק, אז כ'געפין זיך אין א גהינם. דער גאנצער מארק איז געווען ארומגענומען מיט פייער־פלאמען.

ס"זיינען שוין אנגעקומען עטלעכע דייטשע פאטראלן, וועלכע האבן אבער צו אונז געזאגט: „אז מיר זאלן נישט האבן קיין אנגסט".

אויף די טראטוארן האבן זיך שוין אבער געוואלגערט עטלעכע טויטע, געטראפענע פון שראפנעלן. אברהם דאנציקער'ס פרוי איז געלאפן מיט א קינד אויף דער האנט. זי איז געפאלן טויט, דאס קינד איז געבליבן לעבן. דאס קינד פון איישע גאטליב, שלמה שטיבעלמאן און נאך אנדערע, וועמענס נעמען געדענקט זיך שוין נישט יעצט.

א גאנצע נאכט האָב איך זיך געפונען אין מארק, ווו כ'האָב געגאָסן וואסער אין קעלער פון אונזער געשעפט.

פארטאָגס בין איך פשוט געפאלן פון די פיס און כ'האָב געזוכט א פלאץ, ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן. דער גורל האָט געוואלט, אז די געגנט ווי ס'האָט זיך געפונען קרימאנס געשעפט איז געבליבן גאנץ. דאָרטן האָט געוווינט מיינער א פעטער אבראמטשע שווארצבוים. איך בין דאָרט אריין און צו דער פרייד געטראָפן דאָס הויז גאנץ, נישט באשעדיקט און נישט אָפּגעברענט.

כ'האָב שוין דאָרטן געטראָפן עטלעכע יידן. כ'בין געווען אזוי מיד, אז אין אנטוועכץ בין איך אוועקגעפאלן און אריינגעפאלן אין א טיפן שלאָף.



צום אָבפאָר פון געוו. פרעזעס פון דער ציוניסטישער אָרג., מנחם באנאַחאַלני, יאנואר 1933

אויפגעכאפט פונעם שלאָף האָב איך זיך מאָנטיק 4 נ.מ. בעת ס'האָט זיך דערהערט א שטארק שיסעריי.

ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן זייער ארבעט אריינשיסענדיק דום־דום קוילן אין יעדן הויז, וואָס איז נאָך פארבליבן גאנץ.

ס'איז מיר קוים געלונגען אדורכצורייסן זיך דורך דעם ברענענדן הויז און איבערן מארק בין איך אוועק אינעם קעלער פונעם הויז פון יעקב שלמה האָניק, ווו כ'האָב דאָרטן געטראָפן דוד פלאטקעוויטש מיט זיין פרוי פעסל.

דאָרטן בין איך געווען ביז דינסטאָג נאָך מיטאָג. ארויסגייענדיק באגעגנט מיך א דייטש, וועלכער שרייט צו מיר: „קאָם מאל הער". איך האָב גלייך אויס־

געהויבן מייגע הענט און דער הויך און מיט ציטערדיקע טריט דערנענטערט זיך צו אים. אין צווישן האָבן זיך באוויזן נאָך מענטשן, יידן און קריסטן. אלעמען האָט ער געהייסן אויפהויבן די הענט אין דער הויך און אין אנא פּאָזע. האָט ער אונז צוגעפירט צום הויז פון בעריש צוקערניק, ווו מיר האָבן געטראָפן שטייען א סך מענטשן מיט אויפגעהויבענע הענט מיטן פנים אויסגעדרייט צו דער וואנט.

א דייטש האָט אראָפּגענומען ביי מיר דאָס זייגערל פון דער האנט. יעדער איינער, וועלכער האָט דערוואגט אראָפּצולאָזן א ביסל נידריקער די הענט, האָט אים א דייטש מיט דער קאָלבע פון דער ביקס געגעבן א קלאַפּ איבער דעם עלענבויגן. אזוי אז אין די גרעסטע יסורים האָט ער געמוזט שטיין אין דער פּאָזע, וואָס די דייטשן האָבן אים אוועקגעשטעלט.

אזוי, מיט די הענט אין דער הויך, אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער וואנט, זיינען מיר א גרופּע פון עטלעכע הונדערט מענטשן געשטאַנען אומבאוויעגלעך פינף שעה אָן אויפהער.

שפּעטער, האָט מען אונז אויסגעשטעלט שורותווייז און אוועקגעפירט אונטער דער בריק אין א ספּעציעלער אויף דער שנעל אויפגעשטעלטער שאַפּע.

אדורכגייענדיק דעם וועג, האָב איך באמערקט ליגן עטלעכע טויטע און איינעם פון זיי, האָב איך דערקענט ,הענעך איטשעלעס זון.

די דייטשן האָבן אונז אריינגעפירט אין דער שאַפּע, און אונז געזאָגט, אז מען גייט אונז אונטערצינדן אלס נקמה דערפאר, ווייל מען האָט געשאָסן צום דייטשן מיליטער.

פאסירט האָט טאקע פאָלגענדעס:

אינעם דאָרף טענגעבאוש (3 קילומעטער פון שטשעקאטשין), איז א פוילישער זעלנער ארויף אויף א בוים און ביים אָנקומען פונעם ערשטן דייטשן פאטראָל, האָט ער געוואָרפן א גראנאט, וועלכער האָט אויפגעריסן א טאנק מיט דייטשע זעלנער. און דערפאר האָבן די דייטשן באשלאָסן זיך נוקם צו זיין.

די שפּאַנונג אין דער שאַפּע, האָט דערגרייכט דעם קולמינאציונס־פונקט. קריסטן האָבן זיך געצלמט און געוויינט. יידן האָבן געזאָגט ווידוי און תהילים בעטענדיק ביים רבונו של עולם א הילף.

דאָס האָט אזוי אָנגעהאלטן דריי דענערווירנדע לאנגע שעהן. יעדער איינער האָט זיך געפילט ווי צום טויט פאראורטיילט. פּלוצים, האָט זיך אָבער געעפנט די טיר פון שאַפּע. א דייטש איז אריינגעקומען. אלעמענס הערצער זיינען געבליבן ווי פארשטיינערט. אלע זיינען געבליבן שטיין אומבאוועגלעך. דער אריינקומענדער

דייטשער זעלנער, האט געהייסן אלעמען זיך אויסשטעלן אין א רייע און אנגעהויבן פארשרייבן די נעמען, זאגענדיק גלייכצייטיק, אויב אזעלכעס וועט זיך נאכאמאל איבערחזרן, וועט מען די אלע פארשריבענע מענטשן דערשיסן.

שווער צו באשרייבן די פרייד, וואס האט דעמאלט ארנז אלעמען באַהערשט. יידן און קריסטן האבן זיך געווארפן אויף די העלזער און געקושט איינער דעם אנדערן. מיר זיינען געווארן באפרייט.

אבער ווידער איז פאר מיר אנשטאנען דאס פראבלעם וואהין גייט מען?

כ׳האב זיך דעצידירט און נאכאמאל אראפ אין קעלער פון יעקב שלמה האניק, אין וועלכן ס׳האבן זיך געפונען נאך עטלעכע יידישע משפחות.

קיין ברויט צו עסן איז נישט געווען, אבער דערפאר האבן מיר זיך דערכאפט דאס הארץ מיט קאנפיטורן, וואס איז געווען לרוב אין קעלער.

דאנערשטיק פרי, האט מען פלוצים געהערט גרויסע געשרייען, וועלכע האבן זיך דערטראגן פון מארק. כ׳בין ארויף מיט נאך עטלעכע אויפן דאך פונעם הויז און מיר האבן געזען: מחנות קריסטן האקן אויף די יידישע קעלערס און שלעפן ארויס פולע זעק מיט פארשידענע סחורות. וועלכע זיינען דורך פארשידענע מענטשן געבראכט געווארן צום באהאלטן קיין שטשעקאטשין. מיט א סיפן ווייטיק אין אונזערע הערצער זיינען מיר צוריק אראפ אין קעלער, פארברענגענדיק א שלאפלאזע נאכט. ערשט צומארגענס פרייטיק פרי, בעת ס׳איז געווארן „רואיקער" און די שיסערייען האבן אויפגעהערט, בין איך ארויס פונעם קעלער.

אנקומענדיק אין מארק האב איך זיך דערוויסט, אז מען טיילט ברויט, וואס ס׳איז פארבליבן פונעם פוילישן מיליטער און ס׳איז געלעגן אינעם פאלאץ.



3 חדר חברים

אלע שטאטישע בעקערייען זיינען געווען פארברענט. צוביסלעך, האָבן שוין אָנגעהויבן צוריקצוקומען די אנטלאָפענע יידן פון שטאָט.

איך בין געגאנגען אין דער ריכטונג פון אפרים קרימאנ׳ס הויז, און דאָרט האָב איך געזען א דירענד בילד: יוסל מאיר שמש׳ס זון, האָט ארויסגע־שלעפט זיין זון א האלב פארברענטן פון דעם הויז. ער האָט מיך געבעטן, כ׳זאָל אים העלפן ארויפלייגן דעם זונ׳ס פארברענטן קערפער אויף א וואָגן. כהאָב נאטירלעך דערפילט זיין פארלאנג, ארויסגעפאָרן אויפן בית־הקברות און אים געהאָלפן קובר זיין. דערביי האָט ער מיר דערציילט, אז די דייטשן האָבן געכאפט יידן, אריינגעוואָרפן זיי אין פייער, ווו זיי זיינען לעבעדיקערהייט פארברענט געוואָרן.

דאָס „לעבן״ האָט זיך אָנגעהויבן צו „נאָרמאליזירן״. יידן האָבן אָנגעהויבן זוכן א דאך איבערן קאָפּ. אזוי ווי קיין פרייע וווינונגען זיינען נישט געווען האָבן זיך צונויפגעקוועטשט עטלעכע פאמיליעס אין איין שטוב. מען האָט אָנגעהויבן טראכטן: וואָס ווייטער צו טאָן?

אין צווישן איז געוואָרן נאָמינירט א נייער בורמיסטש, א פאָלקס־דויטש. וועלכער איז מיט עטלעכע חדשים פארן קריג־אויסברוך געקומען קיין שטשעקאָ־טשין און געארבעט אלס עלעקטראָטעכניקער ביי טראווינסקין.

ביים איבערנעמען דעם אמט, האָט ער דאָס ערשטע פאראָרדענט, אז אלע אָן אויסנאם איינוווינער יידן און קריסטן זאָלן איבערגעבן זייערע ראדיאָס. אויסער דעם, האָט ער באפוילן, אז אלע סחורות וואָס געפינען זיך אין יידישן באזיץ, זאָלן איבערגעגעבן ווערן דעם מאגיסטראט במשך 24 שעה. אויב נאָכן טערמין — מען וועט ביי אימיצן געפונען סחורה, וועט דער באטרעפענדער דערשאָסן ווערן.

ס׳איז געוואָרן א געוואלדיקע מהומה. מען האָט געטראָגן סחורות אָן אויפהער. ווען די 24 שעה פונעם טערמין זיינען אדורך, זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן ספעציעל צו דעם צוועק געדינגענע דורכן מאגיסטראט קריסטן מיט אייזערנע דרענגער. וועלכע האָבן אָנגעהויבן רייסן פונדאָסניי די קעלערס פון די יידישע סוחרים, און ארויסשלעפן סחורות. פונעם קעלער פון לייזער בלאָס, האָט מען ארויסגעשלעפט עטלעכע פורן מיט שניט סחורה, ווי אויך פארשידענע סחורות פון אנדערע סוחרים.

ווי ס׳האָט זיך שפעטער ארויסגעוויזן, האָט די פאראָרדנונג ארויסגעגעבן דער בורמיסטש מיט די קריסטלעכע ראטמענער אויף זייער אייגענעם איינזען, ווייל די דייטשע פאראָרדנונג איז נאָר געווען וועגן רעקווירירן ראדיאָס.

ס'האָט זיך געגרינדעט א קאָמענדאַטור, וועלכע האָט אָנגעהויבן איינפירן די דייטשע „אָרדנונג". די קאָמענדאַטור האָט זיך געוואָנדן צום מאַגיסטראַט, אַז זי זאָל איר צושטעלן א גענויע רשימה פון די יידן, וועלכע געפונען זיך אין שטשעקאָטשין.

א טייל פון די יידן, האָט די קאָמענדאַטור צעשיקט אין די אַרומיקע שטעטלעך: וולאָשטשאָווע, זשאַרנאָוויצע, יענדזשעוו און אַנדערע, ווייל ס'האָט אויסגעפעלט דירות פאַר אַלע איינוווינער. אין יענעם מאָנאַט האָבן זיך געפונען אין שטשעקאָטשין בערך 1500 יידן. ס'האָט זיך געגרינדעט א יודענראַט, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן זיינע באַראַטונגען אין שטוב פון שמואל רושין.

מיר האָבן געוווינט ביים פּאַטערס קוזין הערשל זעלמאַן.

בכלל, האָט מערוויינינק שוין אָנגעהויבן דאָס לעבן צו פונקציאָנירן א לעבן אינעם באַגריף פון די מלחמה באַדינגונגען אונטערן נאַציסן רעזשים.

ראש־השנה און יום־כיפור האָבן מיר געדאַווענט אין דער מיל פון הערשל דרעזנער. די בעקעריי פון משה וואָלף איצקאָוויטש, איז צוריק רעסטאַווירט געוואָרן און האָט אָנגעהויבן באַקן ברויט. יידן האָבן שוין אָנגעהויבן זוכן פאַרשידענע מקורות פון פרנסה. אזוי האָבן מיר זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צום „נייעם" לעבן. און ווי זאָגט דאָס שפריכוואָרט: „אַז מען געוויינט זיך מיט די צרות, לעבט מען מיט זיי אין פריידן". מען איז שוין געווען אפילו צופרידן, אַז דער יודענראַט האָט יעדן טאָג געמוזט צושטעלן 100 יידן צו פאַרשידענע אַרבעטן.

דאָס דאָזיקע „גליק" האָט אָנגעהאַלטן בס"ה איין חדש. אָבער שפּעטער איז אָנגעקומען פון אויבערשלעזיען א פאָלקס־דויטש, וועלכער איז ביי יידן אין דער האַלק־בראַנזשע באַקאַנט געווען מיטן נאָמען יאָהאַן פרוטא ימ"ש. און מיט זיין אָנקומען אין שטאָט, האָט זיך אָנגעהויבן דער אמתער חורבן פון די שטשעקאָטשינער יידן.

ער איז גלייך נאָמינירט געוואָרן אַלס בירגערמייסטער און באַלד ביים איבערנעמען זיין אַמט, האָט ער רעקווירירט די מילן און דעם טאַרטאַק פון הערשל דרעזנער, און דעם טאַרטאַק פון משה וואָלף גאָלדשמיד (משה וואָלף גאָלדשמיד איז געשטאָרבן אין דריטן טאָג פון דעם מלחמה אויסברוך).

חיים דוד דרעזנער האָט גלייך געמוזט פאַרלאָזן די מיל. די צוויי איידעמס פון משה וואָלף גאָלדשמיד מוזן פאַרלאָזן דעם טאַרטאַק.

מיטן איבערנעמען דורך פרוטאָן די מאַכט, האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן צרות איינע גרעסערע ווי די אַנדערע.



אויף א זומער קאָלאָניע

ער האָט ארויסגעגעבן א פאראָרדנונג, מען זאָל צענעמען די מויערן, וועלכע זיינען פארבליבן פון די יידישע הייזער. ער האָט געצווינגען דעם יודענראט צוצושטעלן יעדן טאָג 200 מענטשן צו דער ארבעט. דערביי, איז זיין שוואָגער געוואָרן דער אויפזעער. שלאָגענדיק מכות רצח יעדן, אויף וועלכן ער'האָט געוואָרפן א בייז אויג.

די ארבעט איז געווען זער א שווערע און ווען מען האָט זי פארענדיקט, האָט מען אונז אויסגעשטעלט אין א ריי און געהייסן זינגען און טאנצן. מ'פלעגט מיט א סאדיסטישער הנאה הייסן די אויסגעמאטערטע יידן, גייען אויף די הענט. קריסטן האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם ווילדן ספעקטאקל און הויך אויסגעדריקט זייער באגייסטערונג.

אָפפארטענדיק זיך מיטן ליקווידירן די רעשטלעך פון די יידישע הייזער, האָט מען זיך גענומען צו דער היסטאָרישער שול. דאָס איז אגב געווען א זער שווערע ארבעט. מען האָט געדארפט אראָפוואָרפן דעם גאנצן דאך, וועלכער איז געווען געבויט פון ציגל. און ביים אונטערגראָבן די פיר פילארן, האָט זיך דער בורמיסטזש פלוצים באזינען, אז ס'איז א שאָד אזא פעסטע שול צו צעלייגן און ער האָט באפוילן די צעשטערונגס־ארבעט איבערצורייסן. ווייזט אויס, אז ס'האָט א ריר געטאָן זיין געוויסן, ווייל ער האָט באפוילן צוריקצובויען אן אנדערן דאך. אזוי ארום איז די שול געבליבן גאנץ און איז פארוואנדלט געוואָרן אין א שפייכלער פון תבואה, וועלכע געפינט זיך ביזן היינטיקן טאָג אלס

איבערבלייבעכץ פון אמאליקן יידישן שטאָלץ אין שטשעקאָטשין. דער אלטער בית־החיים, איז אין גאנצן ליקווידירט געוואָרן און פאַרוואַנדלט געוואָרין אין א האָלץ־פּלאַץ.

אויך די מאַטעריעלע לאַגע פון די יידן איז געוואָרן וואָס אמאָל שווערער. א טייל האָבן אָנגעהויבן ריזיקירן, פאָרן קיין טשענסטעכאָוו, ברענגען פאַרשידענע לעבענס־מיטל און פון דעם זיך מפרנס געווען. אָבער אז פלוטא, האָט זיך דערפון דערוויסט, האָט ער זיך אויפגעהויבן פאַרטאָגס, אינטערגעכאַפּט די יידן, שטאַרק געשלאָגן און צוגענומען ביי זיי די סחורה. דאַן איז אנשטאַנען אין שטאָט אַגעוואַלדיקער הונגער און איך רעזולטאַט האָבן זיך אָנגעהויבן ארומרייסע־נישן צווישן די יידן גופא. א טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן פאַרצוואָרפן דעם יודענראַט, אז ער אינטערעסירט זיך נישט מיט זייער לאַגע. פאַרן דייטשן אָקופּאַנט איז דאָס געווען גראַד אויף דער האַנט. מ׳האָט געוואָלט אז די יידן זאָלן זיך ארומרייסן איינער מיטן צווייטן בכדי צו פאַרגעסן א ביסל אין זייער נידערלאַגע.

ביי חיים יוסף שוואַרצבוים אין דער גאַרבעריי, איז געשאַפן געוואָרן א קוך, וועלכע האָט ארויסגעגעבן יעדן טאָג 800 מיטאָגן. טרויעריק איז געווען צו זען דאָס בילד ווי געוועזענע שטשעקאָטשינער גבירים און אנדערע יידן זיינען געגאַנגען יעדן טאָג מיט טעפּל, געשטעלט זיך אין דער רייע, בכדי צו באַקומען א ביסל זופּ.

אָבער אויך דאָס נעבעכדיקע „לעבן״ האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. יעדן טאָג, זיינען אויסגעוואַקסן נייע גזירות, וואָס זייער ציל איז געווען צו פאַרביטערן דאָס לעבן פון די יידישע באַפעלקערונג. דער בורמיסטזש פון איין זייט און די זשאַנדאַרמעריע פון די אנדערע זייט האָבן זיך באַמיט, וואָס מער צו פאַרשאַפן פּיין און ליידן. ס׳האָט אויסגעקוקט, ווי זיי וואָלטן געפירט א קאַמף צווישן זיך, ווער ס׳שטייגט איבער אין רשעות, ווער ס׳קען זיך מער איזדעקעווען איבער דער שוצלאָזער יידישער באַפעלקערונג. דערווייל איז די לאַגע געוואָרן, וואָס אמאָל אומדערטרעגלעכער. צוליב נויט זיינען געשטאָרבן לייבל גאָלדבערג און ישראל פּראַמער. די וווינונגספראַגע, איז אויך געוואָרן וואָס אמאָל אלץ שאַרפער. אין א קליין צימערל האָבן געוווינט צו עטלעכע פאַמיליעס.

בכדי צו דערהאַלטן דאָס „בידנע״ לעבן, האָבן יידן פאַרקויפט פון זיך דאָס לעצטע, אָבער דער הונגער פּראָבלעם, האָט זיך געשטעלט אין דער גאַנצער גרויזאַמקייט. מענטשן זיינען געפאַלן אין די גאַסן פאַר הונגער.

סוף 1939 איז ארויס א געזעץ: יידן מוזן טראָגן ווייסע שאַנד־בענדער

באצירט מיט א מגן־דוד, ווי אויך, אז אין יעדן יידישן פענסטער מוז העגגן א מגן־דוד.

דערווייל האט אינטערגערוקט דער ווינטער מיט דער גאנצער גרויזאמקייט. ס׳האבן זיך אנגעהויבן גרויסע רעגענס באגלייט מיט שטארקע שטורם־ווינטן, וועלכע האבן איינגעלייגט דאס הויז פון דער פאמיליע קאנאל און פארשיט די מוטער. על פי נס זיינען די קינדער געבליבן לעבן.

נישט קענענדיק איבערווינדן די נאטור שוועריקייטן, איז ארויס די גזירה וועגן געטא. אויך אויף דעם געביט איז סטשעקעטשין געווען כמעט די ערשטע שטאט ווו די פאראָרדנונג איז גלייך אריין אין קראפט. בעת די דערנעבענדיקע שטעטלעך, ווי זשארנאווצע, וואלבראם, לעלאוו, וואשטשאווע, האבן נאך נישט געוויסט פון דעם טעם, האט שוין דער סטשעקאטשינער בורמיסטוש איינגעפירט דעם געטא, וועלכער האט זיך געפונען אויף דער קראקאווער, לעלאווער און אין דעם רבנ׳ס געסל.

במשך איין טאג, האבן אלע יידן געמוזט פארלאזן זייערע וווין־ערטער און אריבערפעקלען זיך אין געטא. די קריסטלעכע באַפעלקערונג, וועלכע האט געוווינט אין די גאסן אין וועלכע דער געטא האט געזאלט זיין, זיינען נישט געווען מחויב צו פארלאזן זייערע וווינונגען. נו, קען מען זיך ממילא פארשטעלן, ווי די לאגע האט אויסגעקוקט?

ביינאנד מיט דער פאראָרדנונג, איז ארויס דאס געזעץ, אז די יידן טארן נישט פארלאזן דאס געטא אן א ספעציעלע דערלויבעניש, אונטער דער דרויאונג פון טויט־שטראף. צו דעם צוועק איז געשאפן געווארן א ספעציעלע יידישע פאליציי, וועמענס אויפגאבע ס׳איז געווען אפצוהיטן, אז די פאראָרדנונגען זאלן ווי געהעריק אויסגעפירט ווערן.

מיטן אנשליסן הערמעטיש דאס געטא האבן זיך אנגעהויבן פונדאסניי פארשידענע צרות. יידן, האבן נישט קוקענדיק אויף דער דרויענדער געפאר, ריזיקירט ממש מיטן לעבן בכדי אויפצחוכן עפעס עסנאון נישט שטארבן פאר הונגער. געווען טאקע פאלן ווען די פרנסה זוכער האבן זיך שוין מער נישט אומגעקערט אין געטא, ווייל אויפן וועג זיינען זיי דערשאסן געווארן, אדער דורך די דייטשן, אדער דורך באקאנטע פויערים.

אזא פאל האט פאסירט מיט לייזער קושעשאווער און פרוי הי״ד: זיי זיינען ארויס אין דעם נעבנדיקן דארף גאלענאוו בכדי צו ברענגען עטלעכע עופות. די פויערים פונעם דארף האבן תיכף מודיע געווען דער דייטשער זשאנדארמעריע, וועלכע האט זיי ביידע אויפן וועג צוריקגייענדיק קיין סטשעקאטשין דערשאסן.

א צווייטער טראגישער פאל האָט פאסירט מיטן זון פון יוסף פעפע (פון די אלערניע). א געסטאפּאָוויץ האָט אים באַגעגנט אויפן וועג קיין טענגע־באַרוש. דערזעענדיק אים, איז ער אנטלאָפן און אריין אין א קלאָזעט. דער געסטאפּאָוויעץ האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט, נאָכגעלאָפן אים און אריינגע־שאָסן אינעם קלאָזעט, און דאָרטן, אין דער שטינקענדער צואה האָט ער אויסגע־הויכט זיין נשמה. דאָס איז אָבער פאר די דייטשן געווען גאָך ווינציק. זיי זיינען געקומען צו זיין פאָטער אין שטוב און אויך דעם פאָטער געוואָלט דערשיסן. אָבער על פי נס, איז ער דאָסמאָל אנטרינען געוואָרן.

אויף אַן ענלעכן אויפן זיינען דערשאָסן געוואָרן די צוויי קצבים אברהם שודמאַק און שמואל רושינס אַן איינקל. מען האָט זיי הרשד געווען אין שעכטן אומלעגאַל. מען האָט זיי ארעסטירט און געהאַלטן צוויי וואָכן אין תפיסה. נאָכן אָפּזיצן צוויי וואָכן אין די ערגסטע אוממענטשלעכע באַדינגונגען, האָט מען זיי ארויסגעפירט אויף דער לעלאווער גאַס צו דערשיסן. דער געסטאפּאָוויעץ, האָט זיי געהייסן אריינגיין אין א צוגעגרייטן גרוב און דאָרטן זיי דערשאָסן.

בכלל האָט די דערמאָרדונג פון יידן אָנגענומען א מאַסן־כאַראַקטער. נישט געווען קיין טאָג אין וועלכן ס'זאָלן נישט דערשאָסן ווערן קיין יידן. אפילו די, וועלכע זיינען ארויס פונעם געטאָ מיט א דערלויבעניש זיינען אויך נישט געשוינט געוואָרן.

די צוויי יוגנטלעכע יעקב מיאַדאָווע און קלמן מאַנגל הי"ד, זיינען דורך דעם יודענראַט געשיקט געוואָרן קיין ייענדזשעוו צו דערליידיקן אַן ענין לטובת דעם יודענראַט. זיי האָבן באַקומען דערלויבענישן פון דער זשאַנדאַרמעריע, אַז זיי מעגן פאַרלאָזן דאָס געטאָ. אויפן וועג אָבער, האָט זיי געטראָפן א געסטאַ־פּאָוויעץ, וועלכער האָט זיי דערשאָסן, און דאָרטן האָט מען זיי קובר געווען.

אין יוני 1940 איז דער פּרעזעס פונעם יודענראַט, משה יעקב פּייוויש, קראַנק געוואָרן פון צרות און געשטאָרבן. די לאַגע איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. אויך די אַרבעט איז געוואָרן שווערער. מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן ביי שטיינהאַקעריי.

אָבער פּלוצים איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין אונזער לעבן. איך געדענק דאָס, ווי ס'וואָלט פאָרגעקומען ערשט נעכטן: דעם 5־טן יוני 1942 האָב איך צוזאַמען מיט נאָך 50 שטשעקאָטשינער יידן געאַרבעט אין פּראַדלע ביים ברוקירן א שאָסיי. ווי ס'איז פּלוצים אָנגעקומען זשאַנדאַרמעריע פון סקאַרזשיסקאָ־קאַמינאַ און אַלע 50 מאַן אַוועקגעפירט קיין סקאַרזשיסק אין א פאַבריק פון אַמוניציע. אָנקומענדיק קיין סקאַרזשיסק, האָט מען אונז צעטיילט אין צוויי גרופּן,

און א גרופע פון 25 מאן, האָט מען אוועקגעשיקט אויף א צווייטן ארבעטס פּלאַץ, און מיר האָבן זיך שוין ניטט מער געזען.

אין סקאַרזשיסק האָט זיך אָנגעהויבן א נייער קאַפּיטאַל, מיט נייע צרות. אין די ערשטע וואָכן איז נאָך געווען אויסצוהאלטן. עס איז נאָך געווען די צייט פון פאַר די אויסזידלונגען. מיין פאָטער הערשל זילבערשטיין הי״ד, אלס מיטגליד פונעם יודענראט, איז געלונגען צו באַקומען פּשעפּוסטקעס און זער אָפט פלעגט ער אונז באַזוכן און מיטברענגען אויך עסן פאַר אלעמען.

די דאָזיקע אידיליע האָט אָנגעהאלטן ביזן 1.9.1942, ביז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אין פּוילן די אויסזידלונגען. אויך אין שטשעקאָטשין איז פאָרגעקומען די ערשטע אויסזידלונג קיין טרעבלינקע. און זייט דאַמאָלס, האָב איך פארלוירן דעם קאָנטאַקט מיט שטשעקאָטשין.



הערשל זילבערשטיין הי״ד
דער פאָטער פונעם מחבר

דער מצב אין ארבעטס־לאַגער איז געוואָרן וואָס א טאָג ערגער. מיר האָבן באַקומען 25 דעקא ברויט א טאָג און 2 וואַסערדיקע זופּן און דערפאַר האָבן מיר געמוזט ארבעטן 12—14 שעה אין מעת לעת. יעדן טאָג, האָט מען אָנגעהויבן ברענגען אין לאַגער פאַרשידענע מענטשן, צווישן וועלכע ס׳איז פאָרגעקומען אָפטע סעלעקציעס, און די, וועלכע האָבן אויסגעקוקט שלעכט זיינען אוועקגעשיקט געוואָרן אין ווערק „צע״ וואָס האָט באַדייט א זיכערער טויט.

מען האָט שוין געוויסט, אז אין דעם טאָג ווען ס׳קומט פאָר אן אפּעל, קומט גלייכצייטיק פאַר א סעלעקציע, און דעמאָלט האָט זיך יעדער באַמיט ער

זאָל אויסזען שיין, גלאַט ראַזירט, בכדי ער זאָל נישט זיין קיין קאַנדידאַט צום ווערק „צע״.

דאָס, האָט אָבער ווינציק וואָס געהאָלפן, ווייל יעדן חודש, האָט דער לאַגער עלסטער געמוזט צושטעלן 300 מאַן צום דערמאָרדן. ס׳איז שוין מער נישט געווען קיין יידן אויסצוזיידלען. האָט מען געמוזט דעקן דעם קאָנטינגענט מיט די נאָך קוים זשיפּענדע יידן פונעם אַרבעטס־לאַגער. האָט מען זיך אין דער ערשטער רייע גענומען צום שפּיטאָל, און אַז ס׳האָט אויסגעפעלט, האָט מען דאָס דערגענצט מיט די אַרבעטס־מענטשן.

אין יאַנואַר 1943 איז ווידער פאָרגעקומען אַן ענדערונג צום גוטן. פון לאַגער, פון ראַדאָמסק איז געשיקט געוואָרן 300 מענטשן קיין סקאַרזשיסק. צווישן די 300 זיינען געווען בערך 50 שטשעקאָטשינער. דאַרינטער מיין פאָטער הערשל, מיינע ברודער וואָלף און דוד און אויך ישראל לענטשנער. דורך דער איניציאַטיוו פון ישראל לענטשנער איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט אין לאַגער, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו העלפן די שטשעקאָטשינער פונעם לאַגער. יעדער איינער האָט עפּעס געגעבן בכדי צו דערהאַלטן ביים לעבן די, וועלכע, האָבן זיך גענויטיקט אין דעם.

פון יענער תקופה געדענקט איך פאָלגענדן פאַל: אַברהם פּראַמער (ער הינקט אויף אַ פוס) איז אויך געוואָרן אַהער געשיקט פון ראַדאָמסק קיין סקאַרזשיסק. פלוצים איז ער קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. אַלע זיינען געווען זיכער, אַז ער וועט שוין נישט אַרויס פון שפּיטאָל. ער האָט אָבער געהאַט גרויס מזל: ער האָט שלעכט אויסגעזען, אַ „מוזולמענער״ און געווען קאַנדידאַט צום דערשיסן. ווען מען איז אים אָבער געקומען נעמען, האָט ער זיך באַהאַלטן אין די באַראַקן צווישן די פּריטשעס און אַזוי אַרום איז ער אָפּגעראַטעוועט געוואָרן (ער לעבט, און געפונט זיך היינט אין אַמעריקע).

דאָס לעבן אין לאַגער איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. די סאָוויעטן האָבן זיך גערוקט פאָראויס, און וואָס מער ס׳האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון דער היטלעריסטישער מפּלה, אַלץ מער האָבן זיי זיך באַמיט צו איזדעקעווען זיך איבער דעם רעשטל פאַרבליבענע יידן, מורא האָבנדיק, אַז ס׳זאָל נישט בלייבן קיין עדות פון זייער בעסטיאַלישע פאַרברעכנס. ס׳איז אָנגעקומען דער זומער 1944. דאָס רוסישע מיליטער איז שוין געשטאַנען אינטער וואַרשע. מיר האָבן שוין געלעבט מיט דער האָפנונג באַפרייט צו ווערן, אָבער דערווייל זיינען די לעבנס־באַדינגונגען אין לאַגער ערגער געוואָרן. מיר האָבן כמעט נישט באַקומען צו עסן. מענטשן זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט און געשטאָרבן פון הונגער אין מיטן דער אַרבעט.

אין יוני 1944 איז געקומען א באפעל צוצונעמען די געווער־פאבריקן און זיי איבערפירן קיין טשענסטאכאוו. דער באפעל איז געקומען אומדערווארטעט. אויף דער שנעל האט מען געמוזט אלצדינג צעשרויפן און פארלאדנען.

דעם 1־טן יולי 1944, האט מען א העלפט מענטשן פונעם לאגער איבער־געפירט קיין טשענסטאכאוו און די אנדערע העלפט קיין בוכענוואלד. אויך איך בין געווען צווישן די, וועלכע מען האט אפגעשיקט קיין בוכענוואלד.

מען האט אונז געפירט דריי וואכן כמעט אן און עסן. אריינקומענדיק קיין בוכענוואלד, האבן מיר געהאט דעם איינדרוק אז מען גיין אונז פארברענען. מען האט אונז גלייך אריינגעפירט אין באד אריין, אזוי ווי אין טרעבלינקע, אבער ב.צ.ד. מיר זיינען אנגעקומען בלויז מיט שרעק. מיר זיינען ארויס לעבעדיקע.

אין בוכענוואלד האבן זיך געפונען אלע נאציעס. יעדער האט באקומען א נומער. מיר האבן באקומען דעם צייכן (פאלאק). מען האט אונז באהאנדעלט ווי פליכטלינגע, נישט אזוי ווי אין די לאגערס. מיר האבן באקומען בעסער צו עסן, אויך די ארבעט איז ניט געווען אזוי שווער. ביסלעכווייז זיינען מיר צוריקגעקומען צו די כוחות.

איינמאל, האט מען מיט אונז געמאכט אן אפעל און דער שטובן־עלטסטער האט אונז געפרעגט ווער ס'האט אונז שלעכט באהאנדעלט אין סקארזשיסק. לכתחילה האבן מיר מורא געהאט צו זאגן, אבער ווען די פראגע איז עטלעכע מאל איבערגעפרעגט געווארן, זיינען מיר שוין א ביסל דרייסטער געווארן און אנגעוויזן אויף די קאפאס פון סקארזשיסקער לאגער, וועלכע האבן אונז בלוטיק געשלאגן פאר יעדע קלייניקייט.

דער באראקן־עלטסטער האט געהייסן די קאפאס ארויסגיין, ווענדענדיק זיך צו אונז זאגענדיק: טוט מיט זיי וואס איר ווילט, איר קענט זיי אפילו צעטרעטן מיט די פיס. מיר האבן טאקע אזוי געטאן און מיט די פיס זיי צעטרעטן ביזן טויט.

דאס איז געווען די ערשטע נקמה אונזערע, אבער די באפרייאונג האבן מיר נאך אלץ נישט דערלעבט. נאכן פארברענגען דריי וואכן אין בוכענוואלד האט מען אונז געשיקט ווייטער אין א וואלד אריין 70 קלמ. פון לייפציק. דא האבן זיך ווידער אנגעהויבן ביטערע טעג פאר אונז. במשך איין חודש האבן מיר געמוזט אויפשטעלן א גאנצע פאבריק, וועלכע האט אויסגעארבעט א נייע וואפע קעגן טאנקן־געווער. עסן האט מען נישט געגעבן. די איינציקע טרייסט איז אבער געווען, וואס מען האט נישט געשאסן קיין מענטשן. היות אבער, ס'איז נישט געווען צו עסן זיינען מענטשן מאסנווייז געשטארבן פאר הונגער.

אין צווישן צייט האט די רוסישע ארמיי בעהאט שוין פארנומען גאנץ פוילן.

זיי זיינען שוין צוגעקומען ביז קיסטרין, א 100 קלמ. פון אונז. מיר זיינען געווען איבערצייגט, אז די רויטע ארמיי וועט אונז באפרייען. אבער ליידער, די ארבעט איז געוואָרן אלץ שווערער און שווערער. מען האָט געארבעט ביי טאָג און ביי נאכט. איך מיט מיינע צוויי ברודער וואלף און דוד האָבן געארבעט אין דער נאכט־שיכטע. און איינמאָל ארום 1 אזייגער ביינאכט האָבן מיר פלוצים דערהערט א שטארקן אויפרייס און די גאנצע פאבריקס־אָפטיילונג ווו מיר האָבן געארבעט איז פארשיט געוואָרן.

מיט גרויס שוועריקייטן בין איך ארויס פונעם אָרט און מיט די לעצטע כוחות געלאָפן טיפער אין וואלד און אָפרו. אפלויפענדיק אזוי בערך 1 קילאָמעטער בין איך פלוצים פארטויבט געוואָרן פון א געוואלדיקן אויפרייס. דער קנאל פונעם אויפרייס קלינגט נאָך יעצט אין מיינע אויערן, און כ׳וועל אים קיינמאָל נישט פארגעסן. אן אָפטיילונג פון דער אמוניציע פאבריק האָט אויפגעריסן. די באָמבע, וואָס די אמעריקאנער עראָפלאנען האָבן געוואָרפן, האָט געטראָפן אין ציל. די טויזנטער אויסגעפארטיקטע דייטשע באָמבעס האָבן אָנגעהויבן ברענען און געשאָפן אזא פלאם פייער, אז ס׳האָט זיך געדוכט, אז די גאנצע וועלט איז אונטערגעצינדן געוואָרן און שטייט אין פלאמען.

איך בין געלאָפן ווי א משוגענער. דאָס בלוט האָט געריגען פון מיר, ווייל איך בין פארוואונדעט געוואָרן. אבער דאָס האָט מיך נישט אָפגעהאלטן פון לויפן ווייטער. פון דעם שרעקלעכן גהינום, ווו אויף יעדן מעטער האָט געדראָט דער טויט.

אזוי בין איך געלאָפן אז אָפרו ביז כ׳בין אָנגעקומען אין דער דייטשער שטאָט שליבען. מען האָט מיך דארטן פארהאלטן און איבערגעגעבן צו א דאָקטאָר. ער האָט מיר באנדאזשירט די ווונדן און איבערגעלאָזט אין א באראק.

די באראקן האָבן זיך געפונען 3 קילאָמעטער פון דער פאבריק און דאָרטן האָב איך שוין געטראָפן מיינע צוויי ברודער, וועלכע האָבן מיך שוין געהאָט באוויינט, זייענדיק זיכער, אז כ׳בין אומגעקומען אונטער די חורבות.

אינעם רעזולטאט פונעם אויפרייס זיינען אומגעקומען די אלע 60 יידן, וואָס האָבן דארטן געארבעט. זיי זיינען אלע פארברענט געוואָרן, אז ס׳איז פון זיי קיין זכר געבליבן. צווישן זיי האָבן זיך געפונען עטלעכע לעלעווער יידן און אויך א שטשעקאָטשינער, אברהם לענטשנער. זיין פאָטער איז געווען א קצב.

דערווייל איז די לאגע אונזערע געוואָרן זער טראגיש. ס׳זיינען אָנגעקומען שטורם־אָפטיילונגען, וועלכע האָבן אונז געטריבן אָפצורוימען די חורבות. מען

האָט געיאָגט פון אונז די קישקעס. און במשך צוויי וואָכן איז אויפגעשטעלט געוואָרן א פרישע פאבריק.

מיר האָבן ווייטער געאַרבעט אין די אוממענטשלעכסטע באדינגונגען, הגם די רוסן זיינען אלץ נעענטער געגאנגען פאראויס. דעם 15/3 האָט מען אויפגעלאָדנס צו 100 יידן אין א וואגאָן און געשיקט קיין סטעכן. דורך דעם גאנצן וועג האָבן מיר באקומען צו עסן נאָר צוויי קארטאָפל. נאָך איין חודש פאָרן אין די באדינגונגען זיינען מיר אָנגעקומען קיין טערעזיענשטאָט. די דאָזיקע נסיעה וועט לאנג בלייבן איינגעקריצט אינעם זכרון. איבער 1000 מענטשן זיינען געשטאָרבן פון הונגער אין דער רייזע. יעדן 2־טן טאָג, האָט זיך די באַן געשטעלט און מען האָט ארויסגענומען די טויטע, געלאָזט זיי ליגן אין מיטן פעלד. אלס פאשע פאר רויב פויגל און ווייטער געפאָרן בכדי צומאָרגענס ווידער ארויסוואַרפן די טויטע גופים, וועלכע זיינען אומגעקומען פון הונגער.

אָנקומענדיק קיין טערעזיענשטאָט, האָבן אונז יידן אָפּגעוואַרט מיט ברויט, אריינגעזעצט אין אונז נייע נשמות, ווייל וואָלט נאָך די נסיעה געווען געדויערט עטלעכע טעג, וואָלט קיינער נישט געבליבן לעבן.

מען האָט אונז אריינגעזעצט אין באראקן און ביסלעכווייז, האָבן מיר צוריקבאקומען א מענטשלעכן אויסזען. די ערשטע 7 טעג זיינען מיר נישט ארויסגעגאנגען פון די באראקן און מיר האָבן בכלל נישט געוווסט וואָס ס׳וועט זיין אונזער גורל. אין טערעזיענשטאָט האָבן זיך דעמאָלט געפונען טויזנטער אויסלענדער פון דער גאנצער וועלט. די גאנצע שטאָט וועלכע איז אמאָל געווען א צארישע פעסטונג, איז געווען מינירט און יעדע שעה זיינען געבראַכט געוואָרן הונדערטער מענטשן פון פארשידענע לאגערס. מיר האָבן געגלויבט, אז ס׳וועט אונז געלונגען איבערצוהאלטן ביז נאָך דער באפרייאונג. דערווייל האָבן זיך פארשפרייט קלאנגען, אז די דייטשן האָבן באשלאָסן די שטאָט אויפצורייסן, אָבער עס איז ממש געשען א נס אין דער לעצטער מינוט, וואָס דעם שוועדישן גראף בערנאַרדאָט איז געלונגען אויסצופועלן ביי די דייטשן, אז טערעזיענשטאָט זאָל איבערגעגעבן ווערן דורך דעם רויטן־קרייץ.

אזוי האָט טאַקע פאסירט: אויף יעדן דאך פון הויז איז געמאַכט געוואָרן א ווייס־רויטער קרייץ און אין די לעצטע מינוטן ממש פאר דער באפרייאונג איז די שטאָט ניצל געוואָרן פון באָמבארדירונג. אזוי ארום זיינען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן טויזנטער יידן.

דעם 15־טן מאַי, זיינען מיר דורך דער רויטער ארמיי באפרייט געוואָרן. אָבער די באפרייאונג ליידער האָט אויך געקאָסט טויזנטער קרבנות. מענטשן

האָבן זיך צוגעכאַפּט צום עסן. די אויסגעדאַרטע קישקעס האָבן דאָס נישט געקענט פאַרטראָגן און געבראַכט אויף זיי דעם טויט.

אויך מיין 19־יאָריקער ברודער דוד הי״ד איז געווען צווישן די קרבנות פון נאָך דער באַפרייאונג. די טויטע זיינען פאַרברענט געוואָרן. דאָס אַש פון מיין ברודער האָב איך פאַרפּאַקט אין א קעסטל און געבראַכט עס קיין סאָסנאָוויץ. אין דעם 15־טן אויגוסט 1945 האָב איך צוזאַמען מיט מיין ברודער וואָלף, (געפינט זיך ביים היינטיקן טאָג אין דייטשלאַנד) דאָס קעסטל אַש קובר געווען אויפן סאָסנאָווצער יידישן בית־עולם.

שרייבענדיק די שורות ווילט זיך נישט גלייבן, אז איך האָב דאָס אַלעס איבערגעלעבט. ווייל ליידער זיינען א סך אומגעקומען נאָך דער באַפרייאונג, דאַרונטער אויך די שטשעקאָטשינער: ישראל לענטשנער, יידל באַרנשטיין און אַנדערע.

שוין 17 יאָר ווי די טראַגעדיע האָט פּאַסירט, אָבער די גרויל בילדער שטייגן אויף פאַר מיינע אויגן. ווי לאַנג כ׳וועל לעבן וועלן זיי שוועבן ווי א שרעקלעך געשפּענסט פון אוממענטשלעכע ליידן, וועלכע ס׳האָבן אדורכגעמאַכט די פּוילישע יידן און דאַרינטער די יידן פון שטשעקאָטשין. זאָל זייער אָנדענק זיין הייליק!



שמעון מיאַדאָווע

י. בן־אברהם

# קובר געוועזן די ביינער צום צווייטן מאל

הגם 17 יאר טיילט אונז אָפּ פון דער טראַגעדיע פון שטשעקאָטשינער ייִדנטום און ס'קען זיך דוכטן, אַז אַלצדינג וואָס האָט דאַמאָלס פּאַסירט איז שוין באַקאַנט געוואָרן דורך דעם וואָס ס'ווערט דאָ פאַרעפנטלעכט. די אַלע מעשׂים תּעתּועים זיינען שוין אונצייליקע מאָל איבערגעחזרט געוואָרן. ווייזט זיך אָבער אַרויס, דאָס די טראַגעדיע איז אַזוי טיף, אַז וויפיל מאָל מען זאָל זיך וועגן איר נישט דערמאָנען, וויפיל מאָל מען זאָל נאָר פּרובירן צוצוטראָטן צו דעם, שווימען אַלץ אַרויף נייע גרוילעכע פאַקטן, וועלכע מאַכן פאַרגליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן.

האָט זיך געלעבט אין שטשעקאָטשין א שניידער דוד מיאַדאָווע הי״ד. געווען אַן עסקן אין דער האַנדווערקער אָרגאַניזאַציע. ביי די לעצטע שטאָט־ראַט וואַלן איז ער געוואָרן אויסגעוויילט אַלס ראַטמאַן. בעת מיר האָבן פאַרלאָזט שטשעקאָטשין אינעם וואַנדער וועג קיין ראָסן־פאַרבאַנד, האָט ער מיטגעשיקט זיינע א 2־יאָריק מיידעלע. (זי איז אַגב געבליבן לעבן און געפינט זיך אין ישׂראל, האָט אין א מזלדיקער שעה חתונה געהאַט און איז איצט אליין א מאַמע פון א 3־יעריק קינד).

צוזאַמען מיט זיין פרוי און נאָך א קינד איז ער פאַרבליבן אין שטאָט. די פרוי מיטן קינד זיינען אומגעקומען. ער אליין האָט געהאַט „מזל" און פאַרשטעלנדיק זיך פאַר א פּויער, איז אים געלונגען אויסצובאַהאַלטן זיך אין א דערנעבנדיקן דאָרף.

זייענדיק אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט איז ער געזעסן און געבייט (פאַרשטעלטערהייט) נישט וויסנדיק לגמרי וואָס ס'האָט פּאַסירט.

די שטשעקאָטשינער ייִדן זיינען שוין לאַנג געווען פאַרשיקט קיין טרעבּלינקע. אָבער דוד מיאַדאָווע איז זיך ווייטער געזעסן און געגייט פאַר דאָרפישע פּויערים דאָס, וואָס זיי האָבן נאָר געברויכט, וואַרטנדיק אויף דעם גליקלעכן.

מאָמענט דאָס ער וועט קענען אויסטאָן די פּרויען קליידונג צוריק פאַרוואַנדלט ווערן אין א „מאַן" — און אין א פרייען מענטש.

די מלחמה האָט זיך שוין פאַרענדיקט. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע אָפּגעראַטעוועטע. אָבער דוד מיאַדאָווע האָט פון גאָרנישט געוווּסט. פאַר אים, האָט די מלחמה נאָך אַלץ עקזיסטירט.

ס'איז אַנטשטאַנען דאָס נייע פּאָלקס־פּוילן. די איבערגעבליבענע, על פּי נס אָפּגעראַטעוועטע האָבן געזוכט און געניסטערט בכדי אויסצוגעפינען אימיצן פון



דוד מיאַדאָווע, פרוי און קינד הי״ד

זייערע משפחות. די וועלכע זיינען געבליבן לעבן, האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע אָפּגעפונען, אָבער פון דוד מיאַדאָווע הי״ד האָט קיינער נישט געוווּסט.

די פאַרבליבענע משפּחה האָט אים באַוויינט צוגלייך מיט די אַלע אומגעקומענע שטשעקאָטשינער יידן, נישט פאָרשטעלנדיק זיך, אַז ער זיצט אין דעם מאָמענט אַלס פרוי ערגעץ פאַרשטעקט אין א דערנעבנדיקן דאָרף און וואַרט אויף בעסערע צייטן.

ער האָט זיך אָבער ליידער נישט דערוואַרט. אין יאָר 1945 בעת די רעשטלאַך שטשעקאָטשינער יידן האָבן זיך געפונען אויף זייער צוגרייטונגס־וועג צו פאָרן

קיין ארץ־ישראל. און אין באפרייטן פוילן האָבן גראסירט די נ.ס.ז. באנדעס. האָט זיך אימיצער פון זיי דערוווסט וועגן דער עקזיסטענץ פונעם ייד דוד מיאדאווע און אים אויף א בעסטיאלישן אופן דערמאָרדעט.

אויב די דייטשע מערדער האָבן „פּאַרזען" א שטשעקאָטשינער ייד, האָבן די פּוילישע היטלעריסטן אים ליקווידירט.

די פּויערים האָבן אים באגראָבן ערגעץ ווו אין א זייטיק פעלד.

ס'האָט קיינער וועגן דעם נישט געוווסט. ניטאָ קיין איינציקער שטשעקאָטשינער ייד און אפילו אויך נישט די פּוילישע מיליץ.

מעגלעך, אז מען וואָלט זיך קיינמאָל נישט דערוווסט ,ווי אזוי און אויף וואָס פאַר אן אופן ס'איז אומגעקומען דער לעצטער שטשעקאָטשינער יידן ווען נישט דער פאָלגענדער פאַל:

די נ.ס.ז. איז צוביסלעך ליקווידירט געוואָרן. אירע מיטגלידער האָבן זיך איינגעאָרדנט אין נייעם דעמאָקראטישן פּוילין, געוואָרן „נייע" בירגער, אנגענומען די פאָלקס־דעמאָקראטישע „תורה" און אָנגעהויבן זייער לעבן פון דאָסניי.

בכרי אָבער צו זיין זיכער מיט דער אייגענער הויט, האָבן א טייל פון די געוועזענע נ.ס.ז. מערדער באשלאָסן צו פאַרלאָזן זייער טעטיקייטס געביט, דעם קעלצער ראיאָן און באזעצן זיך ערגעץ אנדערשוואו. אייניקע פון זיי, האָבן אויסגעקליבן אלס זייער ניי וווין ארט די שטאָט קאַטאָוויץ.

געלט האָבן זיי מסתמא געהאט גענוג (יידיש געלט!) און איינער פון אָט די „העלדן" האָט זיך אויפגעעפנט אין קאַטאָוויץ א רעסטאָראַן.

דאָס געשעפט איז אוועק גוט. דער אייגענטומער האָט געלעבט אויף וואָס די וועלט שטייט.

אין צווישנצייט, האָט ער זיך פאַרליבט אין א שיקסע, וועלכע איז אבער געווען א ליבאָהבערין פון זיינעם א חבר, אויך א מיטבאטייליקטער אינעם מאָרד איבער דוד מיאדאווע.

די געוועזענע חברים האָבן זיך צעקריגט און אלס נקמה דערפאַר ווייל יענער, האָט ביי אים צוגענומען די געליבטע, האָט ער דערציילט פאַר דער או. בע. דעם פאַל מיט מיאדעווען.

נאַטירלעך איז דער „העלד" געוואָרן ארעסטירט און נאָך 10 יאָר, איז דאָס פאַרברעכן אנטדעקט געוואָרן.

אויסן פּראָצעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יאָר 1956, איז אויך געווען אנוועזנד דער שטשעקאָטשינער ייד, ה' יצחק זילבערשטיין, וועלכער

איז אגב צוזאמען מיט זיין פאמיליע געקומען אין לאנד אריין אין יאָר 1958 (פון אים האָב איך אגב זיך דערוווסט די גאנצע טראגעדיע).

דאָס פוילישע געריכט, האָט באשלאָסן צו מאכן א לאָקאלע וויזיע. אויפן ארט פונעם פארברעכן, ווייל דער אנגעקלאגטער האָט אפגעלייקנט די גאנצע זאך. לאנג האָט געדויערט ביז די אָרטיקע פויערים, האָבן זיך געקענט דערמאנען ווו זיי האָבן קובר געווען דעם קדוש.

נאָך לאנגע זוכענישן האָט מען געפונען דאָס „קבר”. מען האָט דאָס אויפגעגראָבן און לויט דער פאראָרדנונג פונעם געריכט, זיינען די פארפוילטע ביינער נאָכאמאָל באגראָבן געוואָרן אויפן קריסטלעכן בית־הקברות פון דעם דערנעבנדיקן דאָרף.

כדאי צו באמערקן, אז דאָס געריכט האָט נישט ארויסגעגעבן קיין טויט־אורטייל, נאָר דעם מערדער פארמשפט אויף 15 יאָר תפיסה.

זאָל אויך דער פאקט פון טראגיש אומגעקומענעם קדוש דוד מיאדאווע הי״ד נישט פארגעסן ווערן פונעם זכרון פונעם שרייבער פון דער יידישרע מאַרטי־ראָלאָגישע געשיכטע, צו וועלכע שטשעקאטשין האָט ליידער א געהעריקן ביישטייער געגעבן.

זאָלן די פארבליבענע שטשעקאטשינער יידן אין מדינת ישראל און אין דער גארער וועלט געדענקן אויף אייביק, אונטער וועלכע באדינגונגען ס׳איז אומגעקומען דער לעצטער שטשעקאטשינער ייד. א פאָר חדשים שפעטער, ווען די מלחמה האָט זיך שוין געהאט פארענדיקט און די וועלט, איז שוין געווען באפרייט פון דער היטלעריסטישער פעסט.

# יזכור ד׳ קדושי קהלת שצ׳קוצ׳ין

## א

אפנהיים ישראל, ילד אחד
אפנהיים חנה
אורבך יוחנן, אשתו ושלושה ילדים
איינן עזרא, אשתו וחמישה ילדים
אייזנברג אברהם, אשתו ושני ילדים
אייזנברג טוביה, אשתו ושלושה ילדים
אייזנברג יעקב, אשתו ושני ילדים
אייזנברג שרה
אונגרזאן טוביה, אשתו ושני ילדים
איסקוב אלתר, אשתו
איסאקוב משה, אשתו ושני ילדים
איסאקוב צביקה, אשתו ושני ילדים
איסקוב מאטל, אשתו ושני ילדים
איסקוב יוסף, אשתו וארבעה ילדים
איסאקוב משה, אשתו ושני ילדים
איסאקוב דוד, אשתו וילד אחד
איסאקוב מאיר, אשתו ושלושה ילדים
איצקוביץ משה וואלף, אשתו ושלושה ילדים
איצקוביץ משה, אשתו וחמישה ילדים
איצקוביץ משה אהרן, אשתו וחמישה ילדים
איצקוביץ וואלף, אשתו ושלושה ילדים
אייזיקוביץ משה מאיר, אשתו וילד אחד
אייזיקוביץ אהרן וואלף, אשתו ושני ילדים
אייזיקוביץ מנדל, אשתו ושלושה ילדים
אלברט פייוול, אשתו ושלושה ילדים
אלברט פריידל
אלברט הלל, אשתו וילד אחד
אזשעך דוד, אשתו ושלושה ילדים
איזראלעוויטש ישראל, אשתו ותשעה ילדים
איזראלעוויטש יהושע, אשתו
איזראלעוויטש אברהם משה, אשתו וששה ילדים
איזראלעוויטש דוד, אשתו ושני ילדים
איזראלעוויטש פישל, אשתו ושני ילדים
אסטרייכר הרשל, אשתו
אסטרייכר שמואל לייב, אשתו ושני ילדים
אסטרייכר זכריה, אשתו וילד אחד
אסטרייכר עוזר, אשתו ושני ילדים
אסטרייכר ישראל, אשתו וילד אחד
אנגלרד בנימין, אשתו
אנגלרד ישראל, אשתו וארבעה ילדים
אנגלרד פנחס, אשתו
ארליך ישעיה, אשתו וחמישה ילדים
אורבך קלמן, אשתו ושני ילדים

## ב

בוזשיקובסקי שמעון, אשתו וחמישה ילדים
בוגומולני מנחם, אשתו ושני ילדים
בוגומולני ברוך, אשתו
בוגומולני שמואל יצחק, אשתו
בוגומולני יוכבד, בעלה ושני ילדים
בוגומולני דובה, בעלה ושלושה ילדים
בורנשטיין ישעיה, אשתו ושני ילדים
בורנשטיין משה, אשתו ושני ילדים
בורנשטיין ישראל, אשתו וילד אחד
בורנשטיין אנשל, אשתו וילד אחד
בורנשטיין מיכאל, אשתו ושלושה ילדים
בורנשטיין אביגדור, אשתו ושני ילדים

בורנשטיין יוסקה, אשתו ושני ילדים
בורנשטיין ראובן, אשתו ושני ילדים
בורנשטיין ישראל, אשתו
בורנשטיין יהודית
ברין ברכה, ילד אחד
ברין חיה
בלס אליעזר, אשתו וארבעה ילדים
בינשטוק אבא, שני ילדים
בינשטוק הינדה, ארבעה ילדים
בלגרין דוב, אשתו וילד אחד
בולויק יעקב, אשתו ושני ילדים

ג

גולדברג לייבל, אשתו
גולדברג יעקב, אשתו ושני ילדים
גולדברג שלמה, אשתו
גוסרמן חיים, אשתו ושלושה ילדים
גוטרמן יהודית, בעל וילד אחד
גוטרמן צבי מאיר, אשתו ושלושה ילדים
גוטרמן אברהם, אשתו ושלושה ילדים
גוסמן אלתר, אשתו ושלושה ילדים
גוסמן צבי, אשתו ושני ילדים
גינזברג יוסף נחמיה, אשתו ושני ילדים
גינזברג פישל, אשתו ושלושה ילדים
גינזברג רבקה, בעלה ושני ילדים
גליקסמן יהושע, אשתו ושני ילדים
גולדשמיד צבי דוד, אשתו ושלושה ילדים
גולדשמיד מנחם, אשתו ושני ילדים
גולדשמיד שרה
גולדשמיד מרדכי, אשתו ושלושה ילדים
גולדשמיד יוסה
גולדשמיד יעקב, אשתו וארבעה ילדים
גולדשמיד רחל, שני ילדים
גולדבליט חנינא, אשתו
גולדמן שמעון, אשתו ושני ילדים
גולדמן רייזל
גולדרינג יוסף, אשתו וארבעה ילדים

גולדרינגר אברהם, שלושה ילדים
גולדשטיין יצחק, אשתו ושלושה ילדים
גולדשטיין חנוך, אשתו ושלושה ילדים
גולדשטיין חיים, אשתו ושלושה ילדים
גוטליב לוי, אשתו ושלושה ילדים
גוטליב דוד, אשתו ושני ילדים
גוטליב אייזשע, אשתו ושלושה ילדים
גרויער משה, אשתו וילד אחד
גרויער יוסף, אשתו ושלושה ילדים
גרויער איסר, אשתו וחמישה ילדים
גרעבער מאיר, אשתו וילד אחד
גרייפנר שמואל
גרייפנר ישעיה (בן שמואל) אשתו וארבעה ילדים
גרייפנר שמעון, אשתו וילד אחד
גרייפנר יוסף, אשתו ושני ילדים
גרייפנר דוד
גרייפנר מאיר
גרייפנר חיה נעכא
גרייפנר רחל
גרייפנר הלל
גרייפנר ישעיהו (בן אביגדור), אשתו וארבעה ילדים
גרייפנער רעלא, שני ילדים
גרייפנר ישעיה (בן שלמה) אשתו ושלושה ילדים
גרייסנר שלום, אשתו ושני ילדים
גולדשר בילה מלכה
גולדשר בעריש, אשתו ושני ילדים
גולדרינג דוד, אשתו ושלושה ילדים
גוטפריינד חנוך, אשתו ושלושה ילדים
גוטפריינד יהודה, אשתו וילד אחד
גרבאטי הרשל, אשתו ושלושה ילדים
גרוס יוסה
גרוס מאיר, אשתו
גולדשר קופל, אשתו
גולדשר משה, אשתו ושני ילדים

גולדשר מאָטל, אשתו ושני ילדים
גולדשר צבי, אשתו
גלברד יהודית בעלה וילד אחד

### ד

דנציגר חיים לייזר, אשתו ושני ילדים
דנציגר שאול, אשתו ושני ילדים
דנציגר אלתר דוד, אשתו ושני ילדים
דנציגר (בנו של אלתר דוד), אשתו וילד אחד
דנציגר אלתר, אשתו
דרזנר חיים דוד, אשתו וחמישה ילדים
דרזנר יואל, שלושה ילדים
דרזנר ראובן
דרזנר אברהם דוב, אשתו ושני ילדים
דודקעוויטש משה, אשתו
דודקעוויטש לייביש, אשתו וחמישה ילדים
דודקעוויטש צבי
דומברובסקי אברהם, אשתו וילד

### ה

הורוביץ אליעזר, אשתו
הורוביץ בעריש, אשתו
הורוביץ דוד, אשתו
הימלפרב מרדכי, אשתו ושלושה ילדים
הולצדורף יוסף, אשתו וארבעה ילדים
האָניק כוואלע

### ו

וונדרסמן דוב, אשתו
ורשבסקי אלימלך
ורשבסקי בילה
ורשבסקי הירש, אשתו וילד
ורשבסקי שלמה, אשתו
וינר אברהם וואָלף, אשתו וחמישה ילדים
וישניצקי מרדכי, אשתו וילד
וישניצקי משה
וישניצקי שמואל, אשתו
וינגרטן הלל, אשתו ושני ילדים
וינגרטן צבי, אשתו וילד
ורדיגר נתן, אשתו ושלושה ילדים
ורדיגר מינה, בעלה
ורמונד זאב, אשתו ושני ילדים
וינטרויב יעקב לייב, אשתו ושני ילדים
וינטרויב דוב, אשתו ושני ילדים
וינטרויב איטשע, אשתו ושני ילדים
וינטרויב אהרן, אשתו ושני ילדים
וינטרויב פישל, אשתו ושני ילדים
וינטרויב דוד, אשתו
וינטרויב אהרן (בן מאיר), אשתו ושני ילדים
וינטרויב מרדכי (בן משה), אשתו ושני ילדים
וינסרויב משה, אשתו ושני ילדים
וינפלד מרדכי, אשתו ושלושה ילדים
וסר אלימלך, אשתו וחמישה ילדים
ולנר משה שמואל, אשתו ושלושה ילדים

### ז

זילברשטיין שמואל
זילברשטיין העשקע, אשתו ושלושה ילדים
זילברשטיין מאָטקע, אשתו ושני ילדים
זילברשטיין מרדכי, אשתו וארבעה ילדים
זילברשטיין ישראל יהודה
זילברשטיין ישראל, אשתו וחמישה ילדים
זילברשטיין גרשון, אשתו ושלושה ילדים
זילברשטיין צבי (בן יעקב) אשתו ושני ילדים
זאיאנצקובסקי פייוול, אשתו
זאיאנצקובסקי מנדל, אשתו ושני ילדים
זרנוביעצקי ראובן, אשתו ושני ילדים
זרנוביעצקי חיים, אשתו ושני ילדים
זלצמן חנוך, אשתו

זלצמן פערל, שלושה ילדים
זלצמן לייביש, אשתו וחמישה ילדים
זלצמן מאיר דוד, אשתו
זונשיין משה, אשתו ושני ילדים
זיסקוביץ אברהם יצחק א,שתו ושמונה ילדים
זלמן בלומה, וילד
זלמן הרשל, אשתו ושלושה ילדים
זיידנער בער לייב, אשתו וילד
זיידנר יעקב, אשתו ושלושה ילדים
זיידנר אליהו, אשתו ושני ילדים

## ח

חינפריד משה, אשתו וחמישה ילדים
חרנדורף יצחק, אשתו ופילד
חרנדורף בעריש
חרנדורף אברהם
חרנדורף (חותנו), אשתו

## ט

טורבצקה אברהם, שלושה ילדים
טברסקה (רופאת שניים)
טריימן פנחס, אשתו וילד
טריימן זלמן, אשתו
טריימן משה (בן זלמן) ,אשתו וארבעה ילדים
טריימן מאיר (בן זלמן), אשתו ושלושה ילדים
טריימן מרדכי לייב, אשתו וילד אחד
טריימן טוביה (בן מרדכי לייב), אשתו ושני ילדים
טיירמן טוביה (בן מרדכי לייב), אשתו ושני ילדים
טריימן משה (בן פייוול), אשתו ושלושה ילדים
טריימן מנדל, אשתו
טריימן מינדת (נכדה של פנחס טריימן)
טננבוים דוד, אשתו ושני ילדים
טשרני יוסף יודל, אשתו ויילד

## י

יוסקוביץ (מלמד), אשתו וארבעה ילדים
יוסקוביץ משה, אשתו וארבעה ילדים
יוסקוביץ משה (כלעוויץ), אשתו
יקובוביץ יידל
יזרובסקי אברהם געצל, אשתו וארבעה ילדים
יזרובסקי אברהם דוב, אשתו ושני ילדים
יזרובסקי אברהם לייביש, אשתו וחמישה ילדים
יודקעוויץ אסתר
יודקעוויטש מרים (בת אלתר לייב) שלושה ילדים

## כ

כץ משה, אשתו ושלושה ילדים
כץ ינטל
כץ דוד, אשתו
כץ זלמן (בן דוד), אשתו וששה ילדים
כץ טוביה, אשתו ושלושה ילדים
כץ מרדכי (בן קופל), אשתו ושלושה ילדים
כץ נחום, אשתו ושלושה ילדים
כץ טוביה (בן ראובן), אשתו ושלושה ילדים
כהן פישל, אשתו
כהן אהרן, אשתו ושלושת ילדים

## ל

ליינובר יוסף, אשתו ושני ילדים
ליברמן מאשקע, אשתו ושני ילדים
ליס חיים, אשתו וארבעה ילדים
ליס שרה דינה

ליס מרדכי, אשתו וילד אחד
לאודון יוסף, אשתו וארבעה ילדים
לובינסקי משה, אשתו ושלושה ילדים
לובינסקי אברהם הענדל, אשתו ושלושה ילדים
לדרמן אביגדור, אשתו ושני ילדים
לנצנר יעקב הערש, אשתו ושלושה ילדים
לנצנר אביגדור (בן אלתר)
לנצנר אהרן, אשתו ושני ילדים
לנצנר בעריש, אשתו וילד
לנצנר שמואל לייב, אשתו וארבעה ילדים
לנצנר אוריש, אשתו ושני ילדים
לנצנר אברהם (יעזאנץ), אשתו ושלושה ילדים
לנצנר אברהם משה, אשתו וילד
לנצנר לייביש, אשתו וחמישה ילדים
לנצנר לייביש מנדל, אשתו ושני ילדים
לנצנר אלתר לייב, אשתו ושני ילדים
לנצנר יידל, אשתו וחמישה ילדים
לנצנר שרה
לנצנר אברהם אשתו ושני ילדים
לנצנר אסתר, בעלה וילד
לנצנר וואלף, אשתו וילד אחד
לנצנר מרדכי, אשתו ושני ילדים
לנצנר חיים, אשתו וילד
לנצנר אברהם, אשתו ושלושה ילדים
לנצנר מנדל (בן מרדכי), אשתו וארבעה ילדים
לנצנר וואלף (בן עמנואל), אשתו ושלושה ילדים
לנצנר מאיר, אשתו ושלושה ילדים
לנצנר רחל (אשת משה צבי)
לנצנר ישראל (בן משה צבי)
לנצנר חוה (בת משה צבי)
לנצנר אברהם (בן אהרן), אשתו ושני ילדים
לנצנר יעקב (בן אהרן), אשתו וילד אחד
לנצנר דוד (בן אהרן)
לנצנר לייביש, ילד אחד
לנצנר יהודה, אשתו וילד
לנצנר רבקה מינדל, שני ילדים
לנצנר חיים, אשתו ושלושה ילדים
לנצנר אברהם ישעיה, אשתו וארבעה ילדים
לנצנר משה (בן אריה), אשתו
לנצנר יעקב הירש (בן משה), אשתו וארבעה ילדים
לנצנר שמחה (בן משה), אשתו ושלושה ילדים
לנצנר פישל (בן משה), אשתו ושלושה ילדים
לנצנר רחלה (בת משה), בעלה ושני ילדים
לנצנר משה שמואל (בן מאיר)

## מ

מנגל ישראל יצחק, אשתו וארבעה ילדים
מנגל משה, אשתו
מאנעלא מאיר דוד, אשתו ושני ילדים
מייטליס טוביה, אשתו
מייטליס משה, אשתו ושני ילדים
מייטליס, אשתו ושני ילדים
מייטליס פייגל
מייטליס פישל, אשתו ושני ילדים
מייטליס לייבל, אשתו וילד אחד
מיאדאווע ברוך לייביש ,אשתו וחמישה ילדים
מיאדאווע ישעיה, אשתו ושלושה ילדים
מיאדאווע דוד, אשתו וילד
מיאדאווע אברהם, אשתו ושני ילדים
מידאווע יעקב
מיאדאווע שמעון
מיאדאווע יוסף, חמישה ילדים
מיאדאווע רייזל )בת משה יהודה)

מייזלער זיסמן דר״, אשתו וילד
מינץ אייזיק, אשתו ושני ילדים
מונוביץ שמואל יוסף, אשתו וארבעה ילדים
מונוביץ פנחס, אשתו ושלושה ילדים
מונוביץ איטשל, אשתו ושלושה ילדים
מונוביץ חיים, אשתו וששה ילדים
מונעטא רפאל, אשתו ושלושה ילדים
מירוביץ משה (בן שמואל), אשתו ושני ילדים
מלר שמעון, אשתו ושבעה ילדים
מלר יעקב עמנואל, אשתו ושני ילדים

## נ

ניימן משה
ניימן לייבל, אשתו ושלושה ילדים
ניימן שמשון, אשתו וארבעה ילדים
ניימן יצחק, אשתו ושלושה ילדים
ניימן יצחק, אשתו ושלושה ילדים
נקלסקי מרדכי, אשתו ושני ילדים
נקלסקי טובה, ילד אחד

## ס

ספשבסקי שמואל, אשתו ושלושה ילדים
ספשבסקי יידל, אשתו ושלושה ילדים
ספשבסקי אפרים, אשתו וארבעה ילדים
ספשבסקי בערל, אשתו ושני ילדים
סקובלסקי מרדכי, אשתו וארבעה ילדים
סנדוביץ רחל
סטודנברג זיסמן, אשתו
סנופקובסקי הרשל ,אשתו
סנופקובסקי (בן הרשל) אשתו ושני ילדים
סנופקובסקי בעריש (בן הרשל) אשתו וילד
סנופקובסקי הרשל (חותנו עמנואל שטיבלמן), אשתו ושלושה ילדים

## פ

פרלגר לעמל
פרלגר יוסף אהרן, אשתו וחמישה ילדים
פרלגר דוד, אשתו וששה ילדים
פרלגר יוסף, אשתו ושלושה ילדים
פרלגר משה שמואל, אשתו
פרלגר אברהם, אשתו ושני ילדים
פרומר ישראל, אשתו ושלושה ילדים
פרימורגן, אשתו וארבעה ילדים
פרייקורן יידל, אשתו וילד
פרייקורן טובה לאה
פרייקורן ליפא, אשתו
פרידמן קלמן, אשתו
פינקלשטיין יצחק, אשתו ושני ילדים
פינקלשטיין פישל
פלטקיעוויץ דוד, אשתו ושני ילדים
פרופסורסקה טובה
פוליבודה שלמה דוד, אשתו וארבעה ילדים
פיינבלט וואלף, אשתו וארבעה ילדים
פלצר רייזל
פקטור בנימין, אשתו
פרידברג ישראל, אשתו ושלושה ילדים
פרידברג יצחק דוד, אשתו וחמישה ילדים
פלצמן הינדה
פומרנץ כוואלע, ילד אחד
פומרנץ שמעלקע, אשתו ושני ילדים
פומרנץ חנניה, אשתו ושני ילדים
פומרנץ מאיר, אשתו ושני ילדים
פוסש יתיאל, אשתו ושני ילדים
פקטור, אשתו
פריזר נתן, אשתו ושני ילדים
פייגנבלט מרים (אשת ר׳ משה ברוך)
פשטצקי גיטל, שני ילדים
פשטצקי מנדל
פייוויש משה יעקב, אשתו וארבעה ילדים

## צ

צוקרמן יהושע, אשתו ושני ילדים
צוקרמן אברהם יעקב, אשתו וילד
צוקרמן דוד, אשתו וארבעה ילדים
צוקרמן דוב יוסף, אשתו
– צוקרמן יעקב, אשתו ושני ילדים
צוקרמן בערל, אשתו
צוקרמן נתן, אשתו
צוקרמן (דוד בן מאטל,
צוקרמן קיילע גאָלדע
וילד
צוקרמן יוסף (בן אברהם יעקב), אשתו
צוקרמן מלכה (בת קיילע גאָלדע), בעלה
צוקרמן אסתר

## ק

קופרברג לייב (בן משה שמואל), אשתו
ושני ילדים
קופרברג בער, אשתו ושלושה ילדים
קופרברג לייב (בן צבי), אשתו
קופרברג יעקב (בן צבי), אשתו וילד אחד
קופרברג דוד, אשתו ושני ילדים
קופרברג ברוך
קופרברג משה שמואל, אשתו ושלושה
ילדים
קופרברג יצחק (בן משה שמואל), אשתו
וארבעה ילדים
קופרברג שלמה, אשתו ושני ילדים
קופרברג בערל, אשתו
קופרברג אברהם, אשתו וארבעה ילדים
קופרברג מאיר בער (בן אליעזר), אשתו
וששה ילדים
קופרברג שמחה (בן אליעזר), אשתו
וששה ילדים
קראן דוד, אשתו וחמישה ילדים
קרימן אפרים, אשתו וחמישה ילדים
קרימן אהרן, אשתו וילד
קופרמינץ אהרן, אשתו
קופרמינץ מאָסל, אשתו ושלושה ילדים
קמינר יוסף, אשתו ושלושה ילדים
קאנל אלתר, אשתו וחמישה ילדים
קאנל חיים איטשע, אשתו ושני ילדים
קאנל יוסף, אשתו ושני ילדים
קאנל יוסף, אשתו ושלושה ילדים
קייזר משה לייב, אשתו
קייזר יקותיאל, אשתו ושני ילדים
קרקובר ביילה, ילד אחד
קרקובר פייוול, שני ילדים
קרפין שמואל
קזשובר דוד, אשתו ושני ילדים
קזשובר לייזר, אשתו וחמישה ילדים
קזשובר אבא, אשתו ושלושה ילדים
קלסנר מנחם, אשתו וילד אחד
קלסנר פייגל
הרב קמינסקי, אשתו ושלושה ילדים
קושלבסקי משה, אשתו ושני ילדים
קוזצקי יעקב, אשתו וחמישה ילדים
קוזצקי חיים, אשתו ושני ילדים
קופרמינץ יחזקיאל, אשתו ושני ילדים

## ר

רוזנסקי זנבל, אשתו ושני ילדים
רייך יצחק מאיר, אשתו ושני ילדים
רייכמן יוסף מאיר, אשתו וארבעה ילדים
ריכט יחיאל מרדכי, אשתו ושלושה ילדים
רובינשטיין מאָטקע, אשתו ושלושה ילדים
רובינשטיין ראובן, אשתו ושלושה ילדים
רודזינק יוסף, אשתו ושני ילדים
רודזינק שלמה, אשתו ושלושה ילדים
רודזינק שיינדל
רוזנברג יוסף, אשתו וילד אחד
רוזנברג משה לייב, אשתו ושני ילדים
רוזנברג געצל, אשתו
רוזנברג יצחק

רוזנברג מאטקע, אשתו ושני ילדים
רוזנברג ישראל הלל
רוזנברג יצחק מאיר, אשתו וילד אחד
רושין ראובן, אשתו ושלושה ילדים
רושין יחיאל וואלף, אשתו ושלושה ילדים
רושין יצחק מאיר, אשתו וחמישה ילדים
רושין ישעיה, אשתו ושלושה ילדים
רושין מלכה (בת חיים נטע), ילד אחד
רושין ניסל
רושין משה, אשתו וילד אחד
רושין שמואל
רושין דוד נתן, אשתו
רוזנבלט דוד (ציריזר), אשתו
רוזנבלט יעקב יוסף, אשתו ושלושה ילדים
רוזנבלט מרדכי, אשתו וארבעה ילדים
רוזנבלט יחיאל, אשתו ושני ילדים
רינסקי משה, אשתו
רינסקי נתן, אשתו ושלושה ילדים
ריגר יצחק, אשתו ושני ילדים
ריגר אברהם, אשתו
ריגר נתן, אשתו וארבעה ילדים
רפולוביץ הרשל, אשתו ושני ילדים
רפלוביץ פישל, אשתו ושני ילדים
רפלוביץ חיים, אשתו וארבעה ילדים
רפלוביץ חיים יוסף, אשתו ושלושה ילדים
רפלוביץ משה, אשתו ושני ילדים
רפלוביץ (אשתו של יוסף), שלושה ילדים
רוזנבוים יחיאל, אשתו ושלושה ילדים
רוזנבוים רפאל, אשתו ושלושה ילדים
רוזנצוויג לייביש, אשתו ושני ילדים
רוזנצוויג איטשל, אשתו וילד אחד
רוזנצוויג דוב, אשתו ושני ילדים
רוזנצוויג סובה לאה
רוזנצוויג אברהם, אשתו ושני ילדים
רוזנצוויג בילה הנדל, ילד אחד
רוזנצוויג (אשת אהרן), שלושה ילדים
רוזנצוויג אברהם (בן צינה)

רבינוביץ ישעיה, אשתו
רוזנברג אברהם, אשתו וארבעה ילדים
רוזנברג שמחה
רוזנברג ליפה, אשתו וארבעה ילדים
רוזנברג דוד, אשתו
רוזנברג אהרן, אשתו וארבעה ילדים
רוזנברג שמעון (בן יצחק), אשתו ושלושה ילדים
רוזנברג משה (בן יצחק, אשתו ושלושה ילדים
רידלר ישראל, אשתו ושלושה ילדים
רידלר חנה
רוזנבלום בריינדל חנה, שני ילדים
רוזנצוויג אייזיק

## ש

שורצברג אברהם, אשתו וארבעה ילדים
שטם גיטל, שלושה ילדים
שפיגל ברוך, אשתו וששה ילדים
שפירא מאיר
שפס שלמה, אשתו וחמישה ילדים
שורצבוים חנה
שקלרזש יידל, אשתו וארבעה ילדים
שטיבלמן שלמה, אשתו וילד
שטיבלמן הרשל (בן שלמה), אשתו ושלושה ילדים
שטיבלמן יעקב (בן נטע)
שטיבלמן אסתר )בת נטע)
שטיבלמן יידל (בן נטע)
שטיבלמן עמנואל, אשתו ושלושה ילדים
שטיבלמן אלתר (בן עמנואל), אשתו ושני ילדים
שטיבלמן אהרן, אשתו
שטיבלמן אלתר (בן אהרן), אשתו וילד
שטיבלמן רפאל, אשתו ושני ילדים
שטיבלמן משה, אשתו ושני ילדים

שטיין שלמה, אשתו
שטיין חיים, אשתו ושלושה ילדים
שטיין אברהם, אשתו ושני ילדים
שבת אברהם וואלף, אשתו וילד
שבת פנחס, אשתו ושלושה ילדים
שורצבוים הינדה מרים
שורצבוים מאיר (בן אשר), אשתו וארבעה ילדים
שורצבוים יוסף (בן אשר), אשתו וחמישה ילדים
שורצבוים מנדל, אשתו וששה ילדים
שורצבוים מיכאל, אשתו וילד
שורצבוים חיים יוסף, אשתו
שורצבוים צבי, ילד אחד
שורצבוים אברהם (בן חיים יוסף), אשתו ושני ילדים
שורצבוים אלימלך, אשתו ושני ילדים
שורצבוים שמואל (בן אלימלך), אשתו ושלושה ילדים
שורצבוים מרדכי, אשתו וילד
שורצבוים יעקב, אשתו וילד
שורצבוים משה, אשתו ושלושה ילדים

# רשימה פון די געוועזענע שטשעקאָסשינער וועלכע וווינען אין ישראל

איצקוביץ חיה, יפו, שד. ירושלים 29
איצקוביץ אלתר, יפו, בוסטרוס 19
איצקוביץ יהודה, ירושלים, שמעון רובין 58 (פינת שמואל הנביא)
אלטמן שושנה, תל־אביב, עליה 64
ברין מנחם, תל־אביב, עין־יעקב 5
בן שלמה מרדכי, גדרה
ברושה חנה, תל־אביב, צבי פרץ 6
בוגומולני, רחובות ארלוזורוב 41
בורנשטיין חיים, גליל־ים, שיכון נוה עובד 134 (הרצליה)
בורנשטיין מנחם, רמת־חן, דרך־השלום 5
גרייפנר ישעיה, תל־אביב, ז'בוטינסקי 74
גרייפנר צבי, רמת־חן, שיכון משכנות 516
גרייפנר חיים (גרסי) חיפה
גרייפנר יטה, רמת־גן, רח' חצור 14 א'
גרייפנר שמעון, ת"א שיכון עממי ג' 73
גרייפנר צבי, תל־אביב, השל"ה 6
גלברט שלמה, גבעת־עליה, רח' 170 מס' 8
גרוסופר חנה, ירושלים, עזה 15
גורטמן ישראל, קרית ביאליסטוק
גרינברג צילה, רמת־גן, ירקונה 35
גולדשר אברהם, הרצליה ג'
דנציגר אריה, תל־אביב, שטנד 4
דודקביץ מירל, תל־אביב, אבן פקודה 53
דויטש משה, תל־אביב, זנגביל 16
דומברובסקי ישעיהו, רמת־גן, ביאליק 68
דסקובסקי, תל־אביב, בזל 9
הנדלסמן מרים, תל־אביב, שכ' נורדוי 30
וויינברג, תל־אביב, קרן־קימת 63
ווייסליץ רבקה, תל־אביב, מלצ'ט 55
וינר שמואל, גבעתיים, שדה־בוקר 6
וקסמן שאול, רמת־יצחק, הרב קוק 192
ולנר ליפא, תל־אביב, יסוד המעלה 56
ויינטרויב משה, תל־אביב, שיכון עממי ג', דרך־השלום 13
וילציק גציל, בת־ים, סוקולוב 6
וויינשטוק יהודית, תל־אביב, אילת 42
זיידנר נחום, תל־אביב, הרצל 56
זילברשטיין יהודה, תל־אביב, אבן־עזרא 38
זילברשטיין אברהם, תל־אביב, יהושע בן־נון 31
זילברשטיין שלמה, תל־אביב, שכ' שמעון
זילברשטיין יצחק, תל־אביב, פנקס 11
חפץ יונה, תל־אביב, שיכון עובדי נמל, אבן גבירול
טריימן חנוך, רחובות, לוין אפשטיין 36
טריימן שרגא, כפר־סבא
טייכר, חיפה, הרצל 51
יוסקוביץ יוסף, רמת־הדר, דואר רמתיים
יודקעביץ יוסף, תל־אביב, יונה הנביא 38
לנצנר יצחק, תל־אביב, שנקין 22
לנצנר מאיר דוד, רמת־חן (שיכון צבא קבע, רסקו)
לנצנר דוד, רעננה, איטליז
לנצנר, נחלת־יצחק, גבורי ישראל 138
לנצנר צירל, יפו, 251/65
לוטרמן חנה, רמת־גן, הנגיד 8

לובינסקי קופל, תל־אביב, שיכון עממי ג׳ (דרך השלום 93)
ליכט אסתר, רמת־גן, הדר 24
מונטה דבורה, תל־אביב, בזל 9
מורגנשטרן, רמת־גן
מירוביץ יוסף, תל־אביב מרחביה (חנות נייר)
מירוביץ אליעזר, תל־אביב, קרן־קימת 82
מידובה ישראל, תל־אביב, דרך־חיפה 13 (מגורים)
מרקוביץ יהודה, גבעתיים, ל״ה 62
מללר שלמה, שכ׳ מוגרבי, יציאת אירופה 41
מנגל גרשון, חיפה, כרמל צרפתי, רמת שאול 10/8
מנלה שלום, כפר־אתא, מעברה, צריף 285
מינץ דוד, רמת־חן (טילוף)
ציימן, נתניה (חנות נעליים)
פופס חנה, רמת־גן, יהלום 65
פרומר לוי, תל־אביב, בן־יהודה 44
פומרנץ אליעזר, תל־אביב, שלמה המלך 49
פריים, תל־אביב, עין יעקב 25
סרייקורן מנחם, גבעתיים, כצנלסון 141
פייגנבלט יהודה, גבעתיים, התע״ש 61
פייגנבלט אלחנן, תל־אביב, אילת 42
פייגנבלט אייזיק, כפר־שמריהו (חנות כל בו)
פייגנבלט חנוך, חיפה (קרית־חיים)
פומרנץ אברהם, רחובות, שכ׳ אפרים
פומרנץ צבי, נתניה, שד׳ וויצמן 5
סוליבודה מאיר, גבעתיים, צ.ה.ל. 36
פרגר צבי, רמת החיל 8
צוקרמן ישראל, רמת־גן, ביאליק 67
קימחי, תל־אביב, מלון שינקין
קופרברג יצחק, יפו, בוסטרוס 13
קירשנצווייג שושנה, רעננה, אחוזה 174 (חנות מכולת)
קורנברוט ישעיה, ראשון לציון, ז׳בוטינסקי 35
קשסיבר משה, חיפה, הורי 24
קנל, יפו, בוסטרוס 19
קופל, תל־אביב, גרוזנברג 8
רפאלי יחיאל, תל־אביב, בלוך 25
רוזנבלום מלכה חנה, גבעתיים, ארלוזורוב 6
רוזנבלט אברהם, גבעתיים, כצנלסון 143
רומקעביץ יעקב, פתח־תקוה, מוהליבר 21
רוס יפה, רמת־יצחק, אגדה 5
ריכט דוד, חולון, גורדון 19 (שיכון ותיקים)
רוזנברג אלתר, כפר־חסידים, שיכון רסקו 13
רושין אריה, רעננה, (מכבסה)
שורצבוים אברהם, רמת־גן, ירקונה 19
שוייצר ישראל, יפו, שד. ירושלים 29
שפירא חנה לאה, רמת־גן, הדר 24
שטיבלמן פישל, הרצליה, סוקולוב מעגלה 39
שיק חיים, תל־אביב, רש״י 15

# פונעם אינהאלט:


פנקס שצוקצין — 3

י. בן אברהם — בית הקברות שלנו — 4

ש. ישראל — אונזער בית הקברות — 5

חנוך — בשער הספר — 7—6

י. ש. — אנשטאט אן הקדמה — 7

בן־פנחס — הספר של קדושה — 8

ישראל שווייצר — דער פארוואקסענער וועג — 58—9

אברהם שווארצבוים — שטשעקאטשין אין דער געז. סעטיקיים — 68—59

יצחק קופערבערג — געווען אמאָל א שטאָט שטשעקאטשין — 87—69

חנוך טריימאן — קדיש נאָך אונזער קהילה — 96—88

ישראל גורטמאן — שטשעקאטשין מיין שטעטל — 103—97

א. קלרמן — זכרונות על אחת העיירות בפולין — 106—104

אייזיק שווארצבוים — דערינערונגען פון אמאָל — 116—107

מנחם ברין — אביסל זכרונות וועגן שטשעקאטשין — 119—117

אליעזר פאָמעראנץ — אן עפיזאָד. וואָס לאָזט זיך נישט פארגעסן — 123—120

שמואל ווינר — מסרת הספר וזכרונות — 133—124

רחל שווייצר — צום אנדענק פון מיינע חברים וחברות — 137—134

אלתר איצקאָוויטש — שטשעקאטשין ווי איך געדענק עס — 141—138

דוד ריכט — שטשעקאטשין, שטייט מיר פאר די אויגן — 144—142

מרדכי בן שלמה — קהלת שצקוצין — 154—145


## הלק שני


אבראמטשע — דער אָנהויב פונעם חורבן — 171—157

בן פנחס — לקהלת שצקוצין אשר הושמדה — 177—172

ישראל בער צוקערמאן — 28 חדשים אין א בונקער — 203—178

ישראל שווארצבוים — מיין לעצטער באזוך אין שטשעקאטשין — 206—204

יצחק אלססי — 2 דמויות מעולם החסידות — — — 207—

צבי גרייסנער — דער אנהויב פונעם סוף — — — — 215—208

אפרים שטיבלמאן — איך האב אלץ געזען — — — 229—216

מנחם פרייקארן — מיינע איבערלעבונגען אונטערן נאצי רעזשים 238—230

אברהם זילבערשטיין — אזוי איז עס געווען — — — 260—242

י. בן־אברהם — קובר געווען צום 2־טן מאל — — — 264—261

יזכור — — — — — — — — — 273—265

רשימה פון די געוו. שטשעקאטשינער אין ישראל — — 276—275

תיקון טעות — — — — — — — — 279—

# תיקון טעות

אויף זייט 55 איז אין דער אונטערשריפט פונעם בילד אריינגעפאלן א בדויערנס ווערטיקער טעות.

צווישן די שטייענדע אויף דעם בילד געפינט זיך אויך די פרוי רבקה'לע ווייסליץ (פון דער היים זילבערשטיין). זי לעבט אין ישראל. מיר ווינטשן איר אריכת ימים.

אינעם בילד פון בעלא סריימאן אויף זייט 96 איז אריינגעפאלן א פארדריסלעכער טעות מיטן צוגעבן אונטער דעם נאמען חנוך סריימאן הי"ד — אנשטאט אונטער דעם נאמען בעלא סריימאן די טאכטער פונעם מחבר.

אין דער רשימה פון די קדושים בםקום וויינטרויב אהרן בן מאיר, דארף זיין בן אלתר.

אין דער רשימה פון די לעבן געבליבענע, פעלט דער אדרעס פון מגנספלד שושנה, רמת־גן הדר 12.